STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00786

TSVISHN MILHOME UN SHOLEM

Joseph Tenenbaum

Permanent preservation of this book was made possible by
Iris Rainer Dart
in memory of
Rose & Harry Ratner

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יוסף טענענבוים

צווישן מלחמה און שלום

ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

H9

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פֿאַרלאַגס־לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פּייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

ד"ר יוסף טענענבוים

צווישן מלחמה און שלום

יידן אויף דער שלום־קאָנפערענץ
נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

*

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1956 — תשט"ז

אינהאַלט

הקדמה — 7
I — פאַרן סוף פון דער מלחמה — 13
II — רוסלאַנד און אוקראַינע — 24
III — אַמעריקע נעמט איבער — 31
IV — יידן פאַרן צו דער שלום־קאָנפערענץ — 45
V — די יידישע שלום־שליחים אין אַ קאָנפליקט — 60
VI — קאָמיטעטן און קאָמיטעטלעך — 81
VII — דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס — 87
VIII — די דעלעגאַציע פון פוילישן יידנטום — 94
IX — די שלום־קאָנפערענץ ביי דער אַרבעט — 103
X — די יידישע שלום־דעלעגאַטן ביי דער אַרבעט — 115
XI — כמאַרעס פאַר זון־אויפגאַנג — 139
XII — דער פראָטעסט פון די קליינע מלוכות — 146
XIII — נאָכן שלום־שלוס מיט דייטשלאַנד — 166
XIV — דער רומענישער שלום־אָפּמאַך און די אַנדערע פעלקער — 173
XV — די פּאַלעסטינע פראַגע — 184
XVI — די קריטיק פון מינדערהייטן־טראַקטאַט — 192
XVII — פונעם קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס ביז צום וועלט־קאָנגרעס — 204
הערות — 213
הוספות — 221
נעמען־רעגיסטער — 259

הקדמה

די ווערסאַלער שלום־קאָנפֿערענץ אין יאָר 1919, איז היינט אפֿשר נישט זייער פּאָפּולער. ס׳איז געוואָרן אַ מאָדע זי צו שלאָגן מלקות פֿאַר אַלערליי חטאים, פֿאַר וועלכע זי איז גאָרנישט פֿאַראַנטוואָרטלעך; מענטשן פֿאַרגעסן גאָר אין גאַנצן, אַז אין דעם שטעקט אַ סך דייטשע פּראָפּאַגאַנדע. פֿאַר אונדז יידן האָט דער שלום זיכער אַ גאָר גרויסן באַדייט. אָן ווערסאַל וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין ירושלים; און די מינדערהייטן־רעכט האָבן, צום ערשטן מאָל אין אונדזער גלות געשיכטע, אונדז געגעבן די ווערדע און אנערקענונג פֿון אַ צד אין דער משפּחה פֿון פֿעלקער, וואָס דאַרף נישט בעטן קיין גמילות־חסדים ביי קיינעם, נאָר אָפֿן און הויך פֿאַרלאַנגען זיינע רעכט פֿאַר אַ זעלבשטענדיקן קולטורעלן קיום, אפֿילו אין גלות.

די יידישע דיפּלאָמאַטיע נאָך חורבן בית־שני וואַרט נאָך אַלץ אויף אַ היסטאָרישן אָפּשאַץ. אָבער ס׳איז גאָר קיין ספֿק נישט, אַז מיטן פֿאַרלוסט פֿון דער מדינה האָט נישט אויפֿגעהערט דאָס יידישע פּאָליטישע לעבן. אַלץ האָבן יידן פֿאַרלוירן מיטן אונטערגאַנג פֿון דער יידישער מלוכה: פֿרייהייט, אומאָפּהענגיקייט און פּאָליטישע מאַכט, אָבער נישט דעם פּאָליטישן חוש פֿון אַן איינהייטלעכן יידישן פֿאָלקס־קיום. עס עקזיסטירט נישט אין ערגעץ אַזאַ שווערע דיפּלאָמאַטישע קונסט ווי די יידישע גלות־פּאָליטיק. זייענדיק צעזייט און צעשפּרייט אויף אַ גלאָבאַלן שטח, זענען יידן געווען געצוווּנגען, צו פֿירן אַ גלאָבאַלע פּאָליטיק — אַ מין דיפּלאָמאַטיע גרויס ווי דער גלות, און טיף ווי דער תהום — אָן אַן אַרמיי און אָן אַ ברעקל מאַכט. ווי אַ גוטער שאַך־שפּילער האָט די יידישע פֿירערשאַפֿט געמוזט גוט אויסרעכענען אַ יעדן מעגלעכן שאַכצוג פֿון די

פעלקער־שפּילער, אויף דער וועלט־בינע, אַנשטאָט דעם שאַך־ברעט. אָט־די קונסט פון זען פון דער ווייטנס, מה יביא היום, האָט דאָס יידישע פאָלק אַנטוויקלט צו אַ האַרמאָנישער שלימות פון אינסטינקט, אינטואיציע און קאַלטע שקלא־וטריא. און דאָס איז טאַקע איינע פון די ניסים צוליב וועלכע מיר זענען ניצול געוואָרן ווי אַ פאָלק אין דעם לאַנגן, שרעקלעכן גלות־לאַבירינט.

די איינציקע מאַכט וואָס האָט געזען די יידן־פראַגע ווי אַן אוניווערסאַלן וועלט־פּראָבלעם פונעם גאַנצן שטאָם־ישראל, איז געווען די קירך — אַליין אויך אַן אוניווערסאַלע קערפּערשאַפט; און אין דעם האָט געשטעקט די גרעסטע סכנה פאַר אונדזער קיום. גאַנץ פאַרקערט, זענען די יידן, אין די איינצלנע ישובים, ווו זיי האָבן אויפגעשלאָגן זייערע געצעלטן אויף דעם וועג פון זייער נע־ונד, באַהאַנדלט געוואָרן ווי דאָס פּריוואַט־אייגנטום פונעם הערשער, אַלס שקלאַפן פונעם פּיסקום (servi camerae) און די איינציקע מאָס, וואָס איז פאַר זיי אַנגעוועדנט געוואָרן, איז געווען זייער נוצלעכקייט. אָדער ווי אַ פּוילישער קיניג האָט זיך אויסגעדריקט: „די יידן, ווי אונדזערע אונטערטאַנען, מוזן זיין גרייט צו דינען אונדזערע באַדערפענישן מיט זייער געלט".

נוצלעכקייט איז אַ גאַנגבאַרע מטבע וואָס מען קאָן מיט איר האַנדלען; און אייגנטום איז אַ פּריוואַטע אַנגעלעגנהייט; און ווען נישט די קירך, מיט איר אוניווערסאַלער ממשלה, וואָלט דער גורל פון די יידן אין גלות געווען אַ פיל לייכטערער. אָבער דער אַלגעמיינער כלל איז געווען, אַז יידן זענען דאָס אייגנטום פונעם לאַנד, ווו זיי וווינען, און קיינער האָט נישט געטאָרט אַריינמישן זיך אין דער פּאָליטיק פון אַ פרעמד לאַנד בנוגע די יידן, אַ חוץ דער קירך.

אָט דער נוסח פון נישט־אינטערווענץ איז דורכגעבראָכן געוואָרן, טאַקע קעגן דער קירך, אין יאָר 1556, מיטן פּראָטעסט פון סולטאַן סולימאַן דעם גרויסאַרטיקן, קעגן מאָרד פון די מאַראַנען אין אַנקאָנאַ, אונטערן אויסרייד, אַז דאָס זענען געווען טערקישע אונטערטאַנען. אַ צוויי הונדערט יאָר שפּעטער האָבן די ענגלענדער און די האָלענדישע רעגירונג אינטערוועניִרט ביי מאַריאַ טערעסאַ, די עסטרייכישע קייסערין, אַז זי זאָל בטל מאַכן דעם גירוש־

דעקרעט פון די טשעכישע און מערישע יידן. אין ביידע פאַלן איז דאָס געשען צוליב יידישער שתדלנות: פון דאָניאַ גראַסיאַ מענדעס ביים טערקישן סולטאַן, און פון אהרן פראַנקס און משה הארט ביי דעם ענגלישן קעניג (1745-1744).

דאָס ערשטע מאָל ווען די יידישע פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן ביי אַ שלום־קאָנפערענץ פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, איז געווען אויפן ווינער קאָנגרעס אין יאָר 1815. אויך דאָ האָט געווירקט יידישע שתדלנות, טאַקע פון די דייטשע יידן גופא. אָבער דער הויפט־מאָטיוו איז געווען די נאַפּאָלעאָנישע פאָרמול פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט איינגעפירט אומעטום, ווו ס'האָבן אַריינגעדרונגען די נאַפּאָלעאָנישע לעגיאָנען. דער גרונט־פּרינציפּ איז געווען דער זעלביקער, וועלכן דער אַדוואָקאַט פון יידן־גלייכבאַרעכטיקונג, קלערמאָן טאָנער, האָט אַזוי דרייסט אויסגעדריקט אויף דער פּלאַטפאָרם פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג: „יידן ווי מענטשן קומט אַלצדינג — יידן ווי אַ פאָלק — גאָרנישט". דער פּרייז פון עמאַנציפּאַציע איז געווען אַסימילאַציע.

ס'איז נישט וויכטיק דאָ צו דערקלערן אַז די דייטשן האָבן פאַר דעם פּרייז אויך גאָרנישט געוואָלט געבן. אינטערעסאַנט איז, אַז אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויף דער שלום־קאָנפערענץ אין אַכען, אין 1818, האָט רעווערענד לואיס ווער, וועלכער האָט זיך משתדל געווען אַז יידן זאָלן קריגן ציווילע (נישט פּאָליטישע) רעכט, אין זיין מעמאָראַנדום דווקא יאָ באַטאָנט אַז יידן זענען אַ פאָלק, און אַז דער גלות איז נישט מער ווי אַ צייטווייליקער עטאַפּ אין זייער געשיכטע. אויך דאָס האָט געבראַכט וויניק פּרוכטן, אָבער דער פּרינציפּ, אַז די יידישע פראַגע געהערט צום אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן פאָרום איז געבליבן.

אין יאָר 1830, אויף דער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, ווו אויף דעם טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען די עמאַנציפּאַציע פון קריסטן פון דער טערקישער אויבערהערשאַפט, און אויפן קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1856 — 1858, נאָך דער קרים־מלחמה, איז געמאַכט געוואָרן אַ ווייטערער שריט אויף דעם געביט פון אינטערנאַציאָנאַלער

פּאָליטיק, נעמלעך, אַז ביי דער אויפשטעלונג פון נייע שטאַטן אָדער פּרינציפּאַליטעטן דאַרף הערשן דער פּרינציפּ, אַז די באַפרייטע פעל־קער מוזן געבן פולע גלייכבאַרעכטיקונג צו אַלע עטניש־רעליגיעזע מינדערהייטן אויף דער באַפרייטער טעריטאָריע. אין בערלינער קאָנ־גרעס, אין 1878, איז דער פּרינציפּ פון רעכט־גאַראַנטיעס דורך די באַטייליקטע מלוכות נאָך שאַרפער פּרעציזירט געוואָרן אין זיין אָנ־ווענדונג אויף רומעניע, סערביע און בולגאַריע.

איידער מיר שליסן דעם קורצן איבערבליק פון די פאַרשטופּן וואָס האָבן געפירט צום היכל פון ווערסאַל, וואָלט איך געוואָלט קורץ סומירן די מעטאָדן פון דער יידישער פּאָליטיק.

די יידישע פּאָליטיק האָט געשטיצט זיך אויף ש ת ד ל נ ו ת. וויכטיקע פירער אויפן געביט פון פינאַנץ, פּאָליטיק, אָדער אפילו פון מעדיצין (דעם הערשערס פּריוואַטע דאָקטוירים), האָבן געזוכט גנאָד פאַר יידן. די יידן האָבן באַצאָלט מיט גאָלד פאַר יעדן אַקט פון „הומאַניטאַרן" גנאָד. גאָלד איז געווען דער מאַכט־מיטל פון די אוממעכטיקע. ערשט אַרום די מיטעלע יאָרן פון 19טן יאָרהונ־דערט זענען אַרויפגעשוווּמען געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אָנגעהויבן פירן אַ שתדלנותדיקע אויסן־פּאָליטיק פאַר באַ־דריקטע ראַסן־ברידער, דאָס זענען געווען: די שוין פון פריער עקזיס־טירנדיקע „באָאַרד אָף דעפּיוטים" אין ענגלאַנד, די ניי־אַנטשטאַ־נענע „אַליאַנס איזראַעליט" אין פראַנקרייך, און דער „יידישער אַמע־ריקאַנער קאָמיטעט" אין אַמעריקע, שוין אויף דעם שליאַך פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט. אָבער בעת דער איינפלוס פון יידישע אָרגאַני־זאַציעס איז געשטיגן, איז די לעגענדע פון יידישער עשירות שטאַרק געפאַלן. נאָכן ווינער קאָנגרעס ווען די רעאַקציע האָט געבושעוועט, און פּאַגראָמען זענען אויסגעבראָכן אין דייטשלאַנד, האָט אַ ראָט־שילד געקאָנט דראָען, אַז זיין באַנק וועט ניט דיסקאָנטירן די וועקס־לען פון די שטעט וואָס האָבן געבראָכן זייערע פאַרפליכטונגען בנוגע יידן. און נאָך אין 1890, האָט די פּאַריזער ראָטשילד־פירמע זיך אָפּגע־זאָגט צו חתמענען אַ רוסישע מלוכה־הלוואה, אַזוי לאַנג ווי רוסלאַנד וועט נישט אויפהערן פּייניקן יידן. אָבער אין 20סטן יאָרהונדערט איז די „יידישע וואַליוטע", אַזוי צו זאָגן, אַראָפּ פונעם גאָלד־סטאַנ־

דאָרט. אַנדערע, נישט-יידישע הענט, האָבן פאַרכאַפּט דעם אויבן-אָן אין דער וועלט פון פינאַנצן.

דערפאַר אָבער איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור יידן, אויפגע-כאַוועט אין די טראַדיציעס פון הערצלס „יודענשטאַט" און באַזעלט מיט אַ נייעם גייסט פון אַ שטאָלצן טראַדיציאָנעלן און באַוווסטזי-ניקן יידנטום, ביי וועמען פרייהייט האָט געמיינט יידיש-נאַציאָנאַלע פרייהייט; יידן פון העלסינגפאָרס און קראָקע (ווו דער נאַציאָנאַל-יידישער פּראָגראַם איז פּראָקלאַמירט געוואָרן) וואָס האָבן נישט געבעטן נאָר געקעמפט פאַר זייערע רעכט — יידן וואָס האָבן נישט מער געוואָלט זיין קיין שתדלנים.

די שלום-קאָנפערענץ אין ווערסאַל איז געווען דער קולמינאַציע פונקט פון אָט דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דאָס איז געווען אַ קאָנפערענץ, ווו יידן האָבן צום ערשטן מאָל, אויף אַ וועלט-פאָרעם אָפּגעוואָרפן פון זיך די נאַפּאָלעאָנישע עמאַנציפּאַציע, און פאַר-לאַנגט נישט טאָלעראַנץ, אָדער דעם מאַטן שאָטן פון גלייכבאַרעכ-טיקונג, אָפּגעקויפט מיט זעלבסט-פאַראַט, נאָר אָן אמת יידיש-נאַ-ציאָנאַלן טשאַרטער פון לעבנס-באַרעכטיקטע תביעות פאַר אַ לע-בעדיקן יידישן ישוב; אָן אייגענע היים אין ישראל, און ווי רעווע-רענד וועי האָט אַזוי שיין געזאָגט: „יידישע רעכט אין גלות, וואָס איז נישט מער ווי אַ היסטאָרישער עטאַפּ אויפן וועג אַהיים".

און צום סוף אַ פּאָר פּערזענלעכע ווערטער:

ווען איך גיב אַ קוק אויפן בילד פון די דעלעגאַטן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם „קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס צו דער פרידן-קאָנפערענץ אין פּאַריז" — און נישט אַלע דעלעגאַטן זענען אויף דעם בילד — זע איך, אַז פון די וואָס זענען יאָ דאָ אויפן בילד, זענען נאָר צוויי נאָך געבליבן ביים לעבן. ווי איינער פון די „לעצטע" בין איך דאַנקבאַר, וואָס ס'איז מיר געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צו שרייבן דאָס דאָזיקע בוך. אָבער, איך קאָן נישט פאַרמיידן, נישט אויסצודריקן מיין טיפסטן דאַנק מיין טייערן פריינד מאַרק טורקאָוו, נישט נאָר ווי דעם רעדאַקטאָר פון דער וווּנ-דערבאַרער סעריע ביכער „דאָס פוילישע יידנטום", נאָר נאָך מער פאַר דעם, וואָס ער האָט מיר געגעבן די אינספּיראַציע און עקשנות-

דיק דערויף באַשטאַנען אַז איך זאָל די טעמע באַאַרבעטן. ווייל ווי עס זאָגט טורקאָוו, מוזן מיר איינזאַמלען אונדזערע אוצרות פון אַמאָל, איידער זיי וועלן פאַרלוירן גיין. נאָך דער גרויסער קאַטאַס־טראָפע איז נישטאָ מער קיין צייט צו וואַרטן...

י. ט.

ניו־יאָרק, אויגוסט 1955.

— I —

פאַרן סוף פון דער מלחמה

— א —

„די מלחמה צו מאַכן אַ סוף צו אַלע מלחמות", האָט זיך פאַרענדיקט מיטן וואָפנשטילשטאַנד פון 3טן נאָוועמבער 1918. דער וואָפנשטיל־שטאַנד איז געווען בלויז אויפן מערב־פראָנט. אין מזרח־אייראָפּע האָט די מלחמה אויפגעפלאַקערט ווי אַ שטרוי־פייער אויפסניי. די באָלשע־וויסטישע רעוואָלוציע האָט אַ טרייסל־געטאָן דעם רוסישן קאָלאָס און די שטיקער פונעם געפאַלענעם ריז האָבן זיך געוואָרפן און געטרונקען אין ים פון זייער אייגן בלוט און קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן קיין נביאות, וואָס דער סוף וועט זיין. קיין נייע וועלטן האָט טאַקע דער שלום נישט באַשאַפן, אָבער אַלטע זענען יאָ צעשטערט געוואָרן. אַ גרויסע איבערגרופּירונג פון מאַכט און פון באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן. דער שווער־פּונקט פון דער פּאָליטישער וועלט איז איבערגערוקט געוואָרן פון דייטשלאַנד קיין פראַנקרייך און פון אייראָפּע קיין אַמעריקע. בעת רוס־לאַנד איז געלעגן אין קאָנוואולסיעס האָט יאַפּאַן פאַרכאַפּט די מאַכט און דעם איינפלוס אין ווייטן מזרח און דאָס אַלטע ענגלאַנד, טראָץ איר גרויסן נצחון, האָט אָנגעהויבן דעם פּאַמעלעכן אַראָפּגליטש פון אירע פריערדיקע וועלטמאַכט־פּאָזיציעס. אַ שלום וואָס איז פאַרבונדן מיט אַזוי פיל עפּאָכע־מאַכנדיקע ענדערונגען טראָגט אין זיך במילא דעם פונק פון נייע קאָנפליקטן. צום גליק זענען מענטשן נישט קיין שטערנזעערס, און ווען איך נעם זיך איצט באַשרייבן די שלום־פאַרהאַנדלונגען אין פּאַריז אין יאָר 1919 וויל איך מיך צוריק אַריבערטראָגן אין דער אָפּטימיסטי־

שער אַטמאָספערע, וואָס האָט אַלעמען באַהערשט אין יענע טעג אין שיי־נעם פּאַריז — אַ שטאָט וואָס האָט פאַרכישופט און ממש פאַרשיכורט אַלעמען מיט דעם ברויז פון נצחון, פרייד און האָפענונג.

פאַר אונדז יידן, איז דאָס באַזונדערס געווען אַ גורלדיקע צייט, ווייל אין אָט דער תקופה זענען מקוים געוואָרן די צוויי גרעסטע האָפענונגען פון אונדזער גלות געשיכטע: 1) די רעכט־אנערקענונג פון יידישן פאָלק אויף זיין אַלטער היים און 2) דער אויפשטייג פון די יידישע פאָלקס־רעכט אין גלות. פאַרשטייט זיך, אַז ביידע זענען זיי נישט אָנגעקומען אָן גרויסע אָנשטרענגונגען און אָן גאָר גרויסע קאַמפן, ווייל אַ פאָלק באַ־דאַרף האָבן נישט נאָר חומר ולבנים פאַר זיינע בנינים, נאָר אויך אַ סך שווייס און בלוט, צו באַגיסן דעם ליים און אויסצוקנעטן אַ שטאַרקע צו־קונפט — און די יידן מוזן פאַר אַלץ באַצאָלן כפל־כפלים.

שוין בעת דער מלחמה האָבן פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבן אַרבעטן דעריף, אַז אין דעם פונדאַמענט פון דעם צוקונפטיקן פרידן, זאָלן נישט אויספעלן די נאַציאָנאַלע יידישע פאָדערונגען.

איינע פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן שטאַרק געקעמפט פאַר דער אנערקענונג פון די יידיש־נאַציאָנאַלע פאָדערונגען איז געווען די וועלט־אָרגאַניזאַציע פון דער פועלי־ציון פאַרטיי. די ביוראָ פון דער „אינטער־נאַציאָנאַלער יידיש־סאָציאַליסטישער פעדעראַציע פועלי־ציון" אין האַאַג, און שפּעטער אין שטאָקהאָלם, אונטער דער לייטונג פון שלמה קאַפּלאַנסקי, לעאָ כאַזאַנאָוויטש, בער באָראָכאָוו, בערל לאָקער און אַנדערע, האָט גע־האַלטן אין איין וועקן דאָס געוויסן פון די גרויסע אַרבעטער־פאַרטייען אין די אַליאירטע און נייטראַלע לענדער. דאָס יידיש־סאָציאַליסטישע פּרעסע־ביוראָ, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט בולעטינען אין פינף לשונות, און די „יידישע אַרבעטער קאָרעספּאָנדענץ" האָבן ממש אויפגערודערט די וועלט.

שוין אין יאָר 1915 האָט דער פועלי־ציוניסטישער וועלט־פאַרבאַנד פאַרגעלייגט פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ אַ וויכטיקן מעמאָראַנדום א"נ „די יידן אין דער מלחמה". אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די פועלי־ציוניסטישע פירער האָט דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַ־ציאָנאַל אויף זיין קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין האַאַג, פון

31סטן יולי ביז דעם 2טן אויגוסט 1916, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע לטובת דער אנערקענונג פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטס־רעכט. אַ יאָר שפּעטער האָט אַ קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטישע פירער אין אַמסטערדאַם אנער־קענט דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, איינשליסלעך אַ „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע” אין אַלע לענדער, ווו יידן האָבן געוווינט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, און האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים אין פּאַ־לעסטינע, ווי אויך פאַר אַ יידישער פאַרטרעטערשפט אין דער פעלקער־ליגע.

אין פרילינג 1917, האָבן די סאָציאַליסטישע פירער פון די נייטראַלע לענדער באַשלאָסן צו רופן אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנ־גרעס פון אַלע לענדער, כדי צו פאָרמולירן אַ פּראָגראַם פאַרן וועלט־פרידן. הגם דער קאָנגרעס איז נישט צושטאַנד געקומען, האָט פונדעסטוועגן דער צוגרייטונגס־קאָמיטעט, אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט, אויפן גרונט פון אַ פריערדיקער אַנקעטע, וואָס איז געווען געווענדט צו די אַרבעטער פון אַלע לענדער. דער מאַניפעסט האָט צווישן אַנדערן, אויך אַנטהאַלטן דעם תמצית פון אַ זייער אויספירלעכן און גוט דורכגעטראַכטן מעמאָראַנדום פון די פועלי־ציון, מיט דער באַטאָנונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַ־ראַקטער פון די יידישע פאָדערונגען. „מיר פאַרלאַנגען”, האָט דער מע־מאָראַנדום פון די פועלי־ציון פּראָקלאַמירט:

אַז דער שלום־אָפּמאַך זאָל גאַראַנטירן די רעכט פון יידישן פאָלק... טראָץ דעם פאַרלוסט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט און טראָץ דער אָפּגעריסנקייט פונעם פאָלק פון דער אייגענער ערד, טראָץ דעם גלות און אַלע ענדערונגען, זענען די גרויסע מאַסן פון יידישן פאָלק, צוליב געשיכטע, שפּראַך, קולטור, זיטן און ווירט־שאַפטלעכע באַזונדערקייטן, געבליבן אַ געאייניקט פאָלק, אַ פאָלק וואָס האָט געבראַכט די שווערסטע קרבנות פאַר דעם אויפהאַלט פון זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן... די יידנפראַגע איז דערפאַר איינע פון די נאַציאָנאַלע פראַגן, וואָס איר רעגולירונג אין שלום־אָפּמאַך קאָן נישט אָפּגערוקט ווערן... פון דער אַנדער זייט נויטיקט זיך דאָס יידישע פאָלק אין אייגענע אָרגאַנען פאַר נאַציאָנאַלער

זעלבסט־פארוואלטונג, כדי צו לייזן די איינציקארטיקע פראבלע־מען פון זיין עקזיסטענץ. אין איינקלאנג מיטן גאנצן ארגאניזירטן יידישן פראלעטאריאט פארלאנגען מיר פערסאנאל־נאציאנאלע אויטאנאמיע פאר אונדזערע פאלקס־ברידער אין אלע לענדער, וווּ זיי וווינען אין מאסן. די דאזיקע פאדערונג באציט זיך הויפטזעכלעך אויף אזעלכע נאציאנאליטעטן־שטאטן, ווי רוסלאנד און עסטרייך, ווי אויך אויף די ניי־באשאפענע נאציאנאלע זעלבסטבאשטימונג־לענדער און מלוכות (אוקראינע, ליטע, פוילן און אנדערע)... מיר באדויערן זייער שטארק, וואס די מערהייט פון די פוילישע סאציאליסטן האט אנגענומען דעם פריצישן שטאנדפונקט פון דער פוילישער בורזשואזיע, און פון דער שליאכטע, בנוגע די יידן, און מיר אפעלירן צום משפט פון דעם ארבעטער אינטערנאציאנאל אין אט א דער לעבנספראגע פאר דריי מיליאן יידן...

אבער די פוילישע יידן זענען אליין אויך נישט געזעסן מיט פארלייגטע הענט. פוילן איז זייט 1915 געווען צעריסן דורך א דייטשער אקופאציע, מיט ווארשע ווי איר צענטער און דורך אן עסטרייכישער אקופאציע, מיט לובלין ווי איר הויפטשטאט. די עסטרייכער אין דער לובלינער אקופאציע האבן שוין גאר נישט געוואלט הערן וועגן יידישע נאציאנאלע פאדערונגען, אבער נאך ווייניקער האבן זיי געוואלט הערן וועגן יידישן „זשארגאן" ווי א נאציאנאלע שפראך.

די דייטשן, וואס האבן אין אנהויב קריג ארויסגעגעבן א דייטש־עסטרייכישן מאניפעסט צו די יידן אין פוילן, געדרוקט אין יידיש און אין העברעאיש, אין וועלכן זיי האבן צוגעזאגט גאלדענע בערג פאר די „ליבע יידן", האבן נאך דער באזעצונג פון פוילן דערקלערט די יידישע פראגע ווי אן אינערלעכע פראגע פון דעם צוקונפטיקן פוילן. זיי האבן ארויסגעגעבן א דעקרעט וועגן דער „ארגאניזאציע פון די יידישע רעליגיעזע קהילות" לויטן דייטשן מוסטער. זיי האבן נישט בטל געמאכט אפילו די צארישע אנטי־יידישע געזעצן. אבער די יידן האבן דאס נישט אנגענומען מיט שטילשווייגן. טראץ די דייטשע אכזריותן האבן די יידן פראטעסטירט אנטקעגן דער פארנאכלעסיקונג פון יידישן לשון אין די עפנטלעכע „קונד־

געבונגען" און דעקרעטן. סוף־כל־סוף האָבן די דייטשן געמוזט נאָכגעבן און פאַרעפנטלעכן זייערע אָפיציעלע פּראָקלאַמאַציעס אויך אין יידיש און אפילו אַרויסגעבן פּאַספּאָרטן מיט אַ יידישער איבערזעצונג.

אַן ענלעכן קאַמף, כאָטש אַ נאָך מער ביטערן, האָבן די יידן גע־פירט וועגן שול־וועזן. נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן איינגעפירט אין די שולן זייער אייגענע שפּראַך אנשטאט יידיש, האָבן די אָרטאָדאָקסן פאַר־לאַנגט יידיש־רעליגיעזע, און די נאַציאָנאַלע יידן — יידישע וועלטלעכע שולן. עס זענען פאַרגעקומען ענלעכע סצענעס, ווו אין פּרייסן בעת דער רעאַליזירונג פון די גערמאַניזירונג־דעקרעטן קעגן די פּאָליאַקן. צום שלוס האָבן די דייטשן געמוזט כלומרשט מאַכן זיך נישט ווויסנדיק. און כאָט׳ש דער דעקרעט איז כלפּי חוץ געבליבן אין קראַפט, האָבן זיי פונדעסטוועגן דערלויבט דעם אונטעררירכט אין דער יידישער שפּראַך, מכלומרשט ווי אַ „דייטשן דיאַלעקט". ערשט אין אָקטאָבער 1916 האָט די דייטשע מאַכט אינגאַנצן בטל געמאַכט דעם שול־דעקרעט און יידיש איז איינגעפירט גע־וואָרן אין די יידישע שולן, שוין נישט מער ווי אַ „גערמאַנישער דיאַ־לעקט", נאָר טאַקע ווי אַ יידישער לשון.

דאָס יידישע פּאַרטיי־לעבן אין פּוילן האָט זיך אין אַ גרויסער מער־הייט געשטיצט אויפן נאַציאָנאַלן כוח. די אַסימילאַנטן, וואָס האָבן נאָך פאַרן קריג געהאַט עפּעס אַ שטיקל אָנהאַלט, האָבן בשעת דער מלחמה אין גאַנצן פאַרלוירן זייער פּאָפּולאַריטעט ביים עולם. דער ציוניסטישער צענטראַל־קאָמיטעט אין פּוילן האָט אַרויסגעשטעלט אַן עפנטלעכן פּראָ־גראַם מיט דער פּלאַטפאָרם פון „פּולע ציווילע, נאַציאָנאַלע און רעלי־גיעזע רעכט". אינאיינעם מיט די אָרטאָדאָקסן, פּראָלעטאַרישע, ציוניסטי־שע אָרגאַניזאַציעס און אַנדערע גרופּן האָבן זיי געשאַפן אַ צענטראַלן יידישן וואַל־קאָמיטעט, וועלכער האָט נישט־קוקנדיק דערויף, וואָס אין אים זענען אויך אַריין נישט־נאַציאָנאַליסטן, דאָך זיך געשטעלט מיט דער פולער אויסגעשפּראָכנקייט אויף דער פּלאַטפאָרם פון ציווילער גלייכבאַ־רעכטיקונג און נאַציאָנאַלער קולטורעלער רעכט.

די וואַלן צום שטאָט־ראַט אין וואַרשע זענען אויסגעפאַלן לטובת די פאַראייניקטע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען. אינאיינעם זענען דערוויילט געוואָרן

15 יידן. נח פּרילוצקיס „פאָלקס־פּאַרטיי" האָט געפירט אַן אייגענע וואַל־קאַמפּאַניע, און געוווּנען פיר מאַנדאַטן. אויך דער „בונד" האָט געהאַט אַן אייגענע וואַל־ליסטע און דורכגעפירט זיינע ראַטמענער. דערווייל איז די שפּאַנונג צווישן פּאָליאַקן און יידן אַלץ מער געוואַקסן און דערגרייכט איר הויכפּונקט אין דעם „אומאָפּהענגיקן" פּוילן. פונדעסטוועגן האָט די יידיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג געקראָגן אַלץ מער כוח, און סוף דעצעמבער 1918, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ אין וואַרשע מיט דער באַטייליקונג פון 498 דעלעגאַטן פון די פּויליש־יידישע קהילות. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו פאַרופן אַ פּויליש־יידישן קאָנגרעס אין מערץ 1919, און דערווייל איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ דעלעגאַציע פון זיבן, מיט נחום סאָקאָלאָוו בראש, ווי שליחים צו דער שלום־קאָנפערענץ.

אויך אין אַנדערע לענדער, וואָס זענען געווען אין אַ מער גליקלעכער לאַגע ווי פּוילן האָבן די יידישע אָרגאַניזאַציעס מאָביליזירט זייערע כוחות צום קאַמף פאַר יידישע רעכט אין מזרח־אייראָפּע. עס האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלער קאָמיטעט „פּראָ־קאַוזאַ־יודאַיקאַ" אין דער שווייץ און אַ „פּראָ־קאַוזאַ־עברעיקאַ" אין איטאַליע, וועלכע האָבן, אַ יעדערער אויף זיין אופן זיך פאַרנומען מיט דער צוגרייטונג פון מאַטעריאַל און פּראָפּאַגאַנדע פאַרן יידישן שלום־פּראָגראַם(1)*.

דער שווייצאַרישער קאָמיטעט אונטער דער פירונג פון דרייפוס־בראַדסקי, איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם באַדייט פון דער יידישער פראַגע אין איר אַלזייטיקן וועלט־מאַסשטאַב. אין 1916 איז אַרויס אַ מאַניפעסט פון דעם שווייצאַרישן קאָמיטעט, אַרויסגעגעבן אין די פראַנצויזישע, דייטשע, איטאַליענישע און ענגלישע שפּראַכן, וואָס האָט געהאַט אַ גוטע פּעולה אין דער נייטראַלער וועלט. אין יאָר 1917 איז דערשינען אַ בראָשור א"נ „די צילן און די וועגן פונעם קאָמיטעט „פּראָ־קאַוזאַ־יודאַיקאַ"", און אַ יאָר שפּעטער איז אַרויס אַ געדרוקטער מעמאָראַנדום וועגן דער יידישער פראַגע אין רומעניע.

אין האָלאַנד און אין די אַנדערע לענדער, וואָס זענען געבליבן ניי־

* זעט די הערות זייט 213.

טראַל אין וועלט־סכסוך, האָבן זיך געגרינדעט יידישע קאָמיטעטן לטובת די יידן אין די קריג־פאַרפלייצטע לענדער. אין האָלאַנד האָבן די ציוניס־טישע פעדעראַציע, די דאָרטיקע „אַליאַנץ", און דער יידישער טעריטאָ־ריאַליסטישער פאַריין, זיך פאַראייניקט אין איין קאָמיטעט, און אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין פעברואַר 1918, האָבן זיי פּראָקלאַמירט אַ פּראָ־גראַם פאַר ציווילער גלייכבאַרעכטיקונג און נאַציאָנאַלע רעכט דאָרט, וווּ עס עקזיסטירן שוין ממילא מולטי־נאַציאָנאַלע מלוכות.

אויך די יידן אין דייטשלאַנד האָבן נישט געשוויגן. דאָרט אָבער איז די לאַגע געווען צו קאָמפּליצירט און יעדע פּאַרטיי האָט געהאַט איר איי־גענעם פּראָגראַם פאַר ציווילע גלייכבאַרעכטיקונג און נאַציאָנאַלע רעכט(3). בעתן קריג זענען אי דער קאָמיטעט פאַר מזרח אין בערלין, געפירט פון אַ ציוניסט, פּראָפ. פראַנץ אָפּענהיימער, אי דער ווינער קאָמיטעט מיט גוסטאַוו כהן בראש, געווען פאַרטאָן אין די פּראָבלעמען פון „יודענשוץ" אין די אָקו־פּירטע פּוילישע געביטן. איצט האָבן די ציוניסטן אין דייטשלאַנד אי־בערגענומען די פירונג. ראָבערט שטריקערס „פאָלקספּאַרטיי" אין ווין איז געשטאַנען אויפן יסוד פון אַ פולן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. אין אַלגע־מיין, דאַכט זיך, אַז ס'איז נישט געווען קיין יידישער ישוב אין אייראָפּע, וואָס זאָל נישט טראַכטן, אָדער וועלן עפּעס טאָן פאַרן יידישן פאָלק, אין אָט דער גורלדיקער און בין־השמשותדיקער שעה פון דער וועלט־געשיכ־טע(4).

— ב —

די יידן־שחיטות און פּאָגראָמען בעת דער מלחמה און די שרעקלעכע נויט פון הונדערטער טויזנטער פליטים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די לאַגערן און אין די שטעט האָבן אַלעמען געעפנט די אויגן אויף די געפאַרן, וואָס באַדראָען דאָס יידישע פאָלק, און טאַקע איבער דעם, האָט אין יעדן יידישן קיבוץ באַזונדער געפילט זיך אַ פּאַניק און אַ ציטערניש וועגן יידישן גורל — געמישט מיט אַ הייסן באַגער עפּעס צו צוהעלפן צו דער פאַרבעסערונג פונעם יידישן עתיד.

דער צענטער פון די סאַמע ערנסטע באַמיאונגען אויף וועלכן די אויגן פון גאַנצן פאָלק ישראל זענען געווען געווענדט איז געווען די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע(5).

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז די ציוניסטישע לייטונג באַשטאַנען פון נחום סאָקאָלאָוו, ד״ר יחיאל טשלענאָוו, ד״ר שמריה לעווין, וויקטאָר יאַקאָבסאָן, ד״ר אַרטור האנטקע, און פּראָפעסאָר אָטאָ וואַרבורג — פּרעזידענט. עס איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז בערלין איז איצט נישט מער קיין פּאַסיקער פּלאַץ פאַר דער ציוניסטישער לייטונג, און אין פעברואַר 1915 האָבן זיך עטלעכע ציוניסטישע פירער, ווי טשלענאָוו, סאָקאָלאָוו און לעװ מאָצקין אַריבערגעכאַפּט קיין קאָפּענהאַגן און דאָרט געעפנט דאָס ציוניסטישע צענטראַל ביוראָ. פון דאָרט אויס האָט דאָס ציוניסטישע ביוראָ אָנגעפירט מיט אַ פּאַלעסטינער הילפס־אַקציע פאַר די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין שווערע נסיונות פון די טערקן, און האָט אויך אַרויסגעגעבן דירעקטיוון, בראָשורן און מעמאָראַנדומס, וואָס האָבן געקריגן אַן עכאָ אומעטום, ספּעציעל אין די פאַרשיידענע צענטערס פון די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס.

אין 1917, ווען די צאַרישע געזעצן זענען בטל געוואָרן, האָט דאָס קאָפּנהאַגער ביוראָ אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט אין וועלכן ס׳איז אויסגעדריקט געוואָרן דער ווונטש, אַז די נייע עמאַנציפּאַציע זאָל נישט באַצאָלט ווערן מיטן פאַרלוסט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט. פון דאַן אָן האָט דאָס ניי־געעפנטע ביוראָ מער נישט גערוט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער בת־קול פון קאָפּענהאַגן האָט דערגרייכט אין אַלע ווינקעלעך. אומעטום האָט ער געוועקט דאָס יידישע געוויסן. זיין רוף האָט געשטאַרקט דעם פאַרלאַנג נאָך טעריטאָריעלע זעלבסטשטענדיקייט און נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג.

דעם 25סטן אָקטאָבער 1918 האָט אביגדור יאַקאָבסאָן, דער לייטער פון ציוניסטישן ביוראָ אין קאָפּענהאַגן, אַרויסגעשיקט דעם „קאָפּענהאַגן־מאַניפעסט״*, וואָס האָט קריסטאַליזירט די פאָדערונגען פונעם יידישן

* אין דער פאָרמולירונג פונעם מאַניפעסט און בכלל אין דער גאַנצער אַקציע

פאָלק פאַר אַ יידישער היים אין פּאַלעסטינע און פאַר פולע גלייכבאַרעכ־טיקונג אין גלות, איינשליסנדיק נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין קולטורעלע, סאָציאַלע, און פּאָליטישע ענינים אין אַלע לענדער, ווו ס׳האָבן געוווינט גרעסערע מאַסן יידן; און אויך דאָרט, ווו „די יידישע באַפעלקערונג פאַר־לאַנגט דאָס״. דער ציוניסטישער מעמאָראַנדום האָט אויך אַרויסגעבראַכט דעם פאַרלאַנג, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל צוגעלאָזן ווערן צו דער מיטגלי־דערשאַפט פון דער ליגע פון פרייע פעלקער. אַלע ציוניסטן זענען אויפ־געפאָדערט געוואָרן צו האַנדלען אין הסכם מיט די פאָדערונגען פונעם מעמאָראַנדום און צו מאַכן די נויטיקע אינטערווענצן ביי זייערע רעגי־רונגען, ווי אויך פּרוּוון געווינען די עפנטלעכע מיינונג אין זייערע היימ־לענדער לטובת דעם יידישן פּראָגראַם(6).

דער מאַניפעסט האָט געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג און אומע־טום האָבן די ציוניסטן זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער פאָלקס־באַוועגונג פאַר דער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע פון יידישן פאָלק אינעם נוסח פון די אויבנדערמאָנטע דירעקטיוון. די פאָרעם וועלכע די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען האָבן אָנגענומען איז געווען די שאַפונג פון דעמאָקראַטישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אונטער דער פאָן פון „נאַציאָנאַל־ראַטן״. די נאַציאָנאַל־ראַטן האָבן געדאַרפט געוויילט ווערן אויף קאָנגרעסן, אָדער אויף גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען פון די יידישע ישו־

האָט אריה לייב (לעאָ) מאָצקין געשפּילט די הויפּט ראָל. מאָצקין איז געווען איינער פון די גרויסע דריי (טשלענאָוו און סאָקאָלאָוו זענען געווען די אַנדערע צוויי), וואָס האָבן איבערגעטראָגן די ציוניסטישע וועלט־לייטונג פון בערלין קיין קאָפּענהאַגן. זיין גרויסער אויפטו אין זאַכן פון „רעליף״ פאַר די מלחמה־קרבנות, דורך דעם ניי־גע־גרינדעטן הילפס־קאָמיטעט אין קאָפּענהאַגן, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. אין נאָוועמבער 1915, איז מאָצקין דעלעגירט געוואָרן קיין אַמעריקע, ווו ס׳האָט זיך דעמאָלט קאָנ־צענטרירט די גרויסע מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף פאַר די יידישע קרבנות. ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער „קאָנגרעס אידעע״ ביים אַמערי־קאַנער יידנטום. אין אָקטאָבער 1917 איז מאָצקין צוריקגעקומען קיין קאָפּענהאַגן און זייט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן זיין קאָנצענטרירטע אַרבעט אַרום דעם פּראָבלעם פון יידיש־נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר אַ פאַראייניקטער יידישער פאַרטרעטערשאַפט ביי דער שלום־קאָנפערענץ.

בים לויטן שליסל פון די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין געגעבענעם לאַנד.

דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ ר אַ ט איז געווען דער אויספיר־אָרגאַן און די העכסטע אינסטאַנץ פון דער יידישער פּאַרטרעטערשאַפט. ביים סוף פון קריג זענען אַרויפגעשווומען אַזעלכע אינטערפּאַרטייאישע נאַציאָנאַל־ראַטן, אומעטום, אין די יידישע ישובים פון מזרח אייראָפּע און אין געוויסע טיילן פון צענטראַל־אייראָפּע. אויסער דעם שוין־דערמאָנטן נאַציאָנאַל־ראַט אין פּוילן, איז אויך געווען איינער אין ליטע, וואָס איז געוואָרן אויסגעוויילט אויף אַ נאַציאָנאַלער אסיפה פון דעלעגאַטן פון די יידישע קהילות אין אָנהויב יאָר 1919. דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט פון ליטע האָט איבערגענומען די השגחה איבער די יידישע אינטערעסן אין לאַנד(7).

אַ קאָנגרעס פון די טשעכאָסלאָוואַקישע יידן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּראַג אין אָנהויב יאַנואַר 1919. דאָרט האָט די רעגירונג צוליב ריין פּאָליטישע טעמים, פּאָוואָריזירט אַ סעפּאַראַטע יידישע נאַציאָנאַליטעט, כדי אָפּצושוואַכן דעם איינפלוס פון דייטשן עלעמענט אויף איַרע נאַציאָנאַל־געמישטע געביטן. אין דעצעמבער 1918 האָבן די אונגאַרישע יידן אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע קהילות אין טעמעשוואַר און אָנגענומען די ראשי פּרקים פונעם יידישן נאַציאָנאַל־פּראָגראַם. און אפילו אין דעם געשלאָגענעם דייטשלאַנד האָט דער ציוניסטישער פאַרבאַנד, אין דעצעמבער 1918, אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין בערלין, ווו ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די פאָדערונג וועגן דער אנערקענונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט און וועגן צונויפרוף פון אַ יידישן קאָנגרעס אין דייטשלאַנד וואָס זאָל „רעאָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות״(8).

ווי מיר האָבן געזען זענען די פאָרמען, אין וועלכע ס׳האָט זיך אַרייַנגעגאָסן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן געווען סיי דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט און סיי די קאָנגרעס־אידעע. ביידע האָבן זיך דערגאַנצט. די קאָנגרעס־אידעע האָט שטאַרק אויסגענומען מיט איר דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. דער קאָנגרעס האָט געדאַרפט שפּילן די הויפּט ראָלע ביים פאַר־

טרייבן די אַלטע, אָפּגעלעבטע אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרמען פונעם ייִדיש־סאָציאַלן לעבן וואָס האָבן עקזיסטירט ביז דעמאָלט. אויפן אָרט פון די פּאַרטייען, באַהערשט פון זייערע פירערס, אַ יעדע מיט אירע אייגענע תּביעות און אַמביציעס, האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן אַן איינהייטלעכע, דעמאָקראַטיש־געוויילטע פאָרטרעטערשאַפט פון אַלע ייִדן פון לאַנד — אַ מין ייִדישער „סיים", וואָס זאָל אין זיך פאַראייניקן אַלע ייִדיש־נאַציאָנאַלע כּוחות און אויסוויילן אַ נאַציאָנאַל־ראַט, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אַ באַגלויבטע רעפּרעזענטאַנץ, אַ ייִדישע זעלבסטפאַרוואַלטונג אין ראַם פון דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. נישט אומעטום האָט אַזאַ קאָנגרעס געקאָנט צושטאַנדקומען, אַביסל מחמת מלחמה־שווערײַקייטן, און אַביסל אויך מחמת נאָך מלחמהדיקע בהלות. אָבער די אידעע פון אַזאַ קאָנגרעס איז געווען טיף פאַראַנקערט אין פאָלקס־באַוווסטזיין. דאָס פאָלק האָט געוואָלט זײַן זײַן אייגענער אַפּוטרופּוס און די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט די נײַע באַגריפן פון דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג־רעכט. ווו ס'האָט זיך נישט אײַנגעגעבן צו פאַררופן אַזאַ קאָנגרעס אויפן יסוד פון אַלגעמיינעם שטימרעכט און עפנטלעכע וואַלן, זענען באַשאַפן געוואָרן סוראָגאַטן, ווי מאַסן־פאַרזאַמלונגען מיט נאַציאָנאַל־ראַט וואַלן, אָדער דורך אַ פּאַרטייען־אָפּמאַך וואָס האָט געקליבן געמיינזאַמע פאָרטרעטער לויט אַ געוויסן פּאַרטיי שליסל. די צוויי גרעסטע ייִדישע קאָנגרעסן זענען געווען: דער אַל־אוקראַיניש־ייִדישער און דער אַמעריקאַניש־ייִדישער. די צוויי קאָנגרעסן האָבן געטראָגן מער ווי אַ לאָקאַלן כאַראַקטער — זיי זענען געווען גורלדיקע דערגרייכונגען פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק, אי לויט זייער באַטײַט, אי לויט זייער פאַרנעם.

די גרעסטע ענדערונגען בנוגע דעם ייִדישן אָרגאַניזירטן לעבן זענען פאָרגעקומען אין די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע ייִדישע ישובים — אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. אין ביידע לענדער האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע — אין רוסלאַנד אַ בלוטיקע, אַ ראַדיקאַלע, אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש און אין אַמעריקע אַ געזעלשאַפטלעכע, אַן אינערלעך־ייִדישע באַוועגונג.

— II —

רוסלאַנד און אוקראַינע

— א —

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז צו גוט באַקאַנט און איז שוין פיל מאָל באַשריבן געוואָרן. מיר קענען דאָ נישט מער ווי אָנטייטן מיט אַ פּאָר אַלגעמיינע שטריכן אויף דעם נאַציאָנאַל־יידישן אָפּצווייג פון דער גרויסער רעוואָלוציע.

באַלד נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט אין רוסלאַנד, דעם 15טן נאָוועמבער 1917, איז אַרויס אַ דעקרעט פונעם „סאָוונאַרקאָם", געחתמעט פון יאָסיף דזשוגאַשווילי (סטאַלין), דער קאָמיסאַר פאַר נאַציאָנאַליטעטן און וו. אוליאַנאָוו (לענין) פּרעזידענט פון די סאָוועט פאָלקס־קאָמיסאַרן. דער מאַניפעסט האָט פּראָקלאַמירט די פאָלגענדע פּרינציפּן:

1) די גלייכקייט און סוווערעניטעט פון די פעלקער פון רוסלאַנד.

2) דאָס פולע רעכט פון די פעלקער פאַר אַ פרייער זעלבסטבאַשטימונג, ביז צו אַ קאָמפּלעטן אָפּרייס און גרינדונג פון אייגענע שטאַטן;

3) דעם אָפּשאַף פון אַלע נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּריווילעגיעס און אויסנאַמס־געזעצן;

4) פרייע אַנטוויקלונג פון אַלע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און עטנישע גרופּן, וואָס וווינען אויף דער רוסישער טעריטאָריע.

אין אַ רעדע, וואָס לענין האָט געהאַלטן דעם 5טן דעצעמבער 1917, האָט ער דערקלערט:

די גרויס־רוסן מאַכן נישט אויס מער ווי 40% פון דער באַ־פעלקערונג, און זיי קענען נישט מאָיאָריזירן אַלע לענדער... מען זאָגט יאַקבי, אַז רוסלאַנד וועט דורך דעם צעשפּליטערט ווערן אין באַזונדערע רעפּובליקן, אָבער מיר דאַרפן דערפאַר גאָר קיין מורא נישט האָבן. ס'מאַכט נישט אויס וויפיל סעפּאַראַטע רעפּובליקן ס'וועלן באַשאַפן ווערן. דאָס קען אונדז גאָרנישט אָפּשרעקן, מחמת פאַר אונדז זענען נישט די מלוכה־גרעניצן אַזוי וויכטיק, ווי די פאַראייניקונג פון די אַרבעטער פון אַלע פעלקער, וואָס זענען גרייט צו באַקעמפן די בורזשואַזיע פון אַלע אומות.

וואָס אַזאַ פלאַמעדיקער דינאַמיט קאָן אויפטאָן אין אַ לאַנד, וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַזוי פיל פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן ווען מען געדענקט, אַז אין רוסלאַנד האָבן געלעבט 182 נאַציאָנאַליטעטן און נאַציאָנאַלע גרופן, וואָס האָבן גערעדט 149 לשונות(9).

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע קאָן דאָ נישט מער ווי סקיצירט ווערן. עס האָט נישט גענומען לאַנג און סטאַלין האָט דערקלערט אויפן אַלרוסישן סאָוועט־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקו־מען אין יאַנואַר 1918, אַז דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַשטימונג־רעכט איז באַשרענקט נאָר אויף האָרעפּאַשניקעס, אָבער באַציט זיך נישט אויף די בורזשואַזנע פאַרטייען(10). דאָס האָט שוין פון זיך אַליין באַשרענקט דעם היקף פון יידיש־נאַציאָנאַלע רעכט. אין יאַנואַר 1918 איז אויך באַ־שטימט געוואָרן אַ קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע ענינים, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען דער קאָמוניסטישער פירער ס. דימענטשטיין(*).

---

* אביסל שפּעטער, ווען די קאָמוניסטן זענען אַריין אין אוקראַינע, זענען פון דאָרט אַריבערגעקומען קיין מאָסקווע די פריערדיקע בונדיסטן און אַנטי־קאָמוניסטן, ווי ראַ־פעס, לעוויטאַן, מערעזשין, טשעמערינסקי און ליטוואַקאָוו, וואָס זענען געוואָרן גרויסע

טראָץ דער נייער סטאַלינישער ליניע פון אַ „פּראָלעטאַריש־סאָוועטישן נאַציאָנאַליזם״, זענען די יידן אַנגעגאַנגען מיט זייערע צוגרייטונגען פאַר אַן אמתן, רעפּרעזענטאַטיוון יידישן קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט אָבער נישט געטאָרט אָפּגעהאַלטן ווערן מחמת דעם, וואָס ביי די וואַלן האָבן די בירגערלעכע עלעמענטן געקריגן די מערהייט שטימען און די יידישע קאָמוניסטן האָבן נישט געקענט דערלויבן די עקזיסטענץ פון אַזאַ בורזשואַזנעם קאָנגרעס. נו מילא, איז געבליבן פון דעם אַלעמען נישט מער ווי אַ פּראָוויזאָרישער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין פּעטראָגראַד, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם ציוניסטישן אַדוואָקאַט מ. אַלייניקאָוו. דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט גענומען אויף זיך די פאַרטיידיקונג פון די יידישע אינטערעסן אין רוסלאַנד.

אין יולי 1918 איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אַ קאָנפערענץ פון די צענטראַל־רוסישע יידישע קהילות. אַרום פערציק קהילות זענען געווען פאַרטראָטן דורך 149 דעלעגאַטן. אויף דער קאָנפערענץ האָבן די ציוניסטן געקריגן אַ מערהייט. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרבאַנד פון יידישע קהילות מיט אַ צענטראַלער עקזעקוטיווע. דער פאַרמולירטער פּראָגראַם האָט זיך פאַרשפּרייט אויך אויף אַנדערע טיילן פון לאַנד. אפילו אין סיביר זענען געווען גוט אָרגאַניזירטע קהילות און דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט פון אירקוטסק האָט פאַרטראָטן די יידישע קיבוצים פון אוראַל און מערב סיביר. אָבער אַט די האַניק־חדשים האָבן נישט לאַנג געדויערט.

די יעווסעקציע האָט אין אָקטאָבער 1918 אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ אין מאָסקווע און באַשלאָסן אויפצולייזן די יידישע קהילות.

קאָמוניסטישע בעלי־תשובה און האָבן געפּועלט ביי דער פּאַרטיי אַז זי זאָל עפענען אַ יידישע סעקציע (יעווסעקציע) פון דער פּאַרטיי. אונטער זייער אכזריותדיקער ליטונג איז דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן פון פריער, און די רעשטלעך פון דער יידישער פאַרוואַלטונג צעשטערט געוואָרן. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן די יידישע „בורזשואַזנע״ קולטור־אינסטיטוציעס, אויפגעלייזט די יידישע קהילות און אָנגעהויבן ליקווידירן די טראַדיציאָנעלע פּראָבלעמען פון יידישקייט וואָס האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין זייער קאָמוניסטישער ראַם. די „יעווסעקציע״ האָט אויך אונטערגעגראָבן דעם פונדאַמענט פון יידישן קאָמיסאַריאַט. זיי האָבן געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט דער „טשעקאַ״, מיט וועלכער זיי האָבן קאָנקורירט אין גרויזאַמקייט.

— ב —

אַביסל אַנדערש — אפשר מיט מער געווינס, אָבער אויך מיט מער בלוט־פאַרגיסונג האָט זיך שפּעטערצו אַנטוויקלט דאָס יידישע לעבן אין אוקראַינע. נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע וואָס האָט אַרויפגעבראַכט אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָבן די אוקראַינער געשאַפן די „צענטראַלע ראַדאַ" מיט אַ דעמאָקראַטישן פאָלקסטימלעכן פּראָגראַם און דעם 20סטן נאָוועמבער 1917 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אוקראַינישע רעפּובליק. פאַר די יידן איז אַט דער אָנהויב געווען פון אַ גרויסער באַדייטונג. פון די דרייצן מיטגלידער אין דער „ראַדאַ"־פאַרשטייערשאַפט זענען פינף געווען יידן. ד"ר משה זילבערפאַרב איז באַשטימט געוואָרן ווי וויצע־סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים. די וואַלן אין די יידישע קהילות האָבן געבראַכט אַ גרויסע מערהייט פאַר די ציוניסטן. אין איר דריטן „אוניווערזאַל" פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן די פאָלגענדיקע פּראָקלאַמאַציע געווענדט צו די פעלקער פון אוקראַינע:

דאָס אוקראַינישע פאָלק וואָס האָט יאָרן־לאַנג געגאַרט צו קריגן זיין אייגענע פרייהייט און האָט דאָס איצט דערגרייכט, וועט מיט אַלע כוחות פאַרטיידיקן דעם פאַרלאַנג פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט אויך פאַר אַנדערע פעלקער, וואָס לעבן אין דער אוקראַינע. מיר מאַכן אַלעמען באַקאַנט, אַז די גרויס־רוסישע, יידישע, פּוילישע און אַנדערע פעלקער פון אוקראַינע האָבן געקראָגן די פולע גלייכבאַרעכטיקונג, מיט פולע רעכט פאַר אַן אייגענער נאַציאָנאַלער פּערזאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע וועט פאַר זיי גאַראַנטירן פרייהייט פון זעלבסטפאַרוואַלטונג אין זאַכן וואָס רירן אָן זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן. דער גענעראַל־סעקרעטאַריאַט וועט אין גיכן פאָרשלאָגן אַ געזעץ פאַר אַ נאַציאָנאַל פּערזאָנאַלער אויטאָנאָמיע(11).

די יידישע קהילות האָבן גענאָסן אַ גרויסע מאָס פון זעלבסטבאַשטימונג. דעם 2טן דעצעמבער 1917 האָט די צענטראַלע ראַדאַ פאַרעפנט־

לעכט אַ געזעץ וועגן וואַלן צו די יידישע נאַציאָנאַל־ראַטן און דעם 9טן יאַנואַר 1918 איז אַרויס אַ ג ע ז ע ץ פ אַ ר אַ י י ד י ש ־ נ אַ צ י אָ ־ נ אַ ל ע ר פ ע ר ז אָ נ אַ ל ע ר א ו י ט אָ נ אָ מ י ע. די יידישע שפּראַך, יידישע שולן, און דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער נוסח האָבן גע־בליט אין דער נייער אַטמאָספערע פון יידיש־נאַציאָנאַלע רעכט. אפילו די קאַרבאָנצעס — די ערשטע באַנקנאָטן פון דער באַפרייטער אוקראַינע, האָבן געטראָגן יידישע ווערטצייכנס. יעדע נאַציאָנאַליטעט האָט געהאַט דאָס רעכט צו רעגולירן איר נאַציאָנאַל לעבן דורך די אינסטיטוציעס פון איר נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד. די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע זענען געווען רעגיסטרירט אין אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן רעגיסטער. די העכסטע אינסטאַנץ פאַר די מינאָריטעטן איז געווען די קאָנסטיטואירנדיקע אָדער נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. אַ נאַציאָנאַל־ראַט אויסגעוויילט פון, און פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, איז געווען דער העכס־טער עקזעקוטיוו־אָרגאַן. אַט ווי ווייט די מאַכט פון נאַציאָנאַלע מינאָרי־טעטן האָט דערגרייכט אין אוקראַינע.

אָבער באַלד האָבן זיך באַוויזן שטאַרקע כמאַרעס אויפן אויסגע־שטערנטן הימל פון דער אוקראַינישער פרייהייט: דעם 22סטן יאַנואַר 1918 האָט אוקראַינע דערקלערט זיך ווי אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה, וואָס האָט אָפּגעשניטן די לעצטע פעדעם פונעם רוסישן נאָפּל, און דעם 9טן פעברואַר 1918, האָט די נייע, פרייע אוקראַינע אָפּגעשלאָסן אַ סעפּאַ־ראַטן שלום מיט דייטשלאַנד. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע אינערלעכע קאַמפן איבערן שטח און ממשלה פונעם לאַנד. די דייטשן האָבן זיך אַריינ־געמישט און אין מערץ 1918 האָבן זיי איינגענומען קיעוו און די איבערי־קע שטחים פונעם לאַנד. דעם 29סטן אַפּריל האָט גענעראַל פּאַוועל פּעט־ראָוויטש סקאָראָפּאַדסקי איבערגענומען די מלוכה ווי דער העטמאַן פון אוקראַינע. דאָס איז געווען אַ דורכויס רעאַקציאָנערע, שוואַרצע־מאהדי־קע רעגירונג, וואָס האָט ווייניק וואָס געהאַלטן פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט און דער יידן־האַס האָט געטאָן דאָס איבעריקע. דעם 15טן נאָוועמבער האָט סקאָראָפּאַדסקי עוקר געווען, אינאיינעם מיט זיינע דייטשע פּראָטעקטאָרן און די פּעטליורא־רעגירונג האָט איבערגענומען די ממשלה. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע איבערקערעניש אין לאַנד. די

לאַנגע בלוטיקע שלאַכטן מיט די באָלשעוויקעס האָבן נישט נאָר צע־שטערט די יידישע אויטאָנאָמיע, נאָר פיל טויזנטער יידישע לעבנס זע־נען אומגעקומען אין די שרעקלעכע פּעטלורע און דעניקינישע פּאָגראָם־כוואַליעס וואָס האָבן פאַרפלייצט די יידישע ישובים. איידער דער בלוטי־קער פּאָגראָמען־ווולקאַן האָט זיך איינגעשטילט זענען דערווייל געפאַלן ביז 200.000 יידן אין 372 שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע(12). לויט אַ סומארישן צונויפגענומענעם צוזאַמענשטעל זענען צווישן 1917 און 1921 פאָרגעקומען 1521 פּאָגראָמען אין 911 וווינערטער, אויף דער טעריטאָריע פון אור־קראַינע און ווייסרוסלאַנד, איינשליסלעך האָמעל.

איידער מיר שליסן אָפּ דעם בלוטיקן קאַפּיטל אוקראַינע, ווילן מיר דערמאָנען, אַז אין די ערשטע וואָכן פון נאָוועמבער בעת העטמאַן סקאראַ־פּאַדסקי האָט אָנגעהויבן פּאַקן זיין קלומערקל צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד האָבן די אוקראַינער יידן אָפּגעהאַלטן אַ פּראָוויזאָרישע נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אין קיעוו — אַ מין פאָר־פּאַרלאַמענט פון 125 דעלעגאַטן, וואָס האָט רע־פּרעזענטירט 168 קהילות מיט אַ צאָל אָפּגעגעבענע 209.000 וואַלשטי־מען. אוסישקין איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער פּאָרזיצער. די נאַציאָ־נאַל־פאַרזאַמלונג האָט „אין נאָמען פון דריי מיליאָן יידן" אין אוקראַי־נע אַרויסגעלאָזן אַ רוף צו דער קומענדיקער שלום־קאָנפערענץ, אַז זי זאָל געבן פולע אנערקענונג פאַר אַ פאַראייניקטער יידישע נאַציע מיט פאַרטרעטערשאַפט אין דער פעלקער־ליגע און פאַרזיכערן דעם ווידער־אויפבוי פון פּאַלעסטינע ווי אַ יידישן צענטער. די רעזאָלוציע האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז עס זאָלן אין די קאָנסטיטוציעס פון די איינצלנע לענדער געזיכערט ווערן ציווילע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע רעכט, וועלכע דאַרפן באַזירט זיין אויף אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס און שטיין אונטערן קאָנטראָל פון דער פעלקער־ליגע. צום סוף האָט די קאָנפערענץ אויסגע־ווילט אַ דעלעגאַציע פון פינף מיטגלידער מיט מנחם מ. אוסישקין בראש ווי די פאַרטרעטערשאַפט פונעם אוקראַינישן יידנטום ביי דער שלום־קאָנפערענץ.

היינט ווייסן מיר שוין ווי צעשטערנדיק די סאָוועטישע נאַציאָנאַלי־טעטן־פּרייהייט, מ'שטיינס געזאָגט, האָט זיך אָפּגערופן אויפן יידישן נאַ־ציאָנאַלן באַשטאַנד אונטער דער סאָוועטישער אויבערמאַכט. פונדעסט־

וועגן, קוקנדיק מיטן בליק פון יענער צייט, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ גרויסן רושם די נאַציאָנאַל־באַפרייענדיקע לאָזונגען פון די סאָוועטישע דערקלערונגען האָבן געמאַכט און וואָס פאַר אַ פּראַקטישן איינפלוס דער ביישפּיל פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן אין אוקראַינע האָט געהאַט אויך אויף אַנדערע ישובים. חוץ דעם וועד ארבע הארצות אין פוילן איז דאָס געווען צום ערשטן מאָל אין דער נייצייטיקער געשיכטע, אַז די יידישע מינדערהייט זאָל האָבן דערפילט דעם טעם פון אַן אייגענער נאַציאָנאַל־פּערזאָנאַלער זעלבסט־רעגירונג, און דעם פולן באַטייט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג.

דער ביישפּיל פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער קהילה־פאַרוואַלטונג האָט נישט פאַרפעלט צו האָבן זיין פּעולה אויך אויף אַנדערע לענדער, הויפּטזעכלעך אין אַמעריקע, ווו די דעבאַטע און קאָנפליקטן וועגן נאַציאָנאַלע רעכט האָט נישט אויפגעהערט צו עגבערן די מוחות און צו צערודערן דעם עולם פון ניו־יאָרק ביז סאַן־פראַנציסקאָ. ס'איז גאָר אינגאַנצן צווייפלהאַפט צי וואָלט דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס געווען אָנגענומען דעם יידישן „ביל־אָף־רייטס“ (אַ פּראָיעקט פאַר יידישע רעכט) אין דער פאָרעם ווי ער איז אַרויס נאָך אַ לאַנגער הייסער דעבאַטע אין אַמעריקע, ווען נישט דער רוסיש־אוקראַינישער פּרעצעדענט. אָט דער „פּרעצעדענט“ איז אויך געווען דער וועגווייזער פאַר אַנדערע לענדער און האָט אויך געשטאַרקט דעם רוקנביין פון דעם פוילישן יידנטום, וואָס האָט במילא געהאַט די וויטגייענדיקסטע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

און איצט ווילן מיר מאַכן אַ קפיצת הדרך פון דעם פינצטערן מזרח צום ליכטיקן מערב — פון דער אוקראַינע קיין אַמעריקע.

III

אַמעריקע נעמט איבער

— א —

אַמעריקע האָט שוין פון לאַנג אָן געשמט ווי אַ לאַנד פון אַ דעמאָקראַטיע, וואָס נעמט זיך אָן פאַר קליינע פעלקער און איז אויך אַריין אין דער וועלט־מלחמה מיט דער לאָזונג צו ראַטעווען די וועלט־דעמאָקראַטיע. אָבער דער יידישער ישוב, וואָס איז זייט די אַכציקער יאָרן געוואַלדיק אויסגעוואקסן האָט כמעט ביזן סאַמע אָנהייב פונעם קריג, געהאַט אַ מין פלוטאָקראַטישע ממשלה, עפּעס וואָס מען האָט זייער גוט באַצייכנט אַלס „גבֿיראָקראַטיע”. דער אַלט־געזעסענער דור פון דייטשע „יאַהודים” — דער צווייטער עטאַפּ פון דער יידישער אימיגראַציע נאָכן ספרדישן — האָט געפירט די גרענדע, סיי פּאָליטיש און סיי געזעלשאַפטלעך און האָט מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישער האַנט אויסגעטיילט שוץ און הילף פאַר די נייגעקומענע, נישט צו שטאַרק גוטגעזעענע „גלויבנסגענאָסן” פון מזרח־אייראָפּע. זיי האָבן דאָס געטאָן אין הסכם מיטן צוזאָג וואָס די ערשטע יידישע אימיגראַנטן האָבן געגעבן דעם גובערנאַטאָר פון ניי־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק), פּיטער סטייוועסאָן, ביים אָנקום פון די ערשטע יידן צו די אַמעריקאַנער ברעגעס. די הבטחה אַז די נויטבאַדערפטיקע יידן וועלן חלילה נישט פאַלן צו לאַסט דער שטאָט־באַפעלקערונג בנוגע צדקה און קהלשע באַדערפענישן, האָט געשלאָגן שטאַרקע וואָרצלען אין דעם באַוווסטזיין פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע. אָט די עפּאָכע פון פערזענלעכע אינטערווענצן און פּערזענלעכע שתדלנותן האָט זיך געענדיקט מיטן ערשטן שאָס פון דער וועלט־מלחמה, און האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר אַ נייער

תקופה פון אַ דעמאָקראַטישער פאָלקס־פאַרטרעטערשאַפט, מיט דרייסט פאַרמולירטע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון יושר, אנשטאָט דעם פריערדיקן רעכט־בעטל דורך השפּעהדיקע שתדלנים.

ווייל אין צווישן איז אויסגעוואקסן אַ נייער דור אין אַמעריקע, אַ דור פון פאָלקס־יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעכאָוועט און אויסגעהאָדעוועט אין אַ האַרטן קאַמף פאַרן יידישן קיום — מענטשן מיט הינער־אויגן אויף די פאָדעשוועס אנשטאט אויף די קני. דאָס יאָר 1914 האָט געבראַכט אַן ענדערונג אויך פון אַן אַנדערן שטאַנדפונקט: אין דעם גורלדיקן יאָר 1914 האָט זיך כמעט ווי איבערנאַכט דער גורל־ראָד אַ דריי־געטאָן און דער אַמעריקאַנער ישוב איז געוואָרן דער אַפּוטרופּוס פונעם וועלט־יידנטום. תיכף טאַקע, דעם 31סטן אויגוסט 1914, האָט זיך אָרגאַניזירט דער אַמעריקאַנער פּראָוויזאָרישער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פאַר ציוניסטישע ענינים. לואי בראַנדייס האָט איבערגענומען דעם פאָרזיץ פון דעם קאָמיטעט. אויך די הילפס־אַקציע פאַר אייראָפּע האָט זיך פאַוואָליע אָנגעהויבן אָרגאַניזירן. ס׳איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון וועלט־קריג ווען דער „דזשאָינט״ איז געבוירן געוואָרן.

די אידעע פון אַ יידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע איז געהאָנגען אין דער לופט*. אָבער דאָס איז ניט געווען אַזוי לייכט אויסצופירן ווי ס׳רעדט

---

* די ערשטע שריט פאַר אַזאַ קאָנגרעס זענען געמאַכט געוואָרן דעם 30סטן אויגוסט 1914, אויף אַן אויסערגעוויינטלעכער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, ווו נחמן סירקין, ברוך צוקערמאַן, און ב. ג. ריטשאַרדס, האָבן פאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע וועגן רופן אַ קאָנפערענץ צו באַטראַכטן די יידישע לאַגע. די רעזאָלוציע איז אָפּגעשיקט געוואָרן צום פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט און אַ טאָג שפּעטער, ווען דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט זיך קאָנסטיטואירט, האָט לואי בראַנדייס אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען מיטן אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט פאַר אַ געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבעט, אָבער אָן גרויס הצלחה. אין ווינטער 1914 — 1915, האָט די קאָנגרעס אידעע געמאַכט פאָרשריטן. אומאָפּהענגיק פון די אָפיציעלע אַקטיוויטעטן האָט יוסף קרימסקי אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן אין ניו־יאָרק, וועלכע האָבן געפירט צו דער אָרגאַניזירונג פון אַ „יידישן עמאַנציפּאַציע קאָמיטעט״ צו קריגן רעכט פאַר די „אומבאַפרייטע יידן״. יוסף באַראָנדעס האָט צונויפגערופן די פאָרשטייערס פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס און דעם 21סטן מערץ 1915 איז פאָרמירט געוואָרן אַ יידישער קאָנגרעס־קאָמיטעט מיט גדליה בובליק אַלס פאָרזיצער. די ציוניסטן זענען אַריינגעטראָטן אין דעם קאָמיטעט. דאָס

זיך. די אַסימילאַציע און די „גבירֶאַקראַטיע״, וואָס האָבן ביז איצט געהאַט די ממשלה איבער דעם יידישן אַמעריקאַנישן ישוב, האָבן זיך געווערט מיט ציין און נעגל. סטייטש, אַזאַ אומדערהערטע זאַך! די „אימיגראַנטן״, דער „אומדאַנקבאַרער, און נישט ציוויליזירטער (נישט אַמעריקאַניזירטער) ערב־רב״, זאָל גאַר וועלן זאָגן אַ דעה און שטערן דעם פּראָצעס פון אַמעריקאַניזאַציע! אָט פאַרוואָס עס האָט גענומען אַזאַ לאַנגע צייט — אַזש ביז צום יאָר 1917 — איידער די קאָנגרעס־אידעע האָט זיך פאַרווירקלעכט. דער ביין אין האַלדז וואָס האָט געשטערט דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט * (אַמעריקען דזשוּאיש קאָמיטע) און אים נישט געלאָזט אַראָפּשלינגען דעם האַרטן ביסן פון אַזאַ דעמאָקראַטישן קאָנגרעס, איז געווען דער בולטער פאַקט, וואָס די „אימיגראַנטן־שאַף״ האָבן אויף איינמאָל אויפגעהערט פאָלגן דעם פּאַסטוך און דערצו נאָך געהאַט די חוצפּה צו שטעלן יידיש־נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. פאַר די אַסימילאַנטן פון דעם סאָרט איז דאָס געווען אַ גרעסערע אפּיקורסות, ווי להבדיל עסן טריפות ביי אַ פרומען ייד. אָבער ענדלעך האָט מען זיך ווי ס'איז געאייניקט, מיט אַ מין קאָמפּראָמיס פון „פאָלקס־רעכט״, אָנשטאָט „נאַציאָנאַלע רעכט״. דעמאָקראַטישע וואַלן זענען באַשטימט געוואָרן און האָבן געבערענגט צו דער אורנע אַרום 335.000 שטימען(13). דאָס איז נישט געווען דער ערשטער קאָנגרעס אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, (אין 1917 איז פאָרגעקומען אַ יידישער קאָנגרעס אין קאַנאַדע), אָבער טאַקע דער וויכטיקסטער.

דער יידיש־אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט אָפּגעהאַלטן זיין היסטאָרישע זיצונג אין די טעג צווישן 15טן און 18טן דעצעמבער 1918 — אַ חודש נאָכן וואָפנשטילשטאַנד. פאָרזיצער פון קאָנגרעס איז געווען ריכטער דזשוליאַן וו. מעק (דער ראש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע). די וויכטיקסטע דריי פראַגן פון דער טאָג־אָרדענונג זענען געווען: דאָס פּאַלעסטינע־פּראָבלעם, די אַלגעמיינע פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג און

איז געווען דער אנהויב פון א גרויסער אידעע און די אידעע האט אנגעהויבן וואקסן ווי א שנייבארג.

* דער „אמעריקען דזשוּאיש קאמיטע״ איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1906, מיטן ציל צו פארטיידיקן די יידן אין אויסלאנד.

נאַציאָנאַלע אָדער „פאָלקסרעכט״. די צוויי ערשטע פראַגן זענען געשטאַנען מחוץ פון ספסוך. נאָר די לעצטע פראַגע האָט געווירקט אויף די נאָטאַבלען ווי אַ רויטע פאַטשיילע אויף אַן אָקס פון דער אַרענע. לואי מארשאַל, דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון „אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט״, האָט געהאַלטן אַ לאַנגן רעפעראַט וועגן יידישע רעכט, אָנגעשפּיקעוועט מיט יורידישע פאָרמולקעס און אַדוואָקאַטסקע מבינות, אָבער אין דעם געטאָקטן שאַלעכץ האָט געפעלט די יאָדרע — נאַציאָנאַל־יידישע פאָדערונגען זענען פון איר אויסגעלאָזן געוואָרן. ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט באַלד גענומען דאָס וואָרט און האָט פּונקט מיט אַזוי פיל חריפות באַגרינדעט די נאַציאָנאַלע טעזע, דהיינו: אַז מען טאָר נישט פאַרשטופּן אין אַ ווינקל דעם פאַרלאַנג פון נאַציאָנאַלע רעכט. די דעבאַטע האָט זיך איבערגעקוליעט אין די קאָמיטעטן און אין די קאָמיסיעס און נאָך אַ לאַנגן, האַרטן קאַמף האָט מען זיך געאייניקט אויף אַ דאָקומענט, באַקאַנט אונטערן נאָמען „די ביל אָף רייטס״ (דער שטר פון רעכט), וואָס האָט אַנטהאַלטן זיבן פּונקטן:

פּונקט 1, 2 און 3, זענען נוגע די פאָרמולירונגען וועגן בירגערלעכע רעכט. פּונקט 4 דריקט אויס דעם פאַרלאַנג, אַז דער פּרינציפּ פון אַ מינאָריטעטן רעפּרעזענטאַנץ, זאָל גאַראַנטירט ווערן דורכן געזעץ. פּונקט 5 דערקלערט אַז „די מיטגלידער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע, ווי אויך רעליגיעזע קערפּערשאַפטן זאָלן האָבן אַן אויטאָנאָמע אַדמיניסטראַציע פון זייערע אייגענע געמיינדע־אינסטיטוציעס, פאַר רעליגיעזע, דערציערישע און צדקה־אַנשטאַלטן און אאַז״וו״. פּונקט 6 באַצוועקט שפּראַך־שוץ פאַר די מינאָריטעטן. און פּונקט 7 רעדט וועגן שמירת שבת(14).

דער קאָנגרעס האָט אויך אויסגעוויילט אַ שלום־דעלעגאַציע פון ניין דעלעגאַטן וואָס זאָל פאַרטרעטן דעם קאָנגרעס ביי די שלום־פאַרהאַנדלונגען אין אייראָפּע און זיך באַראַטן מיט אַנדערע יידישע דעלעגאַציעס פון דער גאָרער וועלט, כדי אייניגעם צו פירן דעם קאַמף פאַר יידישע רעכט. די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע זענען געווען: ריכטער יוליאַן וו. מעק, לואי

מארשאַל, סטיפען ס. ווייז, הערי קאַטלער, דזשייקאָב דע האַז, יוסף באַראָנ־דעס, נחמן סירקין, און לעאָפּאָלד בענעדיקט (ווינטשעווסקי) *.

ווען דער קאָנגרעס האָט זיך שוין געהאַט געאייניקט אויף אַ געמיינ־זאַמען פּראָגראַם האָט זיך געקאָנט דאַכטן אַז אַלצדינג איז כשר־וישר און אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז אַרויס פונעם קאַלכאויוון פון הייסע דיס־קוסיעס און פּאַרטיי־קאַמפן, געלייטערט און געשטאַרקט, ווי שטאָל פון אייזן. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די אַלטע אַסימילאַציע האָט נישט אין גאַנצן קאַפּיטולירט. אַ פּאָר עקשנים האָבן נישט געוואָלט נאָכגיין זייער פּרעזידענט, לואי מאַרשאַל, און האָבן געפּסקנט מיט אַ דייטשן פּשטל, אַז הגם אַ מאַיאָריטעט פונעם קאָמיטעט מיט מארשאל בראש זענען טאַקע, אמת, צוגעשטאַנען צום קאָנגרעס, איז דאָס אָבער נישט געווען מער ווי אַ „באַשלוס פון יחידים", און נישט פונעם גאַנצן „קאָמיטעט" אַלס אַזעלכן. אין דעם זין האָט אויך דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט אויסגעוויילט אַן אייגענע פּאַרטרעטערשאַפט צו דער שלום־קאָנפערענץ. זייער דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון ד"ר סיירוס אדלער און טאַקע לואי מאַרשאַל אַליין. בזה האופן האָט מארשאל געטראָגן צוויי פּאָר הויזן. ווי דער דעלעגאַט פון „קאָנגרעס" האָט ער געטראָגן גאָר ברייטע דעמאָקראַטישע הויזן און ווי דער פּאַרטרעטער פון „קאָמיטעט" — אַ פּאָר אַריסטאָקראַטישע פּלודערן. אָט־די פּאָליטישע סכיזאָפרעניע, מער פון מאַכט איידער ווי פון טראַכט, האָט שווער געדריקט אויף אונדז אַלעמען**.

---

* בערנאַרד ג. ריטשאַרדס איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי סעקרעטאַר פון דער דעלעגאַציע. זיינע פאַרדינסטן אין אַמעריקע, ווו ער האָט געפירט דעם קאַמף פאַרן קאָנ־גרעס און געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער קאָנגרעס־אידעע, און דערנאָך אין פאַריז, (ווו ער האָט מיט אויסערגעוויינטלעכער געטריישאַפט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם סעקרעטאַריאַט, אַז ער זאָל נישט נאָר קלאַפּן מיט אַמעריקאַנער פּרעציזיע, נאָר אויך מעגלעך מאַכן די לייזונג פון די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען אין דעם קאָמיטעט פון די דעלעגאַציעס), זענען לײדער ביז היינט צו וויניק אָפּגעשאַצט געוואָרן.

** אדלער שרייבט וועגן דעם: „דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין דעצעמבער 1918 און פיל פירער פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קאָנגרעס. מענטשן ווי מאיר זולצבערגער, יעקב שיף, לואי מארשאל, אָסקאָר ס. שטרוים, אין פאַקט, אַלע אויסער פעליקס וואַרבורג און איך".

דער אַלטער העברי מאַרגענטוי איז אויך געווען אַ דעלעגאַט צום אַמע־ריקאַנער יידישן קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע, אָבער ער האָט „באַלד איינ־געזען אַז די פלענער פון די מער אַגרעסיווע מיטגלידער... זענען געווען נאַ־ציאָנאַליסטיש געשטימט״, און ער האָט זיך באַצייטנס צוריקגעצויגן פון קאָנגרעס. אויך די אָרגאַניזאַציע פון די „רעפאָרם יידן״ (די אוניאָן פון די היברו קאָנגרעגיישאַנס) איז אַרויסגעטראָטן פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס. עס זענען געווען נאָך אַנדערע אפיקורסים. אָט די אַלע „דיסידענטן״ — 275 „פּראָמינענטע״ יידן פון 37 שטאַטן, מיט אַ היפש ביסל „פּראָטעסט ראַבינער״ האָבן אונטערגעשריבן אַן עפנטלעכע דעקלאַראַציע, פאַרפאַסט פון העברי בערקאָוויץ, פּראָפעסאָר מאָריס יאַסטראָוו (אַ געוועזענער פוי־לישער ייד) און מאַקס סעימאַר. צווישן די ערשטע חתימות אויף דער פּראָטעסט־ליסטע האָט מען געקענט לייענען די נעמען פון אַמבאַסאַדאָר העברי מאָרגענטוי, קאָנגרעסמאַן יוליוס קאַהן און אַנדערע פּערזענלעכ־קייטן, וועמענס נעמען עס האָבן געהאַט אַ וואָגיקן קלאַנג אין די אויערן פון דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט. מאָרגענטוי באַרימט זיך: „איך האָב געקריגן דעם מאַנדאַט צו פאַרטרעטן דעם שטאַנדפּונקט (פון די יידישע „פּראָטעסטאַנטן״) ביי דער שלום־קאָנפערענץ״(15).

טראָץ דעם רעוואָלט פון די „נאָטאַבלען״, האָט דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס געמאַכט אַ גרויסן רושם אין גאַנצן לאַנד. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער יידנטום, אַז דער רוב מנין און רוב בנין פון ישוב זאָל אויפטרעטן אויף אַ פאַרייניקטן פראָנט און דאָס דווקא אין אַזאַ גורלדיקער תקופה, וועלכע האָט באַדאַרפט אַנטשיידן די צוקונפט פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. דאָס האָט אויך גע־חתמעט נישט נאָר דעם סוף פון דער אַסימילאַטאָרישער שתדלנות, נאָר אויך דעפיניטיוו איבערגערוקט דעם שווערפּונקט פון יידישער אפּוטרופּ־סות פון די מערב־לענדער אין אייראָפּע, אויף לעבער־הים, פון אייראָפּע צום מערבדיקן העמיספער מיט די פאַרייניקטע שטאַטן אַלס צענטער.

— ב׳ —

דער איינפלוס פון אַמעריקאַנער יידישן צענטער האָט דערגרייכט זיין היכפּונקט אויך אויף דעם אַלגעמיין־וועלטלעכן פאָרום. זייט דעם אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה איז פאַר די אַליאירטע מלוכות געווען קלאָר, אַז די דייטשע איבערמאַכט קאָן נישט געבראָכן ווערן אָן דער הילף פון אַמעריקע און דער פּאָליטישער אַרסענאַל איז ביי זיי געווען פּונקט אַזוי וואָגיק ווי דער מיליטערישער. ענגלאַנד איז געווען שטאַרק באַזאָרגט איבער דער האַלטונג פון די יידן אין אַמעריקע, וואָס איז דעמאָלט געווען שטאַרק פּראָ־דייטש און נאָך שטאַרקער אַנטי־צאַריש. ס׳קאָן גאָר קיין ספק נישט זיין אַז אָן רוסלאַנד וואָלט דער אַליאירטער מאָראַלישער פּראָנט געווען אַ סך שטאַרקער, מחמת קעמפן פאַר דעמאָקראַטיע, מיטן צאַר ווי אַ פאַרבינדעטן, איז געווען גאַנץ אומהיימלעך. אָבער די אַליאירטע האָבן גוט געוווסט, אַז אָן רוסלאַנד וואָלט דער מיליטערישער פּראָנט לאַנג נישט געקענט אָנהאַלטן און זיי האָבן זיך געמוזט מתחתן זיין מיטן צאַר. ווי זאָגט אַ ווערטל „אַז מ׳דאַרף דעם גנב שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה״. כדי צו באַווירקן די אַמעריקאַנער יידן און כדי צו קריגן זייערע סימפּאַטיעס, האָבן ענגלאַנד און פראַנקרייך געהאַלטן אין איין שיקן שליחים, וואָס האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין פאַרזיכערונגען מכוח דער יידישער צוקונפט. אין 1916 האָט פּישאָן, דער אויסערן־מיניסטער פון פראַנקרייך, געשיקט פּראָפעסאָר גווייאַם באַש קיין אַמעריקע מיט דער הבטחה צו די יידן, אַז ביים פרידן־שלוס מיט טערקיי וועלן די יידישע קאָלאָניעס קריגן ספּעציעלע גאַראַנטיעס פאַר זייער אַנטוויקלונג.

באַלד זענען אָריבערגעקומען שווערערע קאַנאָנען. אין פרילינג 1917 איז לאָרד באַלפור געקומען קיין אַמעריקע. לאָרד באַלפור האָט געהאַט גרויסע פּלענער אין אַמעריקע. אין קאָן איז געשטאַנען נישט קיין קלענערע קאָרט, ווי די מיליטערישע אינטערווענץ פון אַמעריקע, און מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, ווי שווער ס׳איז דעמאָלט געווען די מיליטערישע לאַגע פון די אַליאירטע, וועלכע האָבן ממש געקעמפט מיטן רוקן צו דער וואַנט. באַלפור האָט גוט געוווסט, וואָס פאַר אַן איינפלוס לואי בראַנדייס

האָט געהאַט אויף ווילסאָנען און ער האָט באַשלאָסן צו טאָן אַלדאָס מעג־לעכע צו קריגן בראַנדייסן אויף זיין זייט. די באַלפור דעקלאַראַציע, פאַר וועלכער אַזוי פיל מענטשן ווילן קריגן קרעדיט, האָט איינע פון אירע שטאַרקסטע מקורות אין אָט דעם וויזיט פון באַלפורן אין אַמעריקע און בראַנדייסעס פאַרדינסט אין דעם גרויסן היסטאָרישן געשעעניש איז אין לשער. אויך אַנדערע מלוכות האָבן זיך באַמיט צו רייטן אויפן פערד פון יידישן איינפלוס אין אַמעריקע. סטיפען ווייז האָט אַ סך געהאָלפן טשע־כאָסלאָוואַקיע אין איר געראַנגל פאַר אומאָפּהענגיקייט. צווישן די וואָס האָבן געזוכט יידישע „פּראָטעקציע״ זענען אויך געווען די פּאָליאַקן און זיי האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין חניפה פאַר די „איידעלע״ און „גרויס־מוטיקע״ אַמעריקאַנער יידן. און אָט אויף דעם פּרט ווילן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן.

מיר וועלן דאָ זיך נישט אַריינלאָזן אין די מיליטערישע און דיפּלאָ־מאַטישע פּאָזן פון דעם פּוילישן געראַנגל פון וועלכן פּילסודסקי און דמאָווסקי זענען געווען די צוויי קעגנערישע הויפּטהעלדן. נאָר אַ פּאָר פאַקטן דאַרפן יאָ באַלויכטן ווערן. בעת אין פּוילן גופא איז געשאַפן גע־וואָרן אַ כלומרשט אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה*, האָט אין מערב, דער טריאומווירעט פון ראָמאַן דמאָווסקי, מאַריאַן סעידא, און אַביסל שפּע־טער סטאַניסלאַוו גראַבסקי, אָרגאַניזירט אַ פּוילישן נאַציאָנאַלן קאָמי־טעט וואָס האָט באַדאַרפט איבערנעמען די פּוילישע „מלוכה אין גלות״. אין זומער 1917 איז אַזאַ קאָמיטעט באַשאַפן געוואָרן און אין אויגוסט פון דעם זעלביקן יאָר איז דמאָווסקי געוואָרן פּרעזידענט פון קאָמיטעט. אין אַמעריקע האָט פּאַדערעווסקי איבערגענומען די פאַרטרעטערשאַפט פון די פּוילישע אינטערעסן און האָט אָרגאַניזירט אַ פּויליש־נאַציאָנאַלן דעפּאַר־טאַמענט אין טשיקאַגאָ. אין סעפּטעמבער 1917 האָט דער פּויליש־נאַציאָ־נאַלער דעפּאַרטאַמענט באַשטימט אַ מיליטערישע קאָמיסיע און אָנגעהויבן רעקרוטירן סאָלדאַטן פאַר דער פּוילישער וואָלונטיר־אַרמיי אין פראַנקרייך (פון זיי האָבן זיך שפּעטער גענומען די טרויעריק־באַרימטע פּאָגראָם־העלדן, די „האַלערטשיקעס״). דערווייל אָבער האָט מען זיך

* דעם 5טן נאָוועמבער 1916.

שטאַרק געניטיקט אין יידישער הילף. שוין אין אָנהויב פון זיין אויפ־טריט האָט דמאָווסקי — (ער האָט נאָך אין יאָר 1915, נאָך דער רוסישער מיליטערישער מפּלה אויפן שלאַכטפעלד, פאַרלאָזן רוסלאַנד) — געזוכט אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט לוסיען וואָלף, דעם סעקרעטאַר פון דעם בריטישן „קאָנדזשאַינט פאָרעין קאָמיטעט", און מיט אַנדערע פּערזענ־לעכקייטן פון בריטיש־יידישע ספערן, כדי צו צעשטרייען דעם אומצוטרוי צו אים גופא, און צו די פּאָליאַקן בכלל און פּרווון זיי באַווייזן, אַז זיי זאָלן זיך איינשטעלן ביים „פאָרעין־אָפיס" לטובת פּוילן. אָבער פאַר פּוילן האָט אַמעריקע געהאַט מער באַדייטונג ווי אַלע אַנדערע לענדער. ווייל ערשטנס איז דאָ געווען אַ גוט־אָרגאַניזירטער זעקס־מיליאָניקער פּויל־שער ישוב, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם רוקנביין פון דער פּוי־לישער אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג און האָט דורך זיינע שטימצעטלען ביי די וואַלן פאַרמאָגט אויך אַ געוויסן פּאָליטישן כוח אין לאַנד. און צווייטנס איז אין אַפּריל 1917, אַמעריקע אַריין אין דער מלחמה און איר וואָרט איז געווען אַזוי שאַרף ווי איר שווערד. די פּאָליאַקן האָבן נישט נאָר געפירט דעם דיפּלאָמאַטישן שפּיל פון אַ טאָפּלטע פּאָליטישע פאַרזיכערונג מיט גרויס געשיקטקייט, (געמאַכט יד אחת מיט די צענטראַל־מאַכטן פון איין זייט און מיט די אַליאַנטן פון דער אַנדערער), נאָר אויך נישט פאַרפעלט אַנדערע מעגלעכקייטן צו געווינען פאַר זיך וואָס מער סימפּאַטיעס.

דעם 23סטן סעפּטעמבער 1918 האָט פּאַדערעווסקי איבערגעשיקט צו לואי מאַרשאַל אַ דעקלאַראַציע וואָס דער פּויליש־נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין פּאַריז האָט געמאַכט דעם 12טן אויגוסט 1918, מיט דער הבטחה, אַז „דער פּוילישער שטאַט וועט האָבן אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע און וועט רעגירן לויט די פּרינציפּן פון פרייהייט און גערעכטיקייט און אין הסכם מיטן פּרינציפּ פון מלוכהשער אָרדענונג". אָן אָט די פּרינציפּן — זאָגט ווייי־טער די דעקלאַראַציע — קאָן נישט זיין קיין רייד פון פאַרשריט. „אין נייעם פּוילן דאַרפן נישט עקזיסטירן קיין שום פּריווילעגירטע קלאַסן. אַלע פּאָליטישע בירגער אָן אונטערשייד פון געבורט, ראַסע אָדער גלויבן מוזן זיין גלייך פאַרן געזעץ".

דערויף האָט מאַרשאַל געענטפערט מיט אַ בריוו צו פּאַדערעווסקין:

„איך האָב אייער דעקלאַראַציע פאַרגעלייגט מיינע פריינט אין אונדזער ביוראָ און זיי האָבן אויסגעדריקט זייער איבערציי־גונג, אַז די דעקלאַראַציע איז נישט גוט גענוג, נישט נאָר אין בילד פון דעם וואָס איז פאָרגעקומען אין פוילן אין די לעצטע 4־5 יאָר, נאָר אויך מחמת דעם, וואָס די לעצטע געשעענישן אין פוילן באַ־וויזן, ווי טיף איינגעוואָרצלט ס'איז די אומגליקלעכע שנאה צו די יידישע איינוווינער פון פוילן... העד דמאָווסקיס סענטימענטן זענען אין אַ דירעקטן קעגנזאַץ צו די פּראַקטישע אויספירונ־גען פון דער דעקלאַראַציע וועגן פוילישע בירגערשאַפט־רעכט".

באַלד איז טאַקע דמאָווסקי אַליין געקומען קיין אַמעריקע און דעם 6טן אָקטאָבער 1918 איז פאָרגעקומען אַ צוויי־שעהדיקע באַגעגעניש צווישן אים און לואי מאַרשאַל. מיר ציטירן אַ פּאָר אויסצוגן פון מאַר־שאַלס באַריכט(16).

— ג —

ראָמאַן דמאָווסקי וועלכן מאַרשאַל האָט פאָרגעוואָרפן אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט האָט געענטפערט:

...מיין טאַטע האָט געפירט אַ פיש־מסחר און געהאַט אינטי־מע האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט די יידן פון אונדזער לאַנד. אין זיין לוויה האָבן זיך באַטייליקט וואַרשיינלעך מער יידן ווי נישט־יידן, און איך אַליין האָב זיי אַלע באַטראַכט אַלס פריינט. לויט מיין פּראָפעסיע בין איך אַ ביאָלאָג און איך האָב קיינמאָל ניט גערעכנט צו ווערן אַ פּאָליטיקער. הונדערטער יאָרן זענען נישט געווען קיין אַנטי־יידישע פאָראורטיילן אין פוילן און עס וואָלט וואַרשיינלעך קיינמאָל נישט געקומען דערצו ווען נישט רוסלאַנד.

מאַרשאַל האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען קאָן אים נישט דערציילן קיין באָבע־מעשיות, ווייל ער קען גוט די פוילישע געשיכטע, די שנאה פון דער שליאַכטע, דעם האַס פון דער קירך צו יידן אאַז"וו. דע־רויף ענטפערט דמאָווסקי:

ס׳זענען קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָגראָמען אין פּוילן.

מאַרשאַל האָט ציטירט פֿאַקטן וועגן די נייעסטע פּאָגראָם־כוואַליעס, זינט 1914, און האָט זיך פּאַררופֿן אויף געאָרג בראַנדעסעס באַשולדיקונג, אַז ער, דמאָווסקי, איז דער פֿירער פֿון די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן, וואָס פּראָוואָצירן פּאָגראָמען. ער האָט אויך אָנגעוויזן אויפֿן עקאָנאָמישן באָי־קאָט קעגן יידן, פֿאַר וועלכן זיין פּאַרטיי איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך. דמאָווסקי איז געוואָרן אַביסל געפּלעפֿט:

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין געווען פֿיינטלעך גע־שטימט צו די יידן און בין אַלס פֿירער פֿון אַ פּאָליטישער פּאַר־טיי בכיוון געשטאַנען אין קאַמף מיט זיי און אַז איך טראָג די פֿאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן עקאָנאָמישן באָיקאָט אויף וועלכן זיי זע־נען געווען אויסגעשטעלט... די סיבה דערצו איז אָט וואָס: אַרום 1890 איז אַ גרויסע כוואַליע פֿון ליטווישע יידן... געקומען קיין פּוילן. זיי האָבן זיך פֿאַרעקשנט צו ריידן דווקא רוסיש. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, אַז יידן זאָלן נוצן נאָר יידישע דאָק־טוירים און יידישע אַדוואָקאַטן, אַנשטאָט, ווי זיי האָבן עס געטאָן פֿריער, פּוילישע דאָקטוירים און פּוילישע אַדוואָקאַטן. פֿאָלגלעך זענען זיי עס געווען די, וואָס האָבן אָנגעהויבן דאָס וואָס מען רופֿט איצט: אַ באָיקאָט. זיי האָבן אונטערגעשטיצט די וואַלן פֿון אַ יידישן דעפּוטאַט צו דער דומע, כאָטש זיי האָבן נישט אויסגע־מאַכט מער ווי 38% פֿון דער וואַרשעווער שטאָט באַפֿעלקערונג. גאַנץ וואַרשע האָט געהאַט דאָס רעכט צו וויילן נישט מער ווי איין דעפּוטאַט. די יידן האָבן צוגעהאָלפֿן ס׳זאָל געוויילט ווערן אַ סאָ־ציאַליסט... אַנדערע סיבות (פֿון אַנטאַגאָניזם צו יידן): די פּאָליאַקן האָבן אויך געוואָלט זיך באַטייליקן אין מסחר, וועלכן די יידן האָבן מאָנאָפּאָליזירט... דאָס ריידן יידיש איז אויך געווען אַ פּראָוואָ־קאַציע... און אין פּויזן האָבן די יידן, גערעדט גאָר דייטש.

מאַרשאַל:

פֿון מיינע יינגסטע יאָרן האָב איך פֿאַרקערט מיט יידן, וואָס

זענען אריבערגעקומען אהער פון פוילן. זיי אלע זענען געווען מע־נער און פרויען פון פיינסטן כאראקטער... איך האב אויך געמאכט די באקאנטשאפט פון ד״ר מארקוס יאסטראָוו פון פילאדעלפיע, איינער פון די חשובסטע ראבינער, וועלכער איז אהער געקומען (פון פוילן) נאך דעם ווי ער האט געקעמפט אין דעם אויפשטאנד פון יאר 1863. ער האט אויך געקראגן דערפאר תפיסה אין רוס־לאנד. זיינע קינדער זענען היינט פראפעסארן אין אמעריקאנער או־ניווערסיטעטן. איך וויים דעריבער פון א דירעקטן קאנטאקט מיט פוילישע יידן ווי אזוי ס׳זענען געווען זייערע באציאונגען צו פוילן... און דערפאר איז פאר מיר געווען שאקירנדיק צו הערן אייערע טענות... איך באטראכט די אקציע פון אייער פארטיי. און טאקע פון אייך אליין, אלס א מאנסטראזיטעט.

דמאָווסקי:

איך דענק אז אייער באצייכענונג איז נישט מחוצן פלאץ. אין פאקט, דאס ווארט „מאנסטראזיטעט" געפעלט מיר...

און אויף אן אנדערער באשולדיקונג פון מארשאלן האט דמאָווסקי ממשיך געווען:

אויך אין דעם זענט איר גערעכט, אבער אונדזער אפאזיציע צו יידיש איז מחמת אירע ווארצלען זענען דייטש.

מאַרשאַל:

לאזט מיר נאך אמאל באטאנען אז לויט מיין מיינונג פאר־דינט א פאגראם טויזנט מאל וויניקער פאראורטיילט צו ווערן ווי דער באיקאט פון וועלכן איר זענט דער דערפינדער. א פאגראם איז לכל הפחות א ספארישער פאל. אבער א באיקאט, אזוי ווי איר האט אים באשאפן איז אן אויסדרוק פון א שנאה, וואס וואקסט פון דעם וואס זי פרעסט. איר זענט דאס דער יעניקער, וואס האט אריינגעבראכט א סם אין דעם אינערלעכן לעבן פון פוילישן פאלק און וואס לויט אייער אייגענער באמערקונג וואלט עס באדארפט

זיין פריי פון פאַראורטייל בנוגע יידן... אויב די פּאָליאַקן זענען באמת געווען פריי פון יעדן רעליגיעזן אָדער ראַסן־פאַראורטייל קעגן די יידן, איידער איר האָט אָנגעהויבן טרייבן אייער פּאָלי־טיק, טראָגט איר טאַקע די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם וואָס איר האָט דערנידעריקט דעם מאָראַלישן ניוואָ פון פּוילישן פאָלק און קיינער קען דאָס נישט טאָן אַזוי גוט ווי איר אַליין, און איר זענט טאַקע מחויב צו ווייזן זיי (די פּאָליאַקן) דעם פעלער פון זייער איצטיקער אויפפירונג.

דמאָווסקי:

ווייל איך אַליין ווייס גוט אָפּצושאַצן אייערע רייד, (איז אָבער די צרה) אַז ווען איך זאָל פּלוצים ענדערן דעם פּראָגנאָז וועגן באָיקאָט, ווי איר האָט עס פאַרלאַנגט, וואָלט מיין פּאַרטיי מיר תיכף פאַרגעוואָרפן, אַז מען האָט מיך אונטערגעקויפט... דאַקעגן בין איך זיכער אַז אין נייעם פּוילן, וואָס וועט פאַרנעמען אַזאַ גרויסן שטח, וועט הערשן וואָס ווייניקער אָרעמקייט און ווייניקער קאָנקורענץ מיט די יידן.

ווען מאַרשאַל האָט אים צום שלוס אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן דעם באַטייט פון די יידן פאַר דער אַנטוויקלונג פון פּוילן און אַז אָן די יידן וואָלט פּוילן אַליין נישט געקענט אַזוי גוט זיך אַנטוויקלען, האָט אים דמאָווסקי געענטפערט, אַז ער זעט נישט איין, וואָס חלילה ס'פעלט יאַ־פּאַן, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין יידן ביי זיך. „די יידן" — האָט ער געזאָגט — „שטייען נישט העכער און נישט נידעריקער פון די פּאָליאַקן". לויט זיין מיינונג באַשטייט זייער מאַכט אין זייער קלוגשאַפט, אין קעגנ־זאַץ צו אינטעליגענץ. „די קלוגשאַפט קומט פון זייער דרייסיק יאָרהונ־דערטער אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג אין אַלע טיילן פון דער וועלט" (17).

מיר האָבן דאָ געבראַכט אויסצוגן פון דעם לאַנגן שמועס, נישט מחמת מיר גלויבן, אַז ער האָט געהאַט וועלכע ס'איז השפעה אויף דמאָווסקין. דער „געמאַרשאַלטער" דמאָווסקי איז געבליבן דער זעלביקער דמאָווסקי ווי פריער, איידער ער האָט זיך געטראָפן מיט מאַרשאַלן. לויט

ווי זיין פאַרערער סטאַניסלאַוו מאַצקעוויטש (קאט) דערציילט אין זיין „געשיכטע פון פוילן״(18), האָבן פיל פּאָליאַקן, איינגעשלאָסן די מענטשן פון דמאָווסקיס אייגענער פּאַרטיי, זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל מאַכן אַ פריינדלעכע עפנטלעכע דערקלערונג לגבי די יידן, ווייל עס לוינט זיך אַזוי איצט פּאָליטיש און ער וועט דערמיט נושא־חן זיין ביי די אליאירטע מלוכות, אָבער קיינער האָט ביי אים דאָס נישט געקאָנט פועלן. דאָס באַווייזט אויך ווי שטאַרק דמאָווסקי אַליין האָט זיך גערעכנט מיטן כוח פון אַמעריקאַנער יידנטום, אויב ער האָט זיך געלאָזט אַריינזאָגן אַזעלכע האַרבע דיבורים פון מאַרשאַלן.

IV

יידן פאָרן צו דער שלום־קאָנפערענץ

— א —

די יידישע ישובים האָבן געלייגט אַ סך האָפענונג אויף דער שלום־קאָנפערענץ. אַ חוץ רוסלאַנד, אוקראַינע און פוילן אין מזרח האָבן אויך אַנדערע יידישע צענטערס זיך געגרייט צו דער שלום־קאָנפערענץ. איניי־נעם מיט די פריער־דערמאָנטע נאַציאָנאַלע קערפערשאַפטן האָט זיך אָר־גאַניזירט אַ נאַציאָנאַל־ראַט אין בוקאָווינע, אין אָקטאָבער 1918, מיט דעפּוטאַט בענאָ שטרויכער בראש. אפילו אין מערן און עסטרייד־שלעזיע האָט דער פאַרבאַנד פון יידישע קהילות זיך אָפיציעל אַרויסגעזאָגט פאַר אַ יידיש־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אין גאַליציע האָבן עקזיסטירט דריי אָדער פיר נאַציאָנאַל־ראַטן: איי־נער אין דעם טייל מזרח־גאַליציע, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער פּוי־לישער ממשלה; איינער אין מערב־גאַליציע מיט ד״ר יהושע טהאָן בראש און איינער אין פשעמישל אונטער דער פירערשאַפט פון ד״ר לייב לאַנ־דוי. אַ פערטע יידישע פאַרטרעטערשאַפט האָט זיך אָרגאַניזירט אין סטאַ־ניסלע בשעת דער אוקראַינישער (רוטענישער) אָקופּאַציע. זיי אַלע האָבן זיך באַמיט שיקן באַגלויבטע דעלעגאַציעס צו דער שלום־קאָנפערענץ, אַ יעדע דעלעגאַציע האָט מיטגעפירט איר פעקל יידישע צרות און תביעות איינגעפּאַקט אין די ברייטע בריוטאַשן און די הערצער פון די שליחים זענען אָנגעפילט געווען מיט גרויסע האָפענונגען, אַז דאָס מאָל וועלן די יידן נישט נאָר געהערט ווערן ביים אינטערנאַציאָנאַלן דיפּלאָמאַטישן טיש, נאָר אַז דאָס מאָל וועט באמת מקוים ווערן דער פסוק „כי לא אלמן ישראל“.

אויב ס'איז געווען וועלכער ס'איז ספק, וואָסער אָרגאַניזאַציע ס'האָט פאַרדינט די פרעמיע פון דער געשיכטע פאַרן פאַראַקערן דאָס פּאָליטישע פעלד פאַר יידיש-נאַציאָנאַלע רעכט — און ווי שוין באַמערקט האָט די פועלי-ציון-וועלט-אָרגאַניזאַציע געהאַט אַ גרויסן זכות אין דער פּאָפּולאַריזאַציע פון דעם געדאַנק אין מערב-אייראָפּע — איז עס שוין גאָר קיין ספק נישט, אַז די ביכורים פון די לאַנגע באַמיאונגען, דער ערשטער שניט פון די זאַנגען וואָס זענען מיט אַזוי פיל מי פאַרזייט געוואָרן איז אויסגעפאַלן אויפן חשבון פון דער ציוניסטישער וועלט-פירערשאַפט אין קאָפּענהאַגן און אין לאָנדאָן. בעת לאָנדאָן איז געוואָרן דער צענטער פאַר ציוניסטישע פּאָליטישע באַמיאונגען, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַלפור דעקלאַראַציע, איז פון קאָפּענהאַגן אַרויסגעגאַנגען דער אימפּולס און די שטויסקראַפט צו דער מאָביליזאַציע פון די גלות-כוחות אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר אַן איינהייטלעכער יידישער פאַרטרעטערשאַפט ביי דער שלום-קאָנפערענץ. מיט בריוו, צירקולאַרן און פרעסע-קאָמוניקאַטן האָבן די ציוניסטישע לייטונגען אין די פאַרשידענע לענדער געקריגן אָנרעגונגען און וואָרענונגען זיך צו אָרגאַניזירן אין נאַציאָנאַל-ראַטן און ווילן יידישע דעלעגאַטן צו דער שלום-קאָנפערענץ. אין דעם ווירוואַר פון צעפאַל און צעפּוילטקייט, ווען אַלטע מלוכות זענען געפאַלן ווי אויסגעפוילטעביימער פון אַ שטורעמווינט און אין דעם אויפברויז פון נייע אומבאַשטימטע כוחות מיט דער גאַנצער סומאטאָכע פון גיהנום-דיקע אויפטרייסלונגען, פּאָגראָמען און יאוש, גרויל און אומזיכערקייט, וואָס דער אומשטורץ פון די צוויי ריזן — רוסלאַנד און עסטרייך — האָבן מיט זיך געבראַכט, האָט דער רוף און די דערמוטיקונג פון קאָפּענהאַגן געקלונגען ווי שאַלנדיקע גלאָקן פון האָפענונג און טרייסט. לעבן דער באַלפור-דעקלאַראַציע איז די פּראָקלאַמאַציע פון דער ציוניסטישער לייטונג אין קאָפּענהאַגן — וואָס האָט נישט נאָר אַפּעלירט צו די ציוניסטן אַליין, נאָר צו אַלע פאַרטייען וועגן אַ געמיינזאַמען קאַמף פאַר יידיש-נאַציאָנאַלע רעכט אין גלות — געווען דער צווייט-גרעסטער היסטאָרישער אויפטו, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט צו פאַרצייכענען זינט דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה.

דאָס איז געווען אַ וויכטיקער שריט פאַרביידע צוועקן: אי בנוגע די גלות־רעכט און אי בנוגע די ציוניסטישע פאָדערונגען, וואָס זענען גע־שטאַנען אויפן סדר־היום פון דער שלום־קאָנפערענץ, ווייל היות ס׳זענען געווען געגנוג שונאי־ציון וואָס האָבן געאַרבעט קעגן די ציוניסטישע לאָ־זונגען איז נאַטירלעך געווען פון גרויסער וויכטיקייט, אַז ס׳זאָל עקזיס־טירן אַ כלל־ישראלדיקע פאַרטרעטערשאַפט, וואָס זאָל פאַרלאַנגען אַ יידי־שע היים אין פאַלעסטינע אין נאָמען פונעם גאַנצן יידישן פאָלק.

דער רוף צו די נאַציאָנאַל־ראַטן און צו די ציוניסטישע פאַרטרע־טערשאַפטן האָט פאַרלאַנגט די אויסוויילונג פון אַ רעפּרעזענטאַטיווער דע־לעגאַציע צו דער שלום־קאָנפערענץ, אַ דעלעגאַציע וואָס זאָל זיין באַזירט אויף ווייט־פאַרצווייגטע דעמאָקראַטישע יסודות. און אין גיכן האָבן פון אַלע טיילן פון דער וועלט אָנגעהויבן שטראָמען דעלעגאַציעס און סתם יידישע פאַרטרעטער, כאָטש דאָס אָרט ווו מען זאָל פאָרן איז נישט גע־ווען קלאָר ביזן אָנהויב פון יאָר 1919.

אויך אין מיין לאַנד, מזרח־גאַליציע, האָט מען זיך געגרייט צו דער שלום־קאָנפערענץ. טאָקע דאָרט אפשר נאָך מער ווי ערגעץ־אַנדערש, מחמת מזרח־גאַליציע איז געלעגן צווישן צוויי פייערן, און די יידן האָבן געליטן פון ביידע. די פּאָליאַקן וואָס האָבן געהאַט איינגענומען לעמבערג און אַ טייל פון מזרח־גאַליציע אין נאָוועמבער 1918, האָבן אָנגעהויבן מיט אַ ריי פּאָגראָמען, פון וועלכע דער בלוטיקסטער איז פאָרגעקומען אין לעמבערג גופא, כאָטש די פּראָווינץ איז אויך נישט פאַרשוינט געוואָרן, און נאָכן „אָפיציעלן" פּאָגראָם זענען יידן נאָך אַלץ גערודפט און „אומ־אָפיציעל" פּאָגראָמירט געוואָרן חדשים לאַנג, אָן רחמנות און אָן אויפ־הער(19). אין אָט דער שטימונג פון פּאָגראָם־מרה־שחורה אין אַ הפקר־לאַנד, וואָס האָט נאָך דערווייל נישט געהאַט קיין לעגאַל־אנערקענטן באַ־לעבאָס און די רויע מאַכט האָט געקייניגט איבער רעכט, בין איך באַ־שטימט געוואָרן דורכן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט פון מזרח־גאַליציע צו פאַר־טרעטן דעם יידישן ישוב ביי דער שלום־קאָנפערענץ. און אויב איך וועל פון איצט אָן באַשרייבן מיין אייגענע נסיעה און מיינע אייגענע נסיונות איז דאָס נישט צוליב מעמואַריסטישע טעמים, נאָר ווי אַ קאַנווע אויף

וועלכער דאָס בילד פון דער צייט און פון די פּראָבלעמען פון דער צייט קומען אַרויס בולטער און לעבעדיקער.

— ב —

דער מזרח־גאַליצישער נאַציאָנאַל־ראַט איז באַשטאַנען פון אַלע פּאַרטייען אַחוץ די אַסימילאַנטן. דער ראש פונעם נאַציאָנאַל־ראַט איז געווען, במקום דעם ד״ר לעאָן רייך און ד״ר מיכאל רינגל, וועלכע האָבן זיך געפונען אַלס ערובניקעס אין מיליטערישן אַרעסט, דער וויצע־פּאַר־זיצער ד״ר דוד שרייבער. אָנהויב יאַנואַר 1919 האָט מען מיר מודיע געווען, אַז דער אויסוואַל צו רעפּרעזענטירן די יידישע באַפעלקערונג פון מזרח־גאַליציע איז געפאַלן אויף מיר. און אין דער לעגיטימאַציע וואָס איך האָב באַקומען פון דעם נאַציאָנאַל־ראַט, דעם 24סטן יאַנואַר 1919, געשריבן אין צוויי לשונות, יידיש און פראַנצויזיש, האָט דער מאַנדאַט מיך באַפולמעכטיקט „צו פאַרטרעטן דעם נאַציאָנאַל־ראַט פון מזרח־גאַליציע ביי דער שטענדיקער קאָנפערענץ (עקספּערטן־קאָלעגיום) פון אַלע יידישע נאַציאָנאַל־ראַטן פון אייראָפּע, אין דער שווייץ״. דאָס אַליין באַווייזט ווי אומקלאָר ס׳איז נאָך דאַן געווען אי דער מהות פון מיין מיסיע, אי דער פּלאַץ, ווו די קאָנפערענץ האָט געדאַרפט אָפּגעהאַלטן ווערן. אָבער נאָך אַלעמען, ווען האָט עס עפּעס אַ ייד באַדאַרפט וויסן ווו ער פאָרט? גענוג אַז מען הייסט פאָרן. האָב איך מיך טאַקע באַלד געלאָזט אין וועג אַריין, און בין געקומען דעם 2טן פעברואַר 1919 קיין ווין, נאָך אַ רייזע מיט אַ היפּש ביסל געברענטע צרות אויפן וועג.

אין ווין האָט אַמטירט אַ דעלעגאַציע פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט פון מזרח־גאַליציע, מיט ד״ר אַדאָלף שטאַנד בראש. אַזוי ווי שטאַנד איז דאַן געווען קראַנק, האָבן אַ גרופּע יידישע כלל־טוער פון מזרח־גאַליציע, וואָס זענען געבליבן וווינען אין ווין, פאַרמירט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פאַרטרעטערשאַפט און די צונג פונעם פּאָליטיש־פאַרשטומטן שטאַם אין מזרח־גאַליציע. צווישן די טעטיקסטע מיטגלידער זענען געווען ד״ר נ. מ. געלבער, דער סעקרעטאַר פון דער ווי־

נער קאָמיטעט־דעלעגאַציע, מאיר העניש, מ. א. טענענבלאַט, דודל הור־וויץ און אַנדערע.

ווין איז דעמאָלט געווען אַ הויפּטשטאָט אָן אַ לאַנד, אַ גרויסער וואַסער־קאָפּ מיט אַ גוף פון אַ קאַרליקל, אָרעם, קאַלט און הונגעריק און עפּעס אַזוי אומעטיק גלייך ווי די זון וואָלט אויף אייביק אונטערגעגאַנגען. עסטרייכס שכנים, די כנענים, וואָס זענען געוואָרן גאַנצע קנאַקערס, ובתוכם די טשעכן און די פּאָליאַקן, האָבן ממש געריסן שטיקער פון איר לייב, זיך געטיילט מיטן קייסערלעכן עסטרייכישן פאַרמעגן און געלאָזט די אָפּגעקומענע גבירטע — די נייע עסטרייכישע רעפּובליק — נאַקעט און באָרוועס, אָן אַ זערנע תבואה אין איר שפּייכלער, און אָן אַ קאַווע בוי־ניסל אין אירע וועלט־באַרימטע קאַפעהייזער. אָבער ווין, די בידנע ווין, אַ פאַרפרוירענע און אַ פינצטערע שטאָט, האָט נישט פאַרלוירן איר גראַ־ציע און איר מעלאַנכאָלישן שמייכל פון פאַרגליווערטן האַרבסט, מיט האַרטע גרודעס אויפן שליאַך.

ווין האָט נאָך עפּעס געהאַט, וואָס האָט פאַרמערט איר צויבער. ווין איז דאַן געווען די פרייסטע שטאָט אין דער וועלט. די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן האָבן איבערגענומען די רעגירונג אין לאַנד און אומעטום האָט מען געפילט די פרייע לופט. און אַזוי ווי ווין האָט נישט געהאַט קיין פּאָלי־טישע פּרעטענזיעס האָבן אַלע, וואָס האָבן געזוכט אַן עיר־מקלט פאַר זייערע פּאָליטישע אַספּיראַציעס, אויפגעשלאָגן זייערע געצעלטן אין ווין, און די שטאָט האָט ממש געווימלט פון פאַרשטייער און אַמבאַסאַדאָרן פון גלות־רעגירונגען, וואָס האָבן געשטרעבט און געקעמפט פאַר זייערע רעכט. אָט אין דער סביבה האָט דער ווינער מזרח־גאַליצישער קאָמיטעט גע־שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין קאַמף פאַר יידיש־נאַציאָנאַלע רעכט און אין דער פאַרטיידיקונג פון יידישע רעכט און יידישע לעבנס אין מזרח־גאַ־ליציע. ווין איז געווען אַ פענצטער צום מערב און מיט דעם אָפענעם פענצטער — דעם איינציקן וואָס איז געווען אָפן פאַר זיי — האָבן זיך באַדינט די יידן פון גאַליציע, פּוילן, בוקאָווינע און אונגאַרן. די באַציאונ־גען מיט ווין האָבן אונדז אַ סך געדינט, אויך ביי דער שלום־קאָנפערענץ.

אַ חודש שפּעטער בין איך אָנגעקומען קיין ציריך, אין דער שווייץ.

דאָרט האָב איך שוין געטראָפן אַרום 20 דעלעגאַטן פון אַלע טיילן פון מזרח־אייראָפּע. אַלע זענען געקומען לויטן מאַרשרוט, וואָס ס'האָט אויס־געאַרבעט דאָס ציוניסטישע ביוראָ אין קאָפּענהאַגן און אין לאָנדאָן. פרעגט זיך אַ שאלה פאַרוואָס עפּעס ציריך?

ס'ווייזט אויס, אַז דאָס ציוניסטישע ביוראָ האָט זיך אין אָנהויב נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון וועגן דער עקזאַקטער פונקציע פון אַזאַ מין יידישער שלום־דעלעגאַציע — און למען האמת, וויפיל שלום־דעלע־גאַציעס פון אַזאַ פאָלקס־פאַרנעם האָבן מיר געהאַט זייט דעם חורבן בית־שני? אין תוך גענומען האָבן וואַשינגטאָן און לאָנדאָן אַליין נישט גע־ווּסט ווו די שלום־קאָנפערענץ וועט פאָרקומען. סיי לאָנדאָן, סיי וואַ־שינגטאָן האָבן געשטרעבט, אַז די קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען אויף אַ נייטראַלן שטח, ווי זשענעווע למשל, וועלכע האָט געהאַט אַ פּיל לויטערע פּאָליטישע אַטמאָספערע, איידער דאָס האָס־פאַרסמטע פּאַריז. ווילסאָן האָט פאָרגעשלאָגן לאָזאַן. אָבער פראַנקרייך האָט געוואָלט אויסקערן פון אירע ברוקן די פוסטריט־שפּורן פון די אַראָגאַנטע פּרייסישע שטיוול פון־נעם יאָר 1871 און פראַנקרייך האָט טאַקע געוווּנען דעם קאַמף. אָבער דערווייל האָט מען נישט געוווּסט, ווו מען האַלט ערגעץ אין דער וועלט און קיין ציריך זענען אָנגעקומען אַלץ מער יידישע דעלעגאַציעס.

דאָס ציוניסטישע ביוראָ האָט געשיקט קיין ציריך איר סעקרעטאַר יוליוס בערגער, וועלכער האָט איינגעאָרדנט די דעלעגאַציעס און אַראָנ־זשירט טעגלעכע דיסקוסיעס און רעפעראַטן וועגן די יידישע פראַגן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג. דאָס איז געווען אַן אמתער פּאָליטישער סעמינאַר און ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דאָרט האָט זיך פאַרזאַמלט די סאַמע סמעטענע פון דער דעמאָלטיקער יידישער פּי־רערשאַפט, צווישן זיי דער ארי שבחבורא, ראַבינער פּראָפעסאָר צבי חיות פון ווין, קען מען פאַרשטיין די בקיאות פון די טעגלעכע רעפעראַטן און דעם חריפות פון די דיסקוסיעס(20).

אָבער כאָטש דאָס לעבן אין דער שווייצאַרישער סביבה איז געווען שיין און אנגענעם און דאָס טרעפן זיך מיט די פירער פון גאַנץ אייראָ־פּע איז געווען ממש אַ נשמהדיקער גענוס, איז אָבער פאָרט געווען פריק־

רע אויף דער נשמה, מחמת אין דער היים איז געווען אַזוי ביטער און זויער און די וואָס האָבן אונדז געשיקט האָבן געוואַרט אומגעדולדיק אויף מעשים אָנשטאָט אויף דיסקוסיעס. מיר האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן דעפּעשן קיין לאָנדאָן, פֿאַרלאַנגנדיק אַ טאָלק, אָבער, ווי געזאָגט, האָבן זיי אויך נישט געוווסט מה יביא היום. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, איז קלאָר געוואָרן, אַז נישט די שווייץ וועט זוכה זיין צו זיין דאָס אָרט פֿון דער שלום־קאָנפֿערענץ און באַלד איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע פֿון לאָנדאָנער ביוראָ, געחתמעט פֿון סאָקאָלאָוו, אַז אַלע דעלעגאַטן ווערן געבעטן צו קומען קיין לאָנדאָן צו אַ ציוניסטישער קאָנפֿערענץ. אַ יעדער דעלעגאַט האָט צוגעשיקט גענויע פּערזענלעכע דאַטן, כדי צו דערמעגלעכן דעם ציוניסטישן „אָפּיס" אין לאָנדאָן אויסצופּועלן ביים בריטישן „פֿאָרעין אָפּיס" די נויטיקע וויזעס. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך, מחמת די מיינסטע פֿון אונדז זענען געקומען פֿון „פֿיינטלעכע לענדער", און די מלחמה־ווונדן זענען נאָך אַלץ געווען צו פֿריש, כדי מוחל צו זיין אפילו אַ יידישן „מלחמה־שונא" פֿאַר די זינד פֿון זיין לאַנד. אַזוי למשל האָבן די ענגלענדער אָפּגעזאָגט אַ וויזע דעם „געפֿערלעכן שונא", פּראָפֿעסאָר הרב צבי חיות, און טראָץ אַלע באַמיאונגען האָט ער, מחמת ער איז געווען אַן עסטרייכישער בירגער, געמוזט צוריקפֿאָרן קיין ווין מיט ליידיקע הענט. דאָס איז געווען פֿאַר אונדז אַלעמען אַ שווערער קלאַפּ, ווייל אַחוץ זיין געלערנטקייט און אויטאָריטעט איז ד״ר חיות געווען אַ ווונדערבאַר האַרציקע פּערזענלעכקייט, וועלכע מיר אַלע האָבן פֿאַרערט און באמת ליב באַקומען.

אָבער אויך מיר, וואָס איך בין געווען אַ מין פּאָליטישער אַנדרוגינוס — אַן עסטרייכער מיט אַ פּוילישן פּאַס — איז דאָס קריגן אַ וויזע אָנגעקומען מיט גרויסע צרות, און ווייל דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער דעמאָלטיקער שטימונג, וויל איך דערמאָנען דעם עפּיזאָד — אַ מין דראַמע וואָס דאַרף הייסן: „אַ פּויליש־עסטרייכישער ייד אין בריטישן קאָנסולאַט אין בערן".

איך וועל זיך באַמיען צו באַגנוגענען מיט אַ קורצער סצענע.

די צייט — דער 14טער מאַרץ 1919. דער אָרט — דער בריטישער

קאָנסולאַט. אין אַ גרויסן צימער זיצט דער גענעראַל־קאָנסול — אַ דאַרער לאַנגער ענגלענדער, קאַלט ווי אַן אײַזבאַרג, מיט גרין־גרויע פּיינטלעכע אויגן, וואָס בויערן אַ לאָך אין מיין פּנים. ער קוקט אויף מיר מיט אַן אומ־פאַרהילטער פאַראַכטונג. אָפּנים ער קען מיר נישט מוחל זיין וואָס איך, אַ געוועזענער עסטרייכישער אָפיציר, דערוועג זיך צו פאַרפּעסטן די לופט פונעם בריטישן קאָנסולאַט מיט מיין אומריינער פּערזאָן.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער זיך ממש אָפּגעגעסן די גאַל — ערשט נאָר וואָס האָט איר געקעמפט קעגן אונדז און געשאָסן אויף אונ־דזערע סאָלדאַטן און איצט קומט איר נאָך אַ וויזע?

— סטייטש, הער קאָנסול, וואָס ווילט איר פון מיר? — האָב איך מיך גענומען פאַרענטפערן — האָט דען עמיצער געפרעגט ביי מיר צי איך וויל דינען ביי קירהן? וואָלט איך געוועזן אין אייער לאַנד, וואָלט איך געוועזן געטראָגן אַ בריטישן מונדיר, פּונקט ווי אין עסטרייך האָב איך געמוזט טראָגן אַן עסטרייכישן. בין איך דען געוועזן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מלחמה? — האָב איך מיך ביי אים געבעטן ווי ביי אַ גזלן.

אָבער גיי האָב אַ דין־תורה מיט אַ גוי, וואָס איז קיינמאָל אין חדר נישט געגאַנגען! אפילו מיין התלהבותדיקע פאַרזיכערונג, אַז איך בין גע־ווען אַ מיליטער־דאָקטער און האָב נישט געשאָסן אפילו אויף זאַזולעס, נישט נאָר נישט אויף קיין ענגלענדער, האָט אים ווייניק וואָס גערירט.

— איר זענט אַ שונא און איר בלייבט אַ שונא! — האָט ער זיך גע־האַלטן ביי זיינס מיט אַן עכט ענגלישער עקשנות.

אפילו מיין טענה, אַז נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָב איך, אַלס ציוניסט, נישט געקאָנט זיין אַזאַ רשע קעגן ענגלאַנד ווי ער שטעלט זיך פאָר, האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין רושם.

יאָ, איר ציוניסטן! — האָט ער אויסגעשריגן מיט ביטערער איראָניע.

— אייערע ציוניסטן אין ענגלאַנד האָבן פאַר אייך אויסגעווירקט אַ וויזע און לײַדער מוז איך זי אייך געבן — האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן גראָד אין מאָמענט, ווען איך האָב שוין געוואָלט קאַפּיטולירן פון אָט דער „נייער וועלט־מלחמה״, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן דעם פאַרטרעטער פון זיין מאַיעסטעט קיניג דזשאָרדזש דער פינפטער און מיין ווייניקייט, דעם

פאַרטרעטער פונעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין מזרח־גאַליציע פון וועלכן דוד שרייבער איז געווען דער אומגעקרוינטער שני־למלך.

נאָך דעם ווי ער האָט מיך איבער צוויי שעה צייט געמוטשעט און געשונדן פון מיר פּאַסן, ממש ווי מען טרייבערט אַ טריפהנע בהמה, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם סטעמפּל און אַרויפגעדריקט דעם צעבייזערטן ענגלישן לייב אויף מיין צעשויבערטן פּאַפּירענעם פּאַספּאָרט.

— מען וועט אויף אייך קוקן אין לאָנדאָן ווי אויף עפּעס אַ ווילדער חיה — איז געווען זיין לעצטער זיי־געזונט.

אָבער דער גורל האָט דוקא יאָ געוואָלט אַז איך זאָל נישט האָבן די זכיה צו קריגן אַ קוואַרטיר אין אַ שטייג פון לאָנדאָנער חיות־גאָרטן, ווייל נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו קויפן אַ רייזע־בילעט קיין לאָנדאָן, איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע פון ציוניסטישן ביוראָ אין לאָנדאָן, אַז די דעלעגאַציעס פאַרזאַמלען זיך אין פּאַריז.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה וויזעס. עס איז נישט מעגלעך געווען צו קריגן אַ פראַנצויזישע וויזע איידער מען האָט געקריגן אַ פּוילישע — פאַרשטייט זיך פאַר די, וואָס האָבן געהאַט אַ פּוילישן פּאַספּאָרט. נאָך פאַרן סוף פון דער מלחמה האָט דער פּוילישער נאַציאָנאַל־קאָמיטעט אין פּאַריז געקריגן די אנערקענונג ווי אַ פּוילישע רעגירונג אין גלות, און אין בערן, ווי אין אַנדערע הויפּטשטעט, זענען שוין געווען פּוילישע לעגאַציעס און אַמבאַסאַדעס. אין פאַרשיידענע שטאַטן האָבן זיי געהאַט דעם סטאַטוס פון פולע געזאַנדשאַפטן. אין בערן איז גראַף זאַלעסקי געווען דער פאַרשטייער פון דער פּוילישער לעגאַציע. דער גראַף האָט שוין געהאַט זיינע אינסטרוקציעס פון פּאַריזער נאַציאָנאַל־קאָמיטעט און צוליב דער אינטערווענץ פון נחום סאָקאָלאָוו און פון ציוניסטישן ביוראָ האָט מען מיר באַוויליקט די פּוילישע וויזע. ווען איך בין צו אים געקומען אין דער לעגאַציע אין בערן דעם 19טן מערץ 1919 האָט ער מיך איינגעלאַדן אויף טיי און „טשאַסטקעס“ און האָט מיט מיר איינגעחזרט אַ פּרק פון דער איצטיקער פּוילישער פּאָליטיק און פון דעם גרויסן טראַדיציאָנעלן פילאָסעמיטיזם פון דעם פּוילישן פאָלק. ער האָט גערעדט וועגן די גרויסע חסדים, וואָס אַ פרייע פּוילן וועט טאָן פאַר די יידן און דער־

ביי האָט ער נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם מלך „קאַזשימיעזש וויעל־קי״ און זיינע חסדים. איך בין געווען געגוג טאַקטלאָז און אים דער־ציילט וועגן די מעשים טובים פון „נייעם פוילן״ אין לעמבערג און אין אַנדערע שטעט, ווו די פּאָגראָמען האָבן געבושעוועט און פאַר וועלכע. ער האָט פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ פּאַרטיקע דערקלערונג. ווייזט אויס, אַז ער איז פון מיר נישט שטאַרק נתפעל געוואָרן, ווייל נאָך דעם ווי איך בין געקומען קיין פּאַריז און געקריגן די דערלויבעניש צו באַזוכן די ביב־ליאָטעק פון דער פּוילישער שלום־דעלעגאַציע, כדי צו זאַמלען מאַטעריאַל פאַר מיינעם אַ בוך, האָט מען באַלד די ביבליאָטעק פאַרשלאָסן פאַר „פרעמדע״.

באַזאָרגט מיט דער פּוילישער וויזע האָב איך די פראַנצויזישע וויזע געקריגן אָן שום פּראָגן דעם 20סטן מערץ 1919.

— ג —

דעם 23סטן מארץ 1919, אינדערפרי, בין איך אָנגעקומען קיין פּאַ־ריז. עס זענען אַוועק כמעט צוויי און אַ האַלב חדשים זייט איך האָב פאַר־לאָזט לעמבערג. איך האָב מיין רייזע אויסגענוצט, ווו נאָר עס איז געווען אַ מעגלעכקייט, כדי אויפצוקלערן דעם אמתן צושטאַנד אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב פאַרטראַטן. איך האָב געגעבן אומצייליקע אינטערוויוען, אָפּגעהאַלטן פּרעסע־קאָנפערענצן און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דער יידישער און נישט־יידישער פּרעסע. איך האָב אָנגעשריבן אַ בוך וועגן „לעמבערגער פּאָגראָם״, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דרוקן און איך האָב אינטערווענירט אין דער שווייץ וועגן מאַטעריעלער הילף און פּאָליטי־שער שטיצע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט דעמאָלט גע־לעבט אין גאַליציע, נישט נאָר אונטער אַ פּאָגראָם־שטימונג נאָר ממש אין אַ צושטאַנד פון קריגס־באַלאַגערונג. אָבער איך בין נישט געווען צופרידן מיט די רעזולטאַטן. אַט זענען שוין פאַרגאַנגען אַ סך וואָכן און וואָס האָב איך דערגרייכט?

ממש מיט האַרצקלאַפּעניש בין איך צוגעפאָרן צום ציוניסטישן ביוראָ

אין פּאַריז אויף פּלאַץ עדוואַרד VII. איך האָב נישט געוואָלט אָפּשטייגן אין אַ האָטעל איידער איך וועל זיין אין ביוראָ און בין גלייך נאָך די פּאַס־פּאָרט־פאָרמאַליטעטן און באַגאַזש־רעוויזיע פאַרפאָרן אין ביוראָ. און אָט אַזוי בין איך, באַלאָדן מיט מיינע רייזע־פּעקלעך און טשעמאָדאַנעס אַרויף אויפן שטאָק, וווּ דאָס ציוניסטישע ביוראָ האָט זיך געפונען. שוין אין קאָרידאָר האָב איך דערהערט די בעזלדיקע שטים פון ד״ר לעאָן רייך און דעם סאַמעטענעם קול פון ד״ר מיכל רינגל. די צוויי האָבן תמיד געהאַט וועגן וואָס זיך צו שפּאַרן. זיי זענען שוין פריער אָנגעקומען פון קראָקע און מיט מיין אָנקום איז אונדזער דעלעגאַציע פון מזרח גאַליציע שוין באַשטאַנען פון דריי. (רינגל און רייך זענען באַפרייט געוואָרן פון אַרעסט דורך דער אינטערווענץ פון די ענגלענדער, כדי צו פאָרן קיין פּאַריז ווי דעלעגאַטן).

באַלד האָט זיך די טיר געגעבן אַ מאַך אויף און איך האָב פאַרגעסן אַלע מיינע חשדים און קאָשמאַרן. איך בין געווען אינעווייניק אין דער געזעלשאַפט, נישט נאָר פון דערוויילטע, נאָר פון אויסדערוויילטע — פון די בחירי העם. איך האָב באַקומען אַ ברייטן שלום עליכם פון סאָקאָלאָוון:

— אָט, גוט וואָס איר זענט שוין דאָ! מיר האָבן געהאַט גרויס עגמת־נפש איבער אייך. מיר האָבן נישט געוווּסט צי מען וועט אייך דורכלאָזן.

באַלד איז צוגעלאָפן מאָצקין צעשויבערט און פאַרפּלאָמט:

— נאָך אַ דעלעגאַט איז אָנגעקומען — איז ער ממש געשפּרונגען פון גדולה.

אויב עס איז געווען עמיצער, וואָס איז געווען צום מערסטן פאַראַנט־וואָרטלעך פון אַלע אַנדערע פאַר דעם צוזאַמענקום פון די דעלעגאַציעס איז עס געווען מאָצקין. דער ליבער, האַרציקער מאָצקין. איצט איז ער געשטאַנען ווי אַ גענעראַל און געציילט זיין אַרמיי. אָט איז שוין דאָ נאָך איינער און נאָך איינער און אָט איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז די בור־קאָווינער דעלעגאַציע איז אויפן וועג!

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאָרשטעלן איינער פאַרן אַנדערן, אַ דריקן די הענט, אַן אמת פריינדלעכער שמייכל אויף די ליפּן, אַ גלאַנץ אין די אויגן פון פריינד, וואָס האָבן זיך נישט געזען אַזוי לאַנג, אָדער גאָר

איינגאַנצן זיך נישט געקענט און וועלכע דער גורל האָט איצט צונויפגע־בראַכט פון ווייטע לענדער, נאָך אַ מערדערישער מלחמה, וואָס האָט צע־ריסן דאָס יידישע פאָלק אויף אַזוי פיל שטיקער, ווי עס זענען געווען פראַנטן. עס איז שווער צו מאָלן די שמחה און דעם תענוג פון דעם גע־פינען זיך, פון דעם פאַרשמעלצן זיך אין דעם רעגנבויגן פון פיל־פאַרבי־קע האָפענונגען און פון דעם געפיל פון אָפגעזונדערטע אברים וואָס האָבן זיך באַהעפט אין איין גוף מיט איין דופק. עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערמאָנען די טייערע מענטשן מיט וועלכע איך האָב פאַרבראַכט גורלדיקע פיר חדשים אין וויכוחים און אין חברישן צוזאַמענלעבן, סיי ווען מיר זענען געווען ביי דער זעלביקער מיינונג, און סיי ווען מיר האָבן געפירט צווישן זיך אַ פלוגתא. נאָר איינעם וויל איך דערמאָנען, וועלכער האָט אייגנטלעך נישט געהערט צו אונדזער דעלעגאַציע. ער איז געזעסן אין באַזונדערן אַרבעט־צימער זיינעם, אָפגעזונדערט פון דעם אַנדערן טייל, וואָס איז געווען רעזערווירט פאַר די דעלעגאַציעס. מאַצקין האָט מיך אַריינגעפירט און פאָרגעשטעלט פאַר אַ יונגנמאַן, אַ נידעריקן אין וווקס, וואָס איז געזעסן ביי אַ טיש פאַרלייגט מיט ביכער און מאַפּעס, און אַזוי געגישטערט אין זיי, אַז ער האָט נישט באַמערקט זיינע געסט:

— „דערלויבט מיר אייך פאָרשטעלן אַ נייעם דעלעגאַט, הער פראַנקפור־טער" — האָט מאַצקין אים איבערגעריסן די אַרבעט.

יאָ, דאָס איז געווען פעליקס פראַנקפורטער, דער איצטיקער ריכ־טער פונעם העכסטן געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין וואַשינגטאָן, דעמאָלט נאָך גאָר אַ יונגער פּראָפעסאָר פון האַרוואַרד־אוניווערסיטעט און אַן אונטער־סעקרעטאַר פון אַמעריקאַנער קריגס־מיניסטעריום, וועלכן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַראָפּגעבראַכט קיין פּאַריז העלפן אויס־אַרבעטן די לעגאַלע סטרוקטור פונעם פּאַלעסטינע־מאַנדאַט.

איידער איך גיי איבער צו די ווייטערדיקע פאַזעס פון די אַרבעטן פאַר אַ יידישן שלום, וויל איך נאָך קורץ דערמאָנען איינעם אַן עפּיזאָד, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז ער איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן מענטש און פאַר זיין שליחות, און ער פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן.

— ד —

פאַריז האָט דעמאָלט געווימלט מיט מענטשן ווי אַ בינשטאָק מיט בינען. די האָטעלן אין מיטן שטאָט זענען געווען איבערפולט. האָב איך מיך אַריינגעצויגן אין אַ האָטעל אין קאַרטיע לאַטען (לאַטיינישן קוואַר־טאַל), וווּ רייך און רינגל האָבן געהאַט זייערע דירות. איך בין געווען מיד פון דער רייזע, דאָך איז אַן אַלטער מנהג, אַז אין פאַריז שלאָפט מען נישט די ערשטע נאַכט נאָכן אָנקומען. בין איך טאַקע אַהיימגעקומען אין גרויען פרימאָרגן, אַ מידער און אַ פאַרשלאָפענער, כמעט אין דער זעל־בער צייט ווען דער מילך־וואָגן קומט צו פאָרן. און קוים וואָס איך בין אַריין אין מיין צימער און אַנטשלאָפן געוואָרן הער איך באַלד ווי עמיצער קלאַפּט אין דער טיר. מן הסתם האָט דאָס קלאַפּן געדויערט אַ לענגערע צייט, ווייל דאָס מאָל האָט דער קלאַפּער באַנוצט ביידע פויסטן. איך גיב אַ קוק אויפן זייגער — ס׳איז 7 אינדערפרי.

— ווער איז דאָס? — פרעג איך אין אַ פאַרשלאָפענעם פראַנצוי־זיש?

— דאָס בין איך, מר. קאהאן, הכלל, נו, מאַכט שוין אויף! — קומט צוריק אַ בייזער ענטפער אין יידיש.

בין איך זיך מודה אויף מיין איגנאָראַנץ. אין דער צעריסנקייט פון קריג האָב איך גאָרנישט געוווּסט ווער עס איז דער מר. קאהאן, נישט געקענט דעם „פאָרווערטס" און נישט זיין רעדאַקטאָר. אָבער, אַז אַ ייד קלאַפּט מוז מען עפענען. און אָט זיצט ער שוין, דער פאַרשוין, אויף מיין בעט און, ממש ער פּאָמפּעט פון מיר ווי מיט אַ פּאָמפּע אַלע נייעסן וואָס איך האָב פאַרמאָגט. דאָס האָט אַזוי געדויערט אפשר אַ שעה אָדער מער, אָן איבערייס. האָב איך זיך ביי אים אָנגעהויבן בעטן:

— מיסטער קאהאן לאָזט מיך שוין אָפּ! — פשוט איך וויל זיך אָנטאָן!

אָבער ער האָט געהאַט מער קשיות ווי איך האָב פאַרמאָגט ענטפערס. צום סוף האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן:

— הכלל מר. טענענבוים, איך זע, אַז איר האָט גוטע סחורה —

שרייבט מיר אַן אַ זעקס־זיבן אַרטיקלען וועגן לעמבערגער פּאָגראָם פאַרן פ אָ ר וו ע ר ט ס ! — איך וועל אייך שיין באַצאָלן דערפאַר — אַ דריי הונדערט פראַנק פאַרן „דזשאַב״.

בין איך זיך ווידעראַמאָל מודה ומתודה אַז אסור צי איך האָב פאַר־שטאַנען וואָס ס׳מיינט דאָס וואָרט „דזשאַב״. אָבער מיין באַגער אַז ער זאָל זיך אָפּטשעפּן פון מיר איז געווען גרעסער ווי מיין גאַרן נאָך דעם „גרויסן האָנאָראַר״, און איך האָב מסכים געווען. ווען איך בין געקו־מען אין קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס האָבן אָנגעהויבן צו לויפן צו מיר פאַרטרעטער פון אַנדערע צייטונגען, ווי למשל לואי מילער, דער רעדאַקטאָר פון דער „װאָרהייט״ און אַנדערע, וואָס האָבן געוואָלט באַ־שטעלן אַרטיקלען וועגן גאַליציע און ספּעציעל וועגן „לעמבערגער פּאָ־גראָם״, וועגן וועלכן איך האָב געהאַט אָנגעשריבן אַ בוך. און ווען זיי האָבן דערהערט, אַז איך האָב „פאַרקויפט״ זיבן אַרטיקלען פאַר דריי הונ־דערט פראַנק האָבן זיי געלאַכט אין די פויסטן. נו מילא, אַ גרינער, נישט פאַר אייך געדאַכט! אָבער ווען דער מר. קאַהאַן איז געקומען אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָך די וויטערדיקע אַרטיקלען און מיר געזאָגט, אַז ער מוז יעדן אַרטיקל איבערשרייבן, ווייל — „איר ווייסט מר. טענענבוים, איר קענט נישט שרייבן קיין יידיש״ — בין איך שוין גאָר געוואָרן אין כעס. און ווען ער האָט נאָך באַמערקט, אַז ער וועט די 300 פראַנק דאַרפן אויס־צאָלן אין ראַטעס, מחמת ער מוז קייבלען מיינע אַרטיקלען צום „פאַר־ווערטס״, און דאָס נעמט ביי אים צו אַ סך געלט, האָב איך שוין גאָר אינגאַנצן חרטה באַקומען אויפן עסק. קאַהאַן האָט זיך די זאַך איבערגע־לייגט און איז אַ טאָג שפּעטער געקומען און מיר באַצאָלט די 300 פראַנק און איך האָב אים געגעבן די וויטערדיקע אַרטיקלען.

יאָרן שפּעטער פלעג אַב. קאַהאַן דערציילן ווי איך האָב אים נישט געטרויט 300 פראַנק.

און צוליב וואָס דערצייל איך דאָס? צוליב דעם שבח, וואָס איך וויל גראָד נאָכזאָגן קאַהאַנען ע״ה. ער איז תמיד געווען און וועט בלייבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע פאַרצייכנט ווי דער גרעסטער רעדאַקטאָר, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אויף דער יידישער גאַס. און אַ גרויסן רעדאַקטאָר באַדאַרף מען מוחל זיין קליינע אָדער אפילו גרעסערע

שוואַכקייטן. דער עיקר איז געווען אָט וואָס: ווען קאהאן האָט דער־שפּירט ערגעץ־ווו אַ שטיקל נייעס איז ביי אים נישט געווען קיין צו פרי אָדער קיין צו שפּעט. ער איז תמיד געווען ד ע ר ע ר ש ט ע ר נאָך איידער עמיצער אַנדערש האָט דערשפּירט אָדער דערשמעקט, אַז מען קען געפינען עפּעס „אינטערעסאַנטעס" פאַר די לייענערס. ער האָט אַלצדינג געטאָן פאַר די לייענערס, פאַר דער צייטונג — אפילו געקמצנט מיט שכי־רות. ביי אים איז דאָס געווען אַ דבר לשמה, — זיין אידעאַל איז תמיד געווען דער „פאָרווערטס". און פאַר דעם אַליין קומט אים אַ שבח, כאָטש אין דער אמתן, האָט ער געכאַפּט אַ „גרינעם" ווי אַ פיש אויף דער ווענדט־קע און אים אפילו דעם וואָרעם אויך נישט פאַרגונען. (אגב זענען מיינע פּאָגראָם־אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין ענגליש).

V

די יידישע שלום־שליחים אין אַ קאָנפליקט

— א —

אַ שטראָם פון יידישע פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע לענדער און קאָנטינענטן איז געלאָפן קיין פאַריז, די שטאָט פון האָפענונג פאַר אַ נייער וועלט. יעדע דעלעגאַציע איז געקומען מיט איר אייגענעם פּראָגראַם און מיט אירע אייגענע אינטערעסן, אַחוץ די כלל־ישראלדיקע געמיינזאַמע פאָדערונגען. אָבער אויך דאָ זענען געווען חילוקי־דעות און אפילו טיפע פּרינציפּיעלע סתירות. פאַריז אַליין איז געווען דאָס זיץ־אָרט פון אַן אַלטער אָרגאַניזאַציע מיט אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט, — די אַלט־געבאַקענע „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערזעל“, וואָס האָט דורך צענדליקער יאָרן געשפּילט די ראָלע פון אַן אַפּוטרופּוס פון וועלט־יידנטום, כמעט אָן שום קאָנקורענץ. מיט איר האָט געאַרבעט בשותפותדיק דער בריטישער „באָאַרד־אָוו־דעפּיוטיס“ און נאָך ענגער פאַרבונדן מיט איר איז געווען די „אַנגלאָ דזשואיש אַסאָסיישן“; די צוויי בריטישע אָרגאַניזאַציעס: דער „באָאַרד און די „אַנגלאָ־דזשואיש“ זענען געווען פאַרייניקט כלפּי חוץ אינטער איין דאַך־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „קאָנדזשאָינט דזשואיש פאָרעין קאָמיטע“ וואָס האָט געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע“. זיי ביידע, אינאיינעם מיט דער אַליאַנס האָבן שטאַרק געהאַלטן פונעם נוסח „גלייכבאַרעכטיקונג“, אָבער זיי זענען געווען גרויסע אפּיקורסים אין „נאַציאָנאַלע“ רעכט פאַר יידן. אין דעם פּרט פון אַסימילאַציע, זענען אַלע דריי אָרגאַניזאַציעס פון אָט דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער רעפּרעזענטאַנץ געווען אייניק, אַז די בעסטע לייזונג פון דער

יידנפראַגע איז אויפלייזונג — שפּראַכלעכע און קולטורעלע „מימיקרי״ (נאכאמונג), און שיטערקייט (צעשטרייאונג) אנשטאט רוימיקע (טערי־טאָריעלע) און גייסטיקע קאָנצענטראַציע. זיי האָבן זיך געווערט מיט ציין און נעגל קעגן יעדן געדאַנק, אַז יידן זענען אפשר מער ווי אַ רעליגיעזע סעקטע. דאָס וואָרט „יידיש פאָלק״ איז ביי זיי געווען פסול. ס׳איז זיי גאָר אינגאַנצן אַנטרינען געוואָרן דער געדאַנק, אַז אפשר איז טאַקע ביי זיי אַליין אין דער היים אויך נישט אַלצדינג ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אָט ווי אַזוי ס׳איז אַנטשטאַנען אַ טיפער תהום צווישן די צוויי וועלטן פון מזרח און מערב, גלייך ווי דאָס וואָלטן געווען צוויי באַזונדערע שבטים. דער תהום איז געוואָרן אַלץ טיפער וואָס מער די יידישע ישובים אין מזרח אייראָפּע זענען געוואָרן זעלבסטשטענדיקער און באַוווּסטזיניקער. וואָס מער דער בטחון און די אייגענע כחות איז געוואַקסן ביי די מזרח־יידן אַלץ פאַרדעכטיקער זענען געוואָרן די אפּוטרופּסים פון מערב. און איצט ווען די צוויי וועלטן — די צוויי גלאָבאַלע פּאָלן — דער מזרח און מערב — האָבן זיך צונויפגעשטויסן אין פּאַריז, האָבן זיי דערגרייכט דעם טויט־פּונקט פון אַ מעגלעכער דערנענטערונג. און קיינער האָט נישט געוואָלט זיך אַ ריר טאָן אין דער קעגנזייטיקער ריכטונג, אָדער עפּעס נאָכגעבן איי־נער דעם אַנדערן.

שוין דעם 18טן יאַנואַר 1919, האָט דער סעקרעטאַר פון דער ענגלי־שער פרידן־דעלעגאַציע, לוסיען וואָלף אַראַנזשירט אַ צוזאַמענטרעף צווישן אייזשען סעע, דעם פּרעזידענט פון דער אַליאַנס איזראַעליט און נחום סאָקאָלאָוו. ביי דעם שמועס האָבן זיך ביידע פּראָוויזאָריש געאייניקט צו עפענען אַ בשותפותדיק ביוראָ פאַר אַלע יידישע שלום־דעלעגאַציעס, מיט בשותפותדיקע סעקרעטאַרן און אַ בשותפותדיקן קאָמיטעט. אָנהויב פעב־רואַר האָט ווידעראַמאָל דער ענגליש־יידישער פאָרשטייער פאָרגעשלאָגן, אַז די אַליאַנס זאָל צונויפרופן אַ זיצונג פון די יידישע דעלעגאַציעס, וואָס האָבן זיך שוין דעמאָלט געפונען אין פּאַריז. אָבער די מזרח־יידן האָבן געקוקט מיט חשד אויף די אַלע אומאויטאָריזירטע פּלענער און האָבן פאַר־לאַנגט, אַז איידער אַזאַ פאַראייניקונג וועט פאָרקומען, זאָל צום ערשטן אויסגעאַרבעט ווערן אַ געמיינזאַמע פּלאַטפאָרם אויף וועלכער אַלע זאָלן זיך קענען אייניקן.

דעם 11טן פעברואַר האָט סאָקאָלאָוו צוגעשיקט דער אַליאַנס אַ ליס־טע פון די דעלעגאַטן, וואָס זענען אָנגעקומען אין פּאַריז. דערויף האָט די אַליאַנס, ווי אַן אַלטע באַלעבאָסטע, וואָס אירע פּרעטענזיעס וואַקסן מיט די יאָרן, זיך געפילט באַליידיקט, וואָס די דעלעגאַטן האָבן זיך ביי איר נישט געמאָלדן שוין פריער ביים אָנקום, ווי עס פּאַסט פאַר גוט־דערצוי־גענע קינדער. כדי נישט נאָך מער אויפצורייצן די באַליידיקטע פּרימאַדאָ־נע האָבן די נאַציאָנאַלע יידישע דעלעגאַציעס איר צוגעשיקט אַ בריוו מיט אַ פאָרשלאַג, אַז זיי זענען מסכים צו שאַפן אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט מיט דער אַליאַנס מיט אַ סעקרעטאַריאַט פון פינף וואָס זאָל פאַרטרעטן אַלע־מען. אַחוץ דעם בשותפותדיקן סעקרעטאַריאַט האָט דער בריוו פאָרגע־שלאָגן דעם באַשאַף פון אַ קאָמיטעט, אין וועלכן ס׳זאָלן זיין פאַרטראָטן די אַליאַנס, די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און דער ענגלישער קאָמי־טעט, איעדער מיט צוויי דעלעגאַטן און מיט אייגעם אַ דעלעגאַט פון „בני ברית״; און אַז די יידישע (נאַציאָנאַלע) דעלעגאַציעס זאָלן זיין פאַרטראָטן מיט איין שטים פאַר אַ יעדן מיליאָן יידן, וואָס זיי רעפּרעזענטירן. די אַליאַנס האָט דעם קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן.

כמעט איינצייטיק איז פאָרגעקומען די ציוניסטישע קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, אָנהויבנדיק פון 24סטן פעברואַר 1919 און זי האָט אַ סך צוגע־האָלפן צו דער קרעפטיקונג פונעם רוקנביין פון די יידישע פאַרטרעטער. אויף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ האָט מאַצקין רעפערירט וועגן דעם ענין פון יידיש־נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, איינשליסלעך אַ יידישע פאַר־טרעטערשאַפט אין דער ליגע פון נאַציעס. מאַצקינס פּראָגראַם איז גע־ווען קלאָר און שניידיק און איז אָנגענומען געוואָרן בפה אחד.

דעם 23סטן מאַרץ 1919 איז די ציוניסטישע דעלעגאַציע צוריקגעקו־מען קיין פּאַריז, געשטאַרקט אין איר אַנטשלאָסנקייט און זעלבסט־באַ־וווסט אין איר מהות. דעם 16טן מאַרץ איז שוין געהאַט אָנגעקומען קיין פּאַריז דזשוליען וו. מעק, פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער יידישער דע־לעגאַציע און ס׳האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן די ראַם פון דער נייער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרשיידענע דעלעגאַציעס, וואָס האָט געקריגן די פאָרם און דעם נאָמען ק אָ מ י ט ע ט פ ו ן י י ד י ש ע

דעלעגאַציעס ביי דער פרידן־קאָנפערענץ אין פּאַריז.*)

ריכטער מעק, וועלכער איז דערוויילט געוואָרן ווי דער פאָרזיצער פון דעם „קאָמיטעט", האָט באַלד צוגעשיקט אַ בריוו צו דער אַליאַנס מיט דער מודעה, אַז אַזאַ קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן, באַגלייט מיט אַ העפלעכער איינלאַדונג צו דער אַליאַנס זי זאָל זיך אָנשליסן אין דעם קאָמיטעט. דאָס האָט די אַלטע אַליאַנס, פאַרשטייט זיך, אויפגענומען שטאַרק ברוגז און געענטפערט מיט אַ געקרענקטן פאָרוואורף. „זי וווּנדערט זיך", האָט זי געשריבן, „צי ער, ריכטער מעק, איז זיך באַוווּסט, אַז ס'עקזיסטירט אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי די „אַליאַנס", וועלכע האָט אַ יאָר זעכציק לאַנג, זיך באַנוצט מיט איר אומבאַשרענקטער אויטאָריטעט אין אַלע אירע באַמיאונגען און אונטערנעמונגען פאַרן שוץ פון יידישע רעכט און (יידישע) אינטערעסן".

כדי בעסער צו פאַרשטיין די סיטואַציע און צו אילוסטרירן דעם צושטאַנד פון די דעלעגאַטן, וואָס האָבן געזוכט אַ מיטלוועג און אים נישט געקאָנט געפינען אין דער בין השמשותדיקער סיטואַציע וויל איך דאָ ציטירן די נאָטיצן פון ד"ר רינגל און ד"ר רייך, די צוויי מיטגלידער פון דער גאַליצישער דעלעגאַציע, וואָס זענען געקומען אַ וואָך פאַר מיר.

אין אַ באַריכט פון 20סטן מאַרץ שרייבט ד"ר רינגל:

זייט מאָנטיק דעם 17טן מאַרץ האָבן מיר כסדרדיקע באַראַטונגען. דערווייל שטייען אויף דער טאָג־אָרדענונג צוויי פראַגן: צי זאָל מען אויפשטעלן אַ מאַקסימאַלן פּראָגראַם אָדער זיך באַגנוגענען מיט מינימאַלע פאָדערונגען. אויך וועגן דער טאַקטיק זענען דאָ מיינונגס־פאַרשידנקייטן, דהיינו: צי זאָלן מיר גיין אויפן וועג פון פּאָליטישע אינטערווענצן, אָדער אָנהויבן אַן עפנטלעכע פּרעסע־קאַמפּאַניע. אויך וועגן בודזשעט האָט די דיסקוסיע אַרויסגעוויזן מער רויך ווי פייער... סאָקאָלאָוו האָט פאָרגעשלאָגן אַ בודזשעט פון 100.000 פראַנק פאַר עפענען אַ פּרעסע־ביוראָ, אַ סעקרעטאַר־

---

*) דער קאָמיטעט האָט זיך קאָנסטיטואירט אין 25סטן מאַרץ 1919.

יאט און פאר פראפאגאנדע־צוועקן. נאך שארפע פראטעסטן האט מען אנגענומען א בורזשעט פון א פערטל מיליאן פראנק. די אמעריקא־נער האבן גענומען אויף זייער רעכענונג דריי פערטל פונעם בור־זשעט. דאס איבעריקע האבן געדארפט דעקן די מזרח־אייראפעאישע נאציאנאל־ראטן. דער מזרח־גאליצישער נאציאנאל־ראט האט זיך פארפליכטעט צוצושטעלן 15.000 פראנק. ס׳דראט די סכנה, אז דער גאנצער ענין פון מינאריטעטן־רעכט וועט זיך פארשלעפן ביז נאך דער שלום־קאנפערענץ, אדער גאר אינגאנצן איבערגעלאזן ווערן צום פעלקער־בונד פאר אן אנטשיידונג.

און אט וואס ד״ר רייך האט געהאט צו באריכטן. ער שרייבט אונ־טער דער דאטע פון 22סטן מארץ 1919: „די לאגע דערוועקט נישט קיין אנגענעמע איינדרוקן אדער האפענונגען״. ער האט גראד געוואלט, אז דאס ציוניסטישע ביורא זאל פינאנצירן די ארבעט פאר קריגן נאציאנאלע רעכט, פונקט ווי זי האט עס געטאן פאר פאלעסטינע. ער זאגט ווייטער:

מיר האבן ענדלעך געפועלט ביי דער ציוניסטישער פארטרע־טערשאפט, אז זי זאל פאררופן א קאנפערענץ פון די דעלעגאטן, וואס זענען שוין דא אין פאריז... די ארץ־ישראל פראגע איז אויפן בעסטן וועג, אבער אויך דא ווייזט זיך ארויס, אז מען האט צופיל „געבלאזט״. דערווייל זענען צוריקגעקומען פון לאנדאן מאצקין, אוסישקין און ראזאף און לאמיר האפן, אז איצט וועט שוין די ארבעט גיין אין א גיכערן טעמפא.

דעם 27סטן מערץ איז לואי מארשאל אנגעקומען קיין פאריז און ער האט געהאט שטארק פאריבל פארוואס מען האט נישט געווארט אויף אים מיט דער ארגאניזירונג פון דעם קאמיטעט פון די יידישע דעלעגאציעס. (מיר וועלן ווייטער באצייכענען דעם קאמיטעט פון יידישע דעלעגאציעס אין פארקירצטער פארם מיטן נאמען „דעלעגאציעס״). ער האט גוט גע־ווסט, אז די „נאציאנאליסטן״ האבן אים געוואלט פארלויפן דעם וועג מיט א „פעט אקאמפלי״ און ער האט זיך פון אנהויב אן אפגעזאגט פון אנטיילנעמען אין די בעראטונגען פון די „דעלעגאציעס״. אבער מארשאל

די יידישע דעלעגאַציע ביי דער שלום קאָנפערענץ:

פון רעכטס צו לינקס — ערשטע רייע: יוסף טענענבוים; נחמן הירקין; מ. מ. אוסישקין; לעאָן רייך; בערנארד ג. ריטשארדס; יוסף באראנדעס; מארקוס ברוידע; לעאָ מאָצקין; יהושע טאָן; נחום סאָקאָלאָוו; לואי מארשאל; ריכטער י. וו. מעק. צווייטע רייע: וויליאם פילדערמאן; חיים ווייצמאן; ל. שאראגע; פיליפ ראָזענשטיין; הרב יעקב נעמיראָווער; מיכל ריינגעל; הארי קאטלער; ע. ברוינשטיין.

דריטע רייע: לעאָפאָלד בענעדיקט (ווינטשעווסקי); אהרן אייזענבערג; דוד יעלין; אליהו בערלין; יצחק ווילקאנסקי און לעאָן לעוויטע.

האָט געהאַט אַ טבע, אַז נאָכן ברוגז ווערן האָט ער זיך אַליין איבערגע־בעטן. אויך איצט האָט ער באַלד אָנגעהויבן קומען צו די זיצונגען גלייך מען האָט נישט אים געמיינט. ער אַליין, ווי מיר האָבן אים געזען אין זיין ראָל אויפן אַמעריקאַנער קאָנגרעס־צוזאַמענפאָר, האָט שווער אַראָפּ־געשלונגען די פאָרמולע וועגן נאַציאָנאַלע רעכט, אָדער ווי מען האָט שפּע־טער די כלה פאַרשלייערט מיט דעם דורכזיכטיקן שלייער פון „גרופּן־רעכט". די נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין די דעלעגאַציעס האָבן דאָס גוט געוווסט און האָבן געהאַט אַ חשד בנוגע זיין פירערשאַפט.

מאַרשאַל, חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ פירער פון אַן אַסימילאַ־טאָרישער אָרגאַניזאַציע, איז געווען אַן אַדוואָקאַט אַ מומחה וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכטסוועזן, און ער האָט פּשוט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי ס'קען עקזיסטירן אַ נאַציאָנאַליטעט אָן מלוכהשע יסודות. זיין האַרץ האָט אים געצויגן צו זיינע „געזינונגס־גענאָסן" פון דער לאָנדאָנער דעלעגאַציע און פון דער „אַליאַנס" אין פּאַריז. ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט זייערע סענטי־מענטן און גערעדט זייער לשון. עס איז באַקאַנט, אַז צום סוף 1918 האָט פּראָפעסאָר סילוויין לעווי, פון דער פּאַריזער אַליאַנס, באַזוכט אַמעריקע און איז באַשטאַנען דערויף אַז ד"ר סיירוס אדלער, דער וואָרטזאָגער פון דער אַמעריקאַנער אַסימילאַציע און דער זייל פון דער „אַמעריקען דזשו־איש קאָמיטע", זאָל פּערזענלעך קומען קיין פּאַריז ראַטעווען די באַדראָטע לאַגע פון דער אַסימילאַטאָרישער פעסטונג. פון רומעניע האָט ער גע־ברענגט קיין פּאַריז דעם דעמאָלט־באַקאַנטן פאַרטרעטער פון דער רומע־נישער אַסימילאַציע, ווילהעלם פילדערמאַן, פּרעזידענט פון דער „אוניאָן פון רומענישע יידן", וועלכער האָט אָבער שפּעטער דוקא יאָ מיטגעאַר־בעט מיט די יידישע דעלעגאַציעס ווי אַ „קאָנסולטאַנט", כאָטש ער איז געווען קעגן דער אנערקענונג פון יידיש־נאַציאָנאַלע רעכט.

איידער ער איז געקומען קיין פּאַריז, האָט מאַרשאַל געמאַכט אַ באַ־זוך אין ענגלאַנד און אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן מיט סיר קלאָוד מאָנטע־פיאָרע, סיר סטוארט סעמועל, מאַיאָר דע ראָטשילד און אַנדערע. בשעת סעמועל און ראָטשילד האָבן זיך באַצויגן מיט אַ געוויסער סימפּאַטיע צום פּראָגראַם פונעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס איז אָבער קלאָד

מאָנטעפיאָרע געווען אַ פאַרביסענער שונא פון וועלכע עס איז נאַציאָ־נאַלע הנחות און האָט האַרטנעקיק געקעמפט פאַרן שטאַנדפונקט, אַז יידן טאָרן בשום אופן נישט באַטראַכט ווערן אַנדערש ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, אַן וועלכן ס׳איז אַנדערן פאַרפוץ. די אַלע שטאַנדפונקטן האָבן מאַרשאַלן נאָך מער באַפעסטיקט אין זיין ווילן נישט צו דערלאָזן אַז אַזאַ „קליי־ניקייט״ ווי יידיש־נאַציאָנאַלע רעכט זאָל צעשטערן דעם געוועב פון אַח־דות, וואָס אין זיינע אויגן, איז זי געווען וויכטיקער ווי אַלע ליידיקע פּרינציפּן.

אָט די הקדמה איז נויטיק, כדי צו פאַרשטיין דעם האַרטן אינער־לעכן קאַמף בשעת די זיצונגען פון די יידישע דעלעגאַציעס און דעם שטרייט וואָס איז פאָרגעקומען וואָכנלאַנג מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וועגן וועלכע מיר וועלן איצט דערציילן.

— ב —

ווי שוין באַמערקט איז מאַרשאַל געקומען קיין פאַריז אַן „אָנגע־ברוגזטער״ פאַרוואָס מען האָט נישט געוואַרט אויף אים מיט דער אָרגאַ־ניזיר־אַרבעט פון די יידישע דעלעגאַציעס. מאַרשאַל איז געווען איינער פון די פלייסיקסטע און מארקאנטעסטע פערזענלעכקייטן און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן קומען צו די זיצונגען האָט ער אַריינגעבראַכט דאָס גע־פיל פון אַ פּראַגמאַטישער אַטמאָספערע. ער האָט אָנגעהויבן פירן צוויי־ערליי פאַרהאַנדלונגען: פון איין זייט מיט די אַסימילאַנטן, כדי זיי צו געווינען פאַר אַ קאָמפּראָמיס, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן זייער מיטאַר־בעט; און פון דער אַנדער זייט, האָט ער געפירט אַ לאַנגע ביטערע דעבאַ־טע אין די יידישע דעלעגאַציעס גופא, כדי צו באַווייזן די נאַציאָנאַלע פאַר־שטייער, אַז זיי זאָלן אויפגעבן זייער „עקשנות״ און מעגלעך מאַכן אַזאַ מין קאָמפּראָמיס. דאָס איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ דעבאַטע. דאָ האָבן געקעמפט צוויי וועלט־אנשויאונגען — דער אַלטער פעסטגעזעסענער סדר האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק פון אַ שינוי־ערכין. מען האָט ממש געפילט, אַז דאָ קומט צו אַן אַנטשיידונג דער גאַנ־

צער היסטאָרישער קאָנפליקט פון אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם און קיין שום קאַמף איז נישט אַזוי פאַרביטערט ווי דער, ווען בייע געטער פאַר־מעסטן זיך אויף אַלטע געצן און דראָען צו פאַרטרייבן זיי פון די הימ־לען פון מאַכט און איינפלוס.

מאַרשאַל איז געווען אַן אויסגעצייכנטער אַדוואָקאַט, אָבער נישט ווייניקער — אַ גרויסער עקשן. אין די פּרינציפּיעלע, וואָכנלאַנגע דעבאַטן, וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע שעהן נאָכאַנאַנד און ביי וועלכע ס׳האָבן ניט געפעלט קיין אָראַטאָרישע פייערווערק, האָט מאַרשאַל נישט נאָר אַרגומענ־טירט, נאָר אויך געדראָט. איין דעלעגאַט נאָכן אַנדערן פון מזרח־אייראָפּע האָבן אַרונטערגעריסן די אַסימילאַטאָרישע אַרגומענטן און באַוויזן זייער היסטאָרישן באַנקראָט. אַ יעדער דעלעגאַט האָט געבראַכט די דערפאַרונ־גען פון זיין אייגענעם לאַנד, ווי אַ שלאָגנדיקן אַרגומענט, וואָס האָט באַ־וויזן ווי ווייניק די מערבדיקע אַסימילאַציע פאַסט זיך אַריין אין די ספּע־ציעלע באַדינגונגען, אונטער וועלכע ס׳לעבן די יידישע מאַסן. מען האָט געפּרוווט באַווייזן באותות ובמופתים, אַז ציווילע רעכט אָן דער מעגלעכ־קייט צו באַנוצן די יידישע שפּראַך אין עפנטלעכן לעבן אין לאַנד איז נישט מער ווי אַן אויגן־פאַרבלענדעניש; אַז אפילו די בעסטע „רעליגיעזע פרייהייט” אָן דער באַווילִיקונג פון אַ יידישן שול־וועזן און אָן אַ „שבת־געזעץ”, זענען נישט מער ווי פּסולע ציצית אין אַ זיידענעם טלית־קטן. בקיצור, ס׳איז געווען קלאָר ווי די זון, אַז אָן נאַציאָנאַלע רעכט איז נישטאָ קיין גלייכבאַרעכטיקונג, אַז בלויז „אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע וואַלן” זע־נען פאַר זיך אַליין, נישט קיין פאַרזיכערונג פאַר אַ גערעכטער יידישער פאַרטרעטערשאַפט, אויב די וואַלקרייזן ווערן אַזוי צוגעשניטן, אַז די יידן ווערן פאַרזונקען אין אַ ים פון דער מאַיאָריטעט, און לסוף, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט זענען דער סאַמע עצם פון אַ יסוד־דותדיקער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע.

בעת די אַלע אַרגומענטן זענען אַרומגעפלויגן ווי שוואַלבן אין דער לופטן איז מאַרשאַל געזעסן אַ פאַרעקשנטער און אַן אָנגעבלאָזענער. ער האָט זיך באַמיט צו ענטפערן אַזוי שלאָגפערטיק ווי עס האָבן אים דער־לויבט די אומשטענדן, און די שפּראַך־שוועריקייטן (ער האָט גערעדט אַ דייטשן יידיש), און וויבאַלד די אַרגומענטן פאַר נאַציאָנאַלע פאָדערונגען

האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו שטאַרק פאַר אים, האָט ער געהאַט איין סטעראָטיפּישן ענטפער „איך פאַרשטיי דאָס נישט״, וואָס האָט געמיינט אויף תרגום לשון, אַז ער פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט וואָס פאַראַ נפשל די יידישע נאַציאָנאַליטעט איז — צי איז זי אַ זכר, אָדער אַ נקבה.

די דעבאַטן זענען נישט געווען קיין באַגרענעצטע אין צייט, ווייל יעדעס מאָל, וואָס מאַרשאַל האָט געבראַכט עפּעס אַ נייעם קאָמפּראָמיס מיט די אַסימילאַנטן האָט זיך די דעבאַטע אָנגעהויבן אויפסניי. איך געדענק ווי איין מאָל, ווען איך בין געווען דער לעצטער רעדנער אין דער דעבאַטע און מאַרשאַל האָט מיר איבערגעשלאָגן אין מיטן מיט עפּעס אַ בייזער זיינעם, זאָגנדיק אַז ער פּערזענלעך האָט געבראַכט קרבנות קומענדיק אַהער און אַז ער פאַרלאַנגט דערפאַר, אַז מיר זאָלן פאַרשטיין אָפּצושאַצן זיינע כוונות. — האָב איך געזאָגט צו אים און צו ריכטער מעק, וועלכער האָט אים אונטערשטיצט אין דעם פּרט:

— איר מר. מאַרשאַל און איר ריכטער מעק און די אַנדערע דעלעגאַטן, וואָס זענען אַהער געקומען פון אַמעריקע, זענט דאָך נישט געקומען פאַר קיין שום אַנדערן צוועק ווי כדי אונדז העלפן דערגרייכן אונדזערע רעכט. און אַט זיצן מיר אַפּ גאַנצע טעג און אַרגומענטירן מיט אייך, כדי אייך צו באַווייזן, אַז אָן נאַציאָנאַלע רעכט עקזיסטירן פאַר אונדז איבערהויפּט נישט קיין ציווילע רעכט, אַז מיר פאַרלאַנגען די אנערקענונג פון אונדזערע צוויי שפּראַכן אין די שולן, וואָס דאַרפן דערציען אונדזערע קינדער; און אַז אויב מיר קענען נישט לעבן אַ פריי יידיש לעבן, נאָר אַ לעבן ווי פּוילישע שקלאַפן איז דאָס פאַר אונדז נישט קיין אמתע עמאַנציפּאַציע. טאָ זאָג איך אייך גאַנץ אָפן, אַז אויב איר זענט געקומען אַהער אונדז העלפן דערגרייכן אונדזערע צילן און הערפילן אונדזערע אַספּיראַציעס, זאָלט איר טאַקע זיין געבענטשט. און אויב חלילה נישט — זאָג איך אייך: ס׳איז אַ שאָד אייער קומען אַהער און וואָס גיכער איר וועט אַהיימפאָרן אַלץ גיכער און בעסער וועלן מיר קענען אַליין פירן אונדזער קאַמף...

מאַרשאַל איז געוואָרן רויט ווי אַ בוראַק, האָט אַ וואָרף געטאָן זיי־

נע פּאַפּירן און דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט די זיצונג. איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט גוט געפילט זיך דערפון און כאָטש די מערסטע דעלעגאַטן האָבן מיר געדריקט די האַנט מיט צופרידנקייט וואָס איך האָב גערעדט אָפענע דיבורים, האָבן אַנדערע געפילט, אַז אַזאַ יונגער שנעק ווי איך בין דעמאָלט געווען, וואָלט באַדאַרפט אַרויסווייזן אַביסל מער דרך־ארץ פאַר אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי מאַרשאַל און מעק. יאָרן שפּעטער, שוין אין אַמעריקע, האָט ריכטער מעק נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די דרייסטקייט מיינע. אויף אַן עפנטלעכער זיצונג האָט ער דערציילט, כלומרשט מיט אַ שמייכל, ווי איך האָב אים און מאַרשאַלן געהייסן „צוריקפאָרן פון וואַנען זיי זענען געקומען".

פונדעסטוועגן, עפּעס האָבן מיר דווקא יאָ געוואונען. אין אַ געוויסן זין האָט די זיצונג באַדייט די קולמינאַציע פון דער דעבאַטע און הגם ס'זענען נאָך מער פראַגן אַרויפגעשווומען אויף שפּעטער צו און שטרייטיקייטן זענען נישט געווען קיין נאָווינע, האָט אָבער די פּרינציפּיעלע דעבאַטע וועגן דעם צי יידן זענען אַ נאַציאָנאַליטעט אָדער אַ „קאָנגרעגאַציע" (רעליגיעזע גרופּע), ענדלעך גענומען אַ סוף(21).

דערפאַר אָבער איז די זוכעניש נאָך קאָמפּראָמיסן מיט די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס ווייטער אָנגעגאַנגען.

— ג —

ווי שוין דערמאָנט איז מאַרשאַל געקומען קיין פּאַריז מיט אַ פעסטן באַשלוס צו שאַפן אַ פונדאַמענט פאַר א געמיינזאַמער אַקציע מיט דער „אַליאַנס" און מיט דער ענגלישער דעלעגאַציע. שוין ביי איינער פון די ערשטע זיצונגען, דעם 28סטן מאַרץ 1919, וו ס'האָבן אָנטיילגענומען 27 דעלעגאַטן, איינשליסלעך די נאָר וואָס אָנגעקומענע ד"ר יהושע טהאָן, הערבערט בענטוויטש פון „בני־ברית" און ד"ר ווייצמאַן אַלס אַ גאַסט, האָט מאַרשאַל פאַרלאַנגט אומבאַדינגטע אחדות. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטייפער אָפּאָזיציע. סאָקאָלאָוו האָט דערקלערט, אַז דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס איז אַ דעמאָקראַטיש געווייילטע

קערפערשאַפט, וואָס קאָן נישט אונטערגעבן זיך צו זעלבסט־געקרוינטע נאַטאַבלען. אוסישקין האָט פּראָטעסטירט, אַז מיר זענען נישט געקומען אַהער בעטן מחילה ביי קיינעם. פון דער אַנדער זייט האָט נחמן סירקין באַטאָנט, אַז אויב ס׳וואָלט זיך געלאָזט דערגרייכן וועלכע ס׳איז איי־ניקייט, וואָלט דאָס געבראַכט פיל נוצן פאַר אונדזער זאַך, ווייל יעדע אָפּאָזיציע קען אונדז נאָר ברענגען שאָדן. מאַרשאַל האָט אין אַ לענגערער באַגרינדונג פון זיין פאָרשלאָג אָנגעוויזן אויף דער גרויסער השפעה וואָס די מערבדיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויף זייערע רעגירונגען און ווי נויטיק עס וואָלט געווען צו מאָביליזירן אַלע כוחות פאַר דעם געמיינזאַ־מען צוועק. אָבער ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די פראַגע איז נישט געווען נאָר אַ פראַגע פון אחדות, וואָס בעצם האָט יעדער איינער פון אונדז דאָס געוואָלט, נאָר וועגן דעם, וואָס מען וועט דאַרפן באַצאָלן פאַר אַזאַ אח־דות.

פונדעסטוועגן, כדי נישט צו שטערן דעם שלום, האָט מען באַשלאָסן אויסצוויילן אַ קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון מאַרשאַל, מעק און בענטוויטש, מיט אינסטרוקציעס, אַז זיי זאָלן זיך זען מיט די פאָרשטייער פון די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און צוריק ברענגען אַ באַריכט צו דער נאָענטסטער זיצונג. שפּעטער האָבן אונדזערע דעלעגאַטן אין דער באַגליי־טונג פון ד״ר סיירוס אדלער און ס. קאלאמבא פון איטאַליע, געזען זיך מיט די פירער פון דער אַליאַנס, און ווי אַ פּועל־יוצא פון דער בעראַטונג איז „כמעט״ געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, נאָכדעם ווי מאַרשאַל האָט אַרגומענטירט, אַז נישט דאָס וואָרט „נאַציאָנאַל״ איז וויכטיק, נייערט וויכטיקער איז דער אינהאַלט אַליין וועגן וועלכן עס זענען געווען ווייני־קער סתירות. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע זאָל איינלאַדן ביידע לאַגערן צו אַ קאָנפערענץ, וואָס זאָל זוכן אַ פּאַסיקע פאָרמול פאַר צוזאַמענאַרבעט.

מאַרשאַל איז דאָ באַגאַנגען דעם זעלבן טעות וואָס פריער ווען ער האָט אָנגענומען צוויי מאַנדאַטן — איינעם פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און אַ צווייטן פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט. די „צוויי נשמות אין איין ברוסט״ זענען נישט איין מאָל געווען אַ שטרויכל אויף

זיין דערנער־וועג. ס׳פאַרשטייט זיך אַז די יידישע דעלעגאַציעס האָבן נישט געקאָנט דערלויבן, אַז די אַמעריקאַנער פאָרשטייערשאַפט, וואָס איז געווען אַ טייל פון איר, זאָל זיך אויסשיידן און אָנהייבן שפּילן די ראָלע פון אַ בורר אין דעם קאָנפליקט צווישן מזרח און מערב. מעק, וואָס איז פון נאַטור אויס געווען אַ „קאָמפּראָמיסלער״, האָט אונטערשטיצט מאַר־שאַלס פאָרשלאַג, אָבער די מערהייט האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אים. סאָקאָלאָוו האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז דער פאָרשלאַג וועט ממילא נישט פירן צו קיין שום תכלית. פונדעסטוועגן איז ער געווען גענייגט צו שטימען דערפאַר, אַז דער קאָמיטעט פון דריי זאָל ווייטער אויספאָרשן צי ס׳זענען נישטאָ קיין אַנדערע מעגלעכקייטן. מאַרשאַל איז געווען אַ שווערער תלמיד, אָבער ער האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין פאָרזיכטיקער.

דעם 30סטן מאַרץ איז אויף דער איינלאַדונג פון שעף־ראַבינער איזראַעל לעווי אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג אין דער פראַנצויזישער קהילה־געביידע. מ אַ ר ש אַ ל האָט ביי דער געלעגנהייט באַנוצט מער דיפּלאָמאַטיע ווי פריער. ער האָט פון איין זייט שטאַרק געלויבט די פאַרדינסטן פון דער אַליאַנס, ווי די לאַנגיאָריקע פאַרטיידיקערין פון יידישע רעכט, אָבער ער האָט אויך אָנגעוויזן אויף די באַרעכטיקטע פאָר־לאַנגען פון די מזרח־יידן, וועלכע האָבן טאַקע נישט קיין מאָנאָפּאָל אויף דער פאַרטיידיקונג פון יידישע רעכט, דערפאַר זענען זיי אָבער נענטער צו זייערע אייגענע באַדערפעניש און מען מוז צוגיין צו דעם גאַנצן ענין מיט „אַן אָפענעם מוח״. „ווער ווייסט? אפשר זענען ז יי גאָר גע־רעכט״.

ב ל אַ נ ק, אַ מיטגליד פון דער „אוניאָן פּאָפּולער״ — אַ רוסיש־יידישע אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז וואָס איז אויך געווען אַסימילאַטאָריש געשטימט — האָט געזאָגט, אַז ער האָט איצט געענדערט זיין שטאַנד־פּונקט, מחמת נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען די איינהייטלעכע סטרוקטור פון גאַנץ רוסלאַנד האַלט ביים צעפאַלן זיך און יעדע נאַציאָ־נאַליטעט פאַרלאַנגט איר אייגענע רעכט, מוזן אויך די יידן פאַרלאַנגען אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן סטאַטוס. אַנדערע זענען אויך געווען גענייגט צו קאָנצעסיעס, אָבער מעסיע אייזשן סעע פון דער אַליאַנס איז געווען קעגן דעם וואָרט „נאַציאָנאַל״ וואָס, ווי זאָגט דאָס ווערטל — ווי מען

זאָל די בתולה נישט פאַרפוצן, בלייבט זי אַלץ די זעלבע יענטע. „אויב נאַציאָנאַל מיינט עפּעס, איז עס נישט ווייניקער ווי אַ סעפּאַראַטע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ״, האָט ער פּראָטעסטירט.

אויף צומאָרגנס איז די זיצונג פאַרגעזעצט געוואָרן. מאַרשאַל האָט משפּיע געווען לטובת זיין פאָרשלאַג וועגן אַ פאַראייניקונג פון אַלע כוחות. סעע האָט זיך דערוויל צוריקגעהאַלטן פון אַרויסזאָגן אַ דעפיניטיווע מיינונג. אויך אדלער האָט געזען די שוועריקייטן פון אַ פאַראייניקונג. אָבער לוסיען וואָלפס רעזאָלוציע, אַז אַנשטאָט אַ קאָמפּלעטער פאַראייניקונג, זאָל באַשאַפן ווערן אַ מין לויזער פאַרבאַנד פון דעלעגאַטן און קאָמיסיעס אין פּאַריז, פאַרן געמיינזאַמען אויפטריט ביי דער פרידן־קאָנפערענץ, איז דווקא יאָ אָנגענומען געוואָרן. מאַרשאַל האָט פאָרגעשלאָגן אַז ס׳זאָל באַשאַפן ווערן אַ נייער קאָמיטעט פאַר דעם צוועק. סאָלאָמאָן ריינאַך (אַליאַנס) איז געווען גענויגט דאָס אָנצונעמען. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די מזרח־יידן זאָלן דעלעגירן זעקס פאַרטרעטער צו אַזאַ געמיינזאַמער קערפּערשאַפט. מאַרשאַל האָט נישט געקאָנט מסכים זיין, אַז מען זאָל אויסשליסן פון אַזאַ פאַרטרעטערשאַפט די אַנדערע דעלעגאַטן, וועמענס לעגיטימאַציעס עס שטייען אויסער חשד. אָבער ס ע ע האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן מאַיאָריזירן מיט זייער צאָל, און „די אַליאַנס וועט קיינמאָל נישט אַקצעפּטירן אַן אָפּשטימונג וואָס ווערט אַנטשידן דורך מאַיאָריטעט״. דערויף האָט בענטוויטש מיט אַ היפּש ביסל איראָניע געענטפערט, אַז ער אַליין איז טאַקע פאַר דעם, אַז מען זאָל נישט אויסשליסן קיין שום מינאָריטעט, אָבער, פון דער אַנדערער זייט, מוז ער באַמערקן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געהערט פון אַ פאַל, אַז מען זאָל גאָר וועלן אויסשליסן אַ מאַיאָריטעט. ב י ג אַ ר ט , דער סעקרעטאַר פון דער אַליאַנס איז געגאַנגען אַ שריט ווייטער פון זיין פּרעזידענט מעסיע סעע, און האָט פאַרלאַנגט, אַז די מזרח־יידן זאָלן פאַרלייגן אַן אויסצוג פון זייערע פּאָליטישע תביעות פאַר די מערבדיקע פאַרטרעטער. אויף זיין פאַרלאַנג האָט ריכטער מעק רעאַגירט מיטן אַרגומענט, אַז סוף־כל־סוף, זענען די מזרח־דעלעגאַטן געוויילט געוואָרן פון די מזרח־יידן פאַר וועלכע זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך. זיי קענען נישט, אין דער זעלבער צייט, זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מערב־יידן און

זיי מוזן האַנדלען לויט זייערע אינסטרוקציעס. ס'איז געווען קלאָר, אַז די פראַגע איז אַרויף אויף טויטע רעלסן און אַז מען קען נישט קומען צו קיין טאָלק. פונדעסטוועגן האָט מען נאָך אַלץ געמאַכט אָנשטרענגונגען, כדי נישט איבערצורייסן דעם דינעם שפּינגעוועב פון זוכעניש נאָך אחדות.

די וויכטיקסטע זיצונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן שבת־צו־נאַכט און זונטיק 5—6 אַפּריל, 1919; דאָס איז געווען אַ מין פּלענאַרע זיצונג מיט דער באַטייליקונג פון אַלע דעלעגאַטן און פון אַלע צדדים. אַרום 45 פאַרטרעטער האָבן בייגעוווינט די זיצונג.

— ד —

אָט די וויכטיקע, באמת היסטאָרישע, צוויי זיצונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קאָנסיסטואַר (קהילה־הויז) און האָבן געדויערט אַרום 8 מיט אַ האַלבע שעה. די פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן אויפן גרונט פון אַ קאָמפּראָמיס צווישן נחום סאָקאָלאָוו און קלאָד מאָנטעפיאָרע. מ אַ ר ש אַ ל איז געווען דער פאָרזיצער. ביי דער עפענונג האָט נ ח ו ם ס אָ ק אָ ל אָ ו זיך פאַררופן אויפןביישפּיל פון די יידן אין טשעכאָסלאָוואַקיע נאָכן צעפאַלן פון עסטרייך־אונגאַרן, ווען די פּאָליטישע לאָגיק פון דער סיטואַציע האָט געצוווּנגען די יידן צו דערקלערן זיך יידיש־נאַציאָנאַל. ענלעך איז די לאַגע אין פּוילן, האָט ער געזאָגט., „85 פּראָצענט פון די פּוילישע יידן קענען נישט רעדן קיין פּויליש". ער האָט ווייטער אַרגומענטירט, אַז מ'קען נישט יעדעסמאָל ענדערן די שפּראַך ווי אַ פענדל, אַזוי גיך ווי אַ פּאָליטישע זאַווערוכע ענדערט די גרעניצן פון אַ לאַנד. ער האָט דעריבער פאָרגעשלאָגן אָנצונעמען די פאָרמול פון „עטנישע" רעכט. דאָס וואָרט „נאַציאָנאַל" איז נישט נייטיק, אויב מען פאַרשטייט וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך.

ס י ר ק ל אָ ד ג. מ אָ נ ט ע פ י אָ ר ע האָט זיך דערקלערט גרייט די פאָרמול אָנצונעמען, כאָטש ער איז נאָך אַלץ געווען קעגן אַ יידישן פּאַרלאַמענט און קעגן אַן אייגענער יידישער רעפּרעזענטאַנץ אין דער פעלקער־ליגע.

אין דער דיסקוסיע איז ל ע אָ מ אָ צ ק י ן באַשטאַנען דערויף, אַז נאַציאָנאַלע רעכט מוזן בלייבן דער ווינקלשטיין פון יידישע רעכט בכלל און אַז די רעכט מוזן איינשליסן אַ יידיש־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, אַ מינאָריטעטן־דעפּרעזענטאַנץ און פון דער מלוכה־פינאַנסירטע שולן. ער האָט אָפּגעוואָרפן יעדן פרווו פון פּרינציפּיעלע קאָמפּראָמיסן. „די יידן זענען אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט און נישט עפּעס אַזוי זיך אַ רעליגיעזע גרופּע און מיר ווילן אַז די גאַנצע וועלט זאָל דאָס וויסן" — האָט ער אויסגעשריגן. ער האָט פאַרלאַנגט דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן נאַציאָנאַלע קהילות אויפן יסוד פון דעם קהילה־סיסטעם, מיט אַ נאַציאָנאַל־יידישן פאַרלאַמענט און אַ יידישע פאַרטרעטערשאַפט אין דער פעלקער־ליגע. די יידישע דערציאונג דאַרף ליגן אין יידישע הענט. ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז אין פּוילישן מיניסטאָרן־ראַט דאַרף זיצן אַ סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים. זיין רעדע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם.

דער רעדנער נאָך אים איז געווען ד"ר י ה ו ש ע ט ה אָ ן. ד"ר טהאָן איז געווען נישט עפּעס אַזוי אַ דעלעגאַט, נאָר אַן אנערקענטער לאַנגיאָריקער יידישער פירער און אַן נאָר־וואָס אויסגעוויילטער דעפּוטאַט אין פּוילישן פאַרלאַמענט. ד"ר טהאָן מיט אַ לאַנגן שוואַרצן רבנישן פראַק, מיט אַ בלייך־טונקל פּנים, איינגעראַמט אין אַ זילבער־געפּעדעמטער שוואַרצער באָרד און אַ ראָבן־שוואַרצן קראַנץ האָר אַרום אַ ברייטע פילאָזאָפישע טאָנזור, אַביסל צו פולע ליפּן און קלוגע, שטערן־פינקלדיקע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער קיילעכדיקע ברילן, האָט תמיד געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער פערזענלעכקייט. טהאָן איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער רעדנער, אַ געלערנטער און פילאָזאָף מיט אַ וווּנדערבאַרן הומאָר און מיט אַ שלאָגפאַרטיקער איראָניע. זיין רעדע וואָס איז געגאַנגען אויף דער זעלבער ליניע ווי מאָצקינס, האָט ממש צוגענאַגלט דעם עולם, נישט נאָר צוליב זיין אויטאָריטעט, נאָר טאָקע צוליב זיין גרויסער רעדנער־קונסט.

מ נ ח ם מ ע נ ד ל א ו ס י ש ק י ן, וועלכער האָט פאַרטראָטן דריי מיליאָן אוקראַינער יידן, אַ נבחר פון אַ לאַנד וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ טיפע טראַגעדיע, האָט אויך נישט פאַרפעלט צו מאַכן אַן איינדרוק. אָבער אוסישקינען האָט געפעלט טהאַנס געשליפענע אָראַ־

טאַרישע ווענדונגען, זיינע משלים און זיינע איראָנישע פיילן. ער האָט געקנאַלט מיט אַ שווערן געווער און האָט פּאַרלעצט דעם קעגנער אָנשטאָט אים צו נעמען געפאַנגען מיט גלאַטיקע רייד. זיינע רעדעס האָבן נישט אַזויפיל איבערצייגט ווי קאָמאַנדעוועט. אָבער עפּעס איז געווען אַן עלע־מענטאַרע קראַפט אין זיינע שלעכט־סטיליזירטע זאַצן, וואָס האָבן גע־צווונגען דעם עולם, מען זאָל זיך צו אים צוהערן. אין זיין רעדע האָט אוּ־סישקין דערקלערט, אַז די דריי מיליאָן יידן וועלכע ער פאַרטרעט דאָ, שטעלן מיט זיך פאָר אַ נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמען ישוב, מיט אַ ספּעציעלן סעקרעטאַריאַט (אַ יידישן מיניסטער) אין דער רעגירונג פון לאַנד. ער אַליין איז געווילט געוואָרן צו זיין זייער שליח־ציבור ביי דער שלום־קאָנפערענץ, מיט דעם אויסדריקלעכן מאַנדאַט צו פאַרלאַנגען אַ יידישן וועלט־פּאַרלאַמענט און אַן אָפיציעל יידישע פאַרטרעטערשאַפט אין דער פעלקער־ליגע. טייטלענדיק מיטן פינגער אויף אַ גרויסן בילד פון נאַפּאָ־לעאָנישן סנהדרין, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, האָט ער אויס־געשריגן:

— מיינע הערן, עס וועט קומען אַ צייט, אַז אָנשטאָט דעם בילד, וואָס פערזאָניפיצירט דעם פאַראַט פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, וועט הענגען אַ בילד פונעם ערשטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויפרעגונג ביי די פראַנצויזן.

— ווען נישט דער סנהדרין — האָט מעסיע ס ע ע אויפגעברויזט — וואָלטן מיר נאָך אַלץ געווען פאַרמאַכט אין די געטאָס און מיר וואָלטן אַסור געקאָנט קומען צו הילף אַנדערע יידן. דערביי האָט ער אָפּגעוואָרפן סאָקאָלאָווס קאָמפּראָמיס ווי עפּעס וואָס איז מער־ווייניקער אַ קאַמוּ־פלאַזש. לויט אים איז „עטניש" געווען נישט ווייניקער טריפה־פּסול ווי דאָס וואָרט „נאַציאָנאַל" — אַ מין „קללה אויף ביידע הייזער".

ד״ר ס יי ר ו ס אַ ד ל ע ר האָט געוואָרנט קעגן מיספאַר־שטענדענישן. די שלום־מאַכערס וועלן וואַרשיינלעך אונטערשטרייכן אַלצדינג, וואָס פאַרייניקט אונדז. ער וואָלט גערן פאַרוואָרפן „נאַציאָ־נאַלע רעכט" און פאַרלאַנגט אָנשטאָט זיי די זעלביקע רעכט, וואָס ווערן צוגעטיילט צו וועלכע ס'איז אַנדערע גרופּן פון דער באַפעלקערונג. אויב

אָבער די מזרח־יידן ווילן טראָץ דעם אַלעמען, באַשטיין אויף נאַציאָנאַלע רעכט, וויל ער זיי וואָרענען אַז זייער האַלטונג קאָן חלילה שעדיקן די לאַגע פון זייערע מערבדיקע ברידער, ווייל אָננעמען די עקזיסטענץ פון אַ סעפּאַראַטער יידישער נאַציע וואָלט געמיינט זיך דערקלערן אַלס פרעמ־דע בירגער אין דער מלוכה וואו זיי וווינען. ער האָט פאָרגעשלאָגן אַ קאָמ־פּראָמיס: זאָל מען ריידן וועגן „היסטאָרישע רעכט״ אַנשטאָט „נאַציאָ־נאַלע״.

די גרויסע דעבאַטע איז פאָרגעזעצט געוואָרן.

הערבערט בענטוויטש האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר־וואָס מען האָט אַזוי מורא צו באַנוצן די טערמינאָלאָגיע „נאַציאָנאַלע רעכט״. נישט־יידן ווערן גאָרנישט אַזוי דערשראָקן פון דעם וואָרט (יידי־שע) „נאַציע״.

ד״ר לעאָן רייך האָט אויסגעדריקט די מורא, אַז אָן נאַ־ציאָנאַלע רעכט וועט זיין אַ פיל גרעסערע סכנה פאַר די מזרח־יידן איי־דער די קאָמפּליקאַציעס, פאַר וועלכע מען ציטערט אַזוי שטאַרק, אין צו־זאַמענהאַנג מיט די נאַציאָנאַלע רעכט.

פונקט ווי בענטוויטש האָט אויך ס. קאַלאָמבאָ פון אי־טאַליע באַטאָנט, אַז די איטאַליענישע יידן האָבן גאָרנישט קיין מוראָ פאַר נאַציאָנאַלע רעכט און אַז דער מיניסטער־פּרעזידענט סיניאָר אָרלאַנדאָ האָט מסכים געווען, אַז די יידן דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי איטאַליענישע בירגער פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט.

קאָלאָנעל הערי קאָטלער, פון דער אַמעריקאַנער דעלע־גאַציע, האָט אונטערגעשטיצט די יידיש־נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. סער סטוּאַרט סעמיועל פון ענגלאַנד איז אויך געווען פאַר גאַ־ראַנטירן די יידן די נעמלעכע רעכט וועלכע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן געניסן אין לאַנד, אָבער ער האָט געוואָרנט קעגן יעדע סעפּאַ־ראַטע שפּראַכלעכע פאָדערונגען מחוץ דער לאַנד־שפּראַך.

אַן אַנדערער בריטישער דעלעגאַט, יוסף פּראַג, האָט געראַטן, אין נאָ־מען פון די מערבדיקע יידן, אַז זיי זאָלן פאָלגן די גוטע עצות פון די ענגלענדער און נישט מאַכן זיך פאַר פרעמדע אין זייער אייגענעם לאַנד.

ס'איז בעסער זיין גלייך מיט זייערע שכנים אין אַלע פּרטים, אַחוץ דאָס אַלץ וואָס איז נוגע דעם יידישן גלויבן. — נאַציאָנאַלע סעגרעגאַציע קאָן ברענגען נישט מער ווי אומגלייכקייט.

ריכטער דזשוליען וו. מ ע ק, וואָס איז תמיד געווען אַ פּשרהדי־קער, האָט דערקלערט, אַז די הויפּט־שוועריקייט וואָלט פאַרשווונדן ווען די מערבדיקע יידן זאָלן וועלן פאַרשטייען, אַז דער צונויפמיש פון דער באַפעלקערונג אין די מזרח־לענדער מאַכט פאַר אַ נויטווענדיקייט, אַז עס זאָלן דאָרט זיין פעדעראַלע שטאַטן אנשטאַט צענטראַליזירטע נאַציאָנאַ־לע שטאַטן, ווי אין די מערב לענדער. אויף אַ צווישנרוף האָט ער געענט־פערט: „עס זענען פאַראַן דרייערליי שטאַטן: — שטאַטן ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע, מיט אַ מער אָדער ווייניקער האָמאָגענער באַ־פעלקערונג; די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע פאַרמאָגן שטעט מיט מער ווי זעכציק לשונות און פונדעסטוועגן זענען נאַציאָנאַלע רעכט דאָרט איבעריק, ווייל זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַן איין־און־איינציקע, כאָטש אַ העטעראָגענע נייע נאַציע; דאַקעגן איז אין מזרח־אייראָפּע דער מצב אַזעלכער, אַז מערערע פעלקער בילדן דעם יסוד פון אַ מדינה — און די יידן זענען איינע פון זיי. זיי, די אַלע פעלקער אינאיינעם, זענען אַ טייל פון דער מדינה און ווערן אויף קיין פאַל נישט באַטראַכט אַלס פרעמדע, נאָר ווי פולבאַרעכטיקטע שטאַטסבירגער אין דער מדינה פון וועלכער זיי זענען אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד. 95 פּראָצענט פון די מזרח־יידן פילן, אַז נאַציאָנאַלע רעכט זענען נישט נאָר נישט שעדלעך פאַר זיי, נאָר להיפּוך, אַבסאָלוט נויטווענדיק. אויב אָבער די מערב־יידן, פון זייער זייט, זאָלן אפשר פילן, אַז אַזעלכע (מינאָריטעטן) רעכט קאָנען ווירקן דעסטרוק־טיוו פאַר זיי, זענען זיי באַרעכטיקט זיך צוריקצוציען פון דעם גאַנצן ענין. אָבער אויב ווידער זיי באַטראַכטן דאָס אַלץ נישט מער ווי עפּעס אַן אומ־באַקוועמע זאַך, זאָלן זיי זיך פאַרייניקן און העלפן די מזרח־יידן דער־גרייכן זייער ציל".

ל ו ס י ע ן ו ו אָ ל ף איז געווען נישט צופרידן מיט דעם גאַנג פון דער דיסקוסיע און אין זיין רעדע האָט ער אַביסל סאַרקאַסטיש פּאָלעמיזירט מיט ד"ר טהאָן און אוסישקין און געזאָגט, אַז ער וויל ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די צוויי רעדנער, אַז זיי האָבן אפנים פאַרגעסן

אַז ס׳זענען אויך דאָ יידן אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, און איצט ווי שטעלט איר אייך דאָס פאָר? — זאָלן אפשר די אַלע יידן ביי זיך אָפּמאַכן, אַז זיי זענען נישט מער קיין ענגלענדער אָדער אַמעריקאַנער, נאָר גאָר אַ באַזונדערע נאַציע?

„ניין. אָ ניין״ — האָט פלוצים ריכטער מעק אים איבערגעהאַקט מיט אַ פּראָטעסט־צווישנרוף, „איך בין בשום אופן נישט מסכים מיט אַזאַ שטאַנדפּונקט״. און מאַרשאַל האָט אויפגעברויזט מיט אַ כעס: „איך וואָלט גיכער מיר געווונטשן דעם טויט, איידער אָננעמען אַזאַ מין דאָקטרין״ (פון אַ ספּעציעלער יידישער נאַציאָנאַליטעט אין אַמעריקע).

אַנדערע וואָס האָבן נאָך אָנטיילגענומען אין דער דיסקוסיע זענען געווען: פּראָפ. י. ט ש ע ר נ אָ ף פונעם „פּאַריזער יידישן קאָמיטעט״. ער האָט זיך באַמיט אויפצוקלערן אַז די מזרח־יידן ווילן נישט מער ווי אַ מין אַדמיניסטראַטיווע דעצענטראַליזאַציע, וואָס זאָל זיין באַזירט נישט אויפן טעריטאָריעלן פּרינציפּ, נאָר אויף די יסודות פון גרופּן־רעכט.

נ ח מ ן ס י ר ק י ן האָט געצויגן אַ שיינעם פּאַראַלעל צווישן דעם אַמאָליקן וועסטפאַלער שלום (נאָכן דרייסיק־יאָריקן קריג), וואָס האָט געהאַט פאַר זיין פּאַראָל די טעריטאָריאַלע לאָזונג: “cuius regio eius religio” („צו וועמען ס׳באַלאַנגט דאָס לאַנד, דער דיקטירט וואָס פאַר אַ גלויבן ס׳זאָל הערשן אין לאַנד״). דער פּאָליטישער אני־מאמין פון דער נייער צייט, האָט ער צוגעגעבן, וועלכע געוויסע מענטשן וואָלטן געוואָלט פאַראייביקן, מיינט אָט וואָס: “cuius regio eius natio” („וועמענס לאַנד, צו דעם באַלאַנגט די נאַציע״), ביידע זענען פאַלש. מלוכה און נאַציאָנאַליטעט זענען נישט קיין צווילינג־באַגריפן. אַ מלוכה מעג האָבן מערערע נאַציאָנאַליטעטן, פּונקט ווי אַ מדינה פאַרמאָגט בירגער פון פאַרשיידענע רעליגיעזע דענאָמינאַציעס.

איך וויל דערמאָנען אַ קליינעם עפּיזאָד וואָס האָט אַביסל צעשטרייט די שווערע אַטמאָספער פון דער דעבאַטע.

סירקין איז געווען איינער פון די ליבסטע און פריינדלעכסטע מענטשן אין דער וועלט. ער איז געווען פול מיט ווערטלעך און מיט משלים. זיין

שמועס האָט געבליצט מיט גייסטרייכע באַמערקונגען, און איך קען ווײַ־ניק מענטשן, וואָס זענען געווען אַזוי באַליבט און חבריש ווי סירקין. און אָט שטייט סירקין אויף דער בינע און רעדט ענגליש. ער רעדט, ווי אונ־דזער איינער, מיט די הענט און מיט די פיס, און די שליאַכעצקע וואַנ־צעס זיינע טאַנצן אַ קאַזאַטשקע צום טאַקט לויט דער מוזיק פון זיין הויי־כער וויברירנדיקער שטים. נישט ער, און נישט די בינע, רוט אַ מינוט. און וואָס לענגער ער רעדט, אַלץ מער ווערט ער אַליין באַגייסטערט פון זיין רעדע. איך קוק זיך אַרום, און איך זע ווי די אַמעריקאַנער און די ענג־לענדער זיצן אָנגעכמורעט און אַפּאַטיש. דאַכט זיך, אַז זיי פאַרשטייען גאָרנישט זיין ענגליש. אָבער איך האָב אים דווקא יאָ פאַרשטאַנען, כאָטש איך האָב נישט געקאָנט קיין איין וואָרט ענגליש, אַחוץ דעם וואָרט „מיסטער". ווען ער איז אַראָפּ פון דער בינע האָב איך מיך צו אים צוגע־רוקט, און האָב אים געגעבן אַ ברייטן ישר־כח. אַזוי ווי איך האָב אים גע־וואָלט מאַכן אַ קאָמפּלימענט האָב איך אַ זאָג געטאָן: איר ווייסט פריינט סירקין, אַז פון אַלע ענגלישע רעדעס וואָס זענען דאָ געהאַלטן געוואָרן האָב איך קיינעם נישט פאַרשטאַנען אויסער אייך. דערויף האָט מיך סיר־קין האַרציק אַרומגעכאַפּט און געשמייכלט: — אוי, געזונט זאָלט איר זיין, טענענבוים, אַזוי גאָר? איך האָב גאָר נישט געוווסט, אַז איך האָב אַזוי שלעכט גערעדט ענגליש.

— „ניין, — האָב איך אים געוואָלט טרייסטן, — נישט דאָס! נאָר אייער ענגליש האָט געקלונגען עפּעס אַזוי יידישלעך, אַז מען האָט גאָר נישט באַדאַרפט קענען ריידן ענגליש, כדי אייך צו פאַרשטיין.

נאָך די רעדעס האָט סאָקאָלאָוו צוריקגעצויגן זיין קאָמפּראָמיס־פאָר־שלאָג:

— לאָמיר זיך אָפּגטן — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט(22).

צום שלום — ווי אַ מין קאָמפּראָמיס — איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון זיבן: מאַרשאַל, סאָקאָלאָוו, וואָלף, ביגאַרט, טהאָן, אוּ־סישקין און אַדלער, כדי כלומרשט ווייטער צו פאַרהאַנדלען. אָבער אַלע האָבן געוווסט, אַז די גאַנצע זאַך איז נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. די „אַליאַנס" האָט זיך פאַרעקשנט און דאָס בעסטע וואָס מען האָט גע־

קאָנט דערוואַרטן איז געווען אַ קעגנזייטיקע פאַרפליכטונג, אַז מען זאָל זיך האַלטן ביי אַ „דזשענטלמענס־הסכמה", אַז איין פאַרטיי זאָל נישט אַקטיוו אויפטרעטן אַקעגן דער אַנדערער אין דער עפנטלעכקייט, כאָטש יעדע איינע מעג אַרבעטן בהסכם מיט איר אייגענעם פּראָגראַם.

אין דער אמתן איז די דיסקוסיע געווען אַן אומזיסטע, ווייל שוין אין חודש פעברואַר האָט די „אַליאַנס" און דער „דזשאָינט פאָרעין אָפיס" צו־געשטעלט זייערע אייגענע מעמאָראַנדומס צו דער שלום־קאָנפערענץ — די אַליאַנס — דעם 20סטן פעברואַר 1919, און די ענגלישע דעלעגאַציע אַ טאָג שפּעטער. צווי פאַרשיידענע דאַטן אָבער אָן שום וועזנטלעכן אונ־טערשייד אין טעקסט און אין די פאָרמולירונגען.

VI

קאָמיטעטן און קאָמיטעטלעך

— א —

די צוויי וויכטיקע שלום־דעלעגאַציעס, (קאָמיטעטן), וואָס זענען גע־שטאַנען מחוץ למחנה פון די „יידישע דעלעגאַציעס" און געמאַכט שבת פאַר זיך זענען געווען די „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" און דער בריטיש־יידישער „דזשאָינט (קאָנדזשאָינט) פאָרעין קאָמיטע". די פירער פון דער אַליאַנס זענען געווען: דער פאָרזיצער אייזשען סעע, סאלאָמאָן ריינאַך, פּראָפ. י. א. נעטער, אָבער־ראַבינער איזראַעל לעווי, און פּראָ־פעסאָר סילוויין לעווי. דער סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט, איז געווען י. ביגאַרט. די אַליאַנס האָט געהאָפּט צו שפּילן די הויפּט ראָל, ווי אַ שליח צבור אין דער יידישער פראַגע און זי האָט זיך לאַנג געגרייט צו דער ראָל.

אויך דער בריטישער קאָמיטעט האָט זיך באַטראַכט ווי דער אוי־בערשטער פונעם שטייסל אין די ימי־הרת־עולם. אויף אַ פאַרזאַמלונג פו־נעם „דזשאָינט פאָרעין קאָמיטע" דעם 14טן נאָוועמבער 1918 איז באַ־שלאָסן געוואָרן אָנצוגעבן אַ צעטל פון יידישע „דעזידעראַטן" צום ברי־טישן אויסערן־מיניסטעריום און צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין פּאַריז. אין דער דעלעגאַציע זענען אַריינגעגאַנגען די צוויי פּרעזידענטן פון די צוויי שותפותדיקע אָרגאַניזאַציעס: סיר סטואַרט מ. סעמועל און קלאָד ג. מאָנ־טעפיאָרע איינעם מיט לאָרד ראָטשילד און לאָרד סווייטלינג. אַזוי ווי די צוויי לאָרדן האָבן נישט געקענט קומען קיין פּאַריז האָבן זייער פּלאַץ פאַר־נומער ה. ס. הענריקעס און יוסף פּראַג. לוסיען וואָלף איז געווען סעקרע־טאַר פון דעם געמיינזאַמען קאָנדזשאָינט קאָמיטעט.

אַזוי ווי די אַליאַנס און די ענגלישע דעלעגאַציע האָבן געאַרבעט

האַנט ביי האַנט זענען זייערע צוויי מעמאָראַנדומס געווען אידענטיש אין אַלץ אַ חוץ אין זייער לשון. די מעמאָראַנדומס זענען געווען געווענדעט צום פּרעזידענט פון דער קאָנפערענץ, און צו די מיטגלידער פון דער שלום־קאָנפערענץ. אָט איז אַ מוסטער פון בריטישן מעמאָראַנדום:

די אונטן געחתמעטע געזעצלעך אויטאָריזירטע פאַרטרעטער־שאַפט דורך די אינסטרוקציעס פון באַארד אָוו דעפּיוטיס פון די בריטישע יידן און פון דער אַנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיישן, אונטערן דאַטום פון 19טן דעצעמבער 1918, האָבן דעם כבוד פאָרצולייגן די פאָלגענדיקע שריפט:

פון זייט 1814 איז עס געווען אַ באַשטענדיקע טראַדיציע, ביים אויפקום פון נייע שטאַטן, אָדער ביי אַנדערע ענדערונגען פון דער פּאָליטישער געאָגראַפיע, אַז מען זאָל אַריינברענגען אין אָפּ־מאַך (מיט דער נייער מלוכה), געוויסע מאָראַלישע תנאים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די ציווילע און רעליגיעזע פרייהייטן, איידער די נייע מלוכות קאָנען קריגן די נויטיקע סאַנקציעס פונעם גרויס־מאַכטן־קאָנצערט.

און איצט קומען די פּונקטן גופא, וואָס באַדאַרפן לויטן מעמאָראַנ־דום, אַריינגיין אין די נייע טראַקטאַטן:

אַלע פּערזאָנען וואָס זענען געבוירן געוואָרן אויף די טערי־טאָריעס, וואָס ווערן אַ טייל פונעם קיניגטום (אָדער רעפּובליק) פון... (נאָמען פון לאַנד) וועלכע מאַכן נישט קיין דעקלאַראַציע פון צוגעהעריקייט צו אַ פרעמדער מלוכה, און אַלע אונטערטאַנען, וואָס וווינען אויף די טעריטאָריעס... זאָלן באַטראַכט ווערן ווי ביר־גער פונעם נייעם שטאַט, און זאָלן געניסן גלייכע פּאָליטישע און ציווילע רעכט אָן וועלכן ס'איז אונטערשייד פון ראַסע, שפּראַך אָדער רעליגיע.

די פרייהייט פון אַלע פאָרמען פון גאָטסדינסט זאָל ווערן געזיכערט פאַר אַלע פּערזאָנען, וואָס באַלאַנגען צום שטאַט, אַזוי גוט ווי פאַר די פרעמדע, און קיין שום מניעה זאָל נישט געשטעלט ווערן פאַרן קלער (גייסטלעכקייט) פון די פאַרשידענע קולטן, אָדער

זייערע גייסטיקע פירער. אַלע רעליגיעזע און קולטורעלע מינאָריי־טעטן אין... (לאַנד) זאָלן קריגן געזיכערט די זעלבע מאָס פון גלייכ־קייט און אויטאָנאָמיע אין דער פאַרוואַלטונג פון זייערע רעליגיע־זע, דערציערישע, צדקה און קולטור־אַנשטאַלטן, מיט דער פאַר־שטענדניש, אַז די שפּראַך פונעם שטאַט זאָל זיין אַבליגאַטאָריש און ווערן געלערנט אין אַלע זייערע שולן.

אונטערשיידן פון ראַסע און רעליגיע זאָלן נישט באַטראַכט ווערן צום שאָדן פון קיין שום פּערזאָן ווי אַ גרונט פאַר אויסשלוס אָדער אומבאַטייליקונג אין זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט צוגע־לאָזן ווערן צו אַלגעמיינע שולן, אוניווערסיטעטן אָדער דערצי־אונגס־פונדאַציעס, ווי אויך צו פּראָפעסיעס און אינדוסטריעס אין וועלכער עס זאָל נישט זיין געגנט.

די אונטערטאַנען און בירגער פון אַלע מלוכות, סוחרים און אַנדערע זאָלן קריגן די זעלבע באַהאַנדלונג אין לאַנד אָן אונטער־שייד פון גלויבן, ראַסע, שפּראַך. אַלע זאָלן זיין פולשטענדיק גלייכ־באַרעכטיקט.

יעדע פּערזאָן אָדער קהילה וועלכע וועלן האָבן געליטן פון פאַרנאַכלעסיקונג, מחמת וועלכע ס'איז באַדינגונגען פון דעם אויבן־אָנגעוויזענעם אַרטיקל זאָלן האָבן דאָס רעכט אַריינצוברענ־גען אָנקלאַגעס צום עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער פעלקער־ליגע און פאַרלאַנגען שוץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קערפּער־שאַפט(23).

— ב —

אויסער די צוויי „גרויסע" זענען געווען קלענערע קערפּערשאַפטן וואָס האָבן אויך צוגעשטעלט זייערע אייגענע מעמאָראַנדומס צום סע־קרעטאַריאַט פון דער שלום־קאָנפערענץ. ווי תמיד האָבן די יידן אַרויסגע־וויזן מער צעשפּליטערטקייט, ווי אַלע אַנדערע אומות. איינע פון די „קליינע" איז דווקא געווען סימפּאַטיש צו די נאַציאָנאַלע תביעות. דאָס

איז געווען דער אויבנדערמאָנטער „קאָמיטעט פון פּאַריזער יידן״ — דער „האפקין קאָמיטעט״. די מייסטע פון זיי זענען געווען אָפּשטאַמלער פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן, און האָבן פאַרשטאַנען די מזרח־אייראָפּעאישע השגות. אָט דער קאָמיטעט האָט אַריינגעבראַכט זיין מעמאָראַנדום דעם 15טן מאַי 1919, נאָך דעם ווי די האָפענונג פאַר אַ געמיינזאַמער פאַראייניקונג פון אַלע דעלעגאַציעס איז צערונען געוואָרן. דער מעמאָראַנדום איז געווען געחתמעט פון נ. אַראָנסאָן, ס. פעלדמאַן, באַראָן וולאַדימיר דע גינצבורג, פון דעם וועלט־באַרימטן באַקטעריאָלאָג און סעראָלאָג וואַלדעמאר מרדכי וואָלף האַפקין, וו. יאַקאָבזאָן, שאַרל מאַפּאָן, ראַבינער מ. ליבער, דער „פּערל קעניג״ לעאָנאַרד ראָזענטאַל, און י. טשערנאָף. אַ חוץ דעם וואָס זיי האָבן אויסגעמיטן צו דערמאָנען דאָס וואָרט „נאַציאָנאַל״, האָבן זייערע פאָדערונגען זיך געדעקט כמעט אינגאַנצן מיטן פּראָגראַם פון די יידישע דעלעגאַציעס.

אויך די אגודת־ישראל האָט צוגעשטעלט איר אייגענעם מעמאָראַנדום בנוגע אַ רעליגיעז־קולטורעלע אויטאָנאָמיע און אַ פּויליש אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציע „שלומי־אמוני־ישראל״ האָט אַריינגעשיקט אַ מעמאָראַנדום צום סעקרעטאַריאַט אין מאַי 1919, וואָס האָט אינקאָרפּאָרירט די יידיש־נאַציאָנאַלע פאָדערונגען מיט אַן אייגענער, ספּעציפיש־רעליגיעזער באַטאָנונג.

דעם 2טן יוני 1919 האָט דער „קאָמיטעט פאַר פאַרטיידיקונג פון די יידן אין רומעניע״ צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום געחתמעט פון 18 מיטגלידער מיט ע. פּ. ברוינשטיין צווישן די אַכצן חותמים. ברוינשטיין איז אויך געווען אַ מיטגליד פון די יידישע דעלעגאַציעס.

אַ גאַנץ נעגאַטיוון שטאַנדפּונקט פון דער אָפּאָזיציע צו די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען האָט פאַרטרעטן דער מעמאָראַנדום פון די „אַמעריקען היברו קאָנגרעגיישאָנס״ (אַן אָרגאַניזאַציע פון רעפאָרם־יידן אין אַמעריקע) וואָס האָט געטראָגן די חתימות פון הענרי מאָרגענטוי (פאָטער), ד״ר דוד פיליפּסאָן, קאָנגרעסמאַן דזשוליוס קאהאן, ראַבינער לאנדסמאַן און אַנדערע. אויסער דער אָפּאָזיציע צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן זיי זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף דער שעדלעכקייט פון יידיש־נאַציאָנאַלע רעכט. אָט זענען אַ פּאָר פון די פאַלשע ברילאַנטן:

מיר באַגריסן דעם אָנגעצייכנטן מהות פון דער שלום־קאָנפע־רענץ צו פאַרווירקלעכן אויף אַ פּראַקטישן אופן די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע. דער פּרינציפּ פון גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער פון אַ מלוכה, אָן אונטערשייד פון גלויבן און ראַסע, דאַרף זיין פון דעם מין, אַז ער זאָל אויסשליסן וועלכן עס איז אונ־טערשייד אויפן נאַציאָנאַלן געביט אָדער אויף וועלכן ס׳זאָל נישט זיין אַנדערן אופן. אַזאַ מין סעגרעגאַציע איז עלול אויפצושטעלן מחיצות צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון דער לאַנד־באַפעלקע־רונג. אַ פּלאַן פון דעם סאָרט סעגרעגאַציע איז בעצם רעאַקציאָנער אין דער טענדענץ און אומדעמאָקראַטיש אין גייסט און שטייט אין אַ היפּוך צו דעם ראַדיקאַלן מהלך פון אַ פרייער מלוכה, ווי ס׳פירט זיך אין אונדזער אייגן לאַנד. מיר פאַרלאַנגען מיט אַלע כוחות מ׳זאָל אָפּוואַרפן אַזאַ גרונט־פּרינציפּ פון סעגרעגאַציע פאַרן אויפבוי פון וועלכער עס זאָל נישט זיין יידישער מדינה.

עס איז אויך געווען אַ מין סעפּאַראַטער „איין־מאַן אדלער קאָמי־טעט״, וואָס האָט געקראָגן די אונטערשטיצונג פון אַנדערע גלייכגע־שטימטע געזינונגס גענאָסן — דורכאויס מענטשן מיט איינפלוס אין די היכע פענצטער, וואָס האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין שיך־לעדער ווען מען האָט געדאַרפט לויפן ראַטעווען כלל־ישראל פון אַזאַ קאַלאַמיטעט ווי אַ „יידישער סעפּאַראַטיזם״. און כאָטש, עס האָט עקזיסטירט, ווי מיר געדענקען, אַ „דזשענטלמענס־אַגרימענט״, אַז איין דעלעגאַציע זאָל נישט שטערן די אַנדערע אין איר טעטיקייט, זענען פונדעסטוועגן די ענגלישע דעלעגאַציע און זייערע פראַנצויזישע אַליאַנס־שותפים, נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און ווי נאָר זיי האָבן געקענט זיי הינטערוויי־לעכץ אונטערגעשטעלט אַ פיסל. לוסיען וואָלף האָט געפונען פאַר נויטיק צו אינפאָרמירן דעם וויכטיקן בריטישן שלום־דעלעגאַט העדלאַם־מאָרלעי וועגן אונדזערע כוונות, און אים פאַרזיכערן, אַז די ענגלישע יידן זענען אַבסאָלוט קעגן אַ באַזונדער פּאָליטישער פאַרטרעטערשאַפט פון יידן, ספּעציעל וואָס נוגע אַ יידיש־נאַציאָנאַלע וואַלקוריע. און וואָס איז שייך די אַליאַנס, האָט זי אַפילו נישט געמיאוסט זיך מגלה סוד צו זיין פאַר

דער פּוילישער שלום־דעלעגאַציע, אַז די מערב־יידן זענען קעגן די נאַ־ציאָנאַלע פאָדערונגען פון די פּוילישע יידן. אויב מען גיט נאָך צו דעם צו דאָס געלויף פון יידישע שתדלנים און דאָס באַלאַגערן די פאַרשיידע־נע קאַנצעלאַריעס פון דער שלום־קאָנפערענץ דורך פאַרשיידענע יידישע כלל־טוערס — אַ יעדער פון זיי אַזוי זשעדנע צו כאַפּן פאַר זיך און זיין אָרגאַניזאַציע כאָטש אַ כזיתל פון דער אומשטערבלעכקייט וואָס האָט גע־שוועבט איבער אַלע וועלכע האָבן עפּעס געהאַט צו טאָן מיט דער שלום־קאָנפערענץ, — קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן דעם בלבול המוחות, וואָס האָט באַהערשט אפילו די חסידי־אומות־העולם, וועלכע האָבן דווקא יאָ געוואָלט עפּעס אויפטאָן פאַר די „אומגליקלעכע יידן״.

נעמענדיק אין אַכט די אָפּאָזיציע פון דרויסן און די גרוב־גראַבעדס פון אינעווייניק, ווי אויך דעם מעכטיקן ווידערשטאַנד פון די דיפּלאָ־מאַטן פון די פאַרשיידענע לענדער, וואָס האָבן זיך געוועהרט קעגן יעדער פאַרשמעלערונג פון זייער סוווערעניטעט; און נאָך דעם אַלגעמיינעם אומצוטרוי אָדער מיסטיפיקאַציע בנוגע אַזאַ שווערער הלכה, ווי דער עצם ענין „יידישע נאַציאָנאַליטעט״, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, פון וועלכן די מערסטע דיפּלאָמאַטן, אגב, האָבן גאָר קיינמאָל נישט געהערט — קען מען שוין ממילא פאַרשטיין אויף וויפיל שוועריקייטן עס האָט זיך אָנ־געשטויסן די אַרבעט פון דעם קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז. דאָס קליינע, שוואַכע נאַציאָנאַלע שיפל האָט געהאַט אויסצושטיין נישט איין שטורעם אויפן ברויזנדיקן ים פון די צעבושעוועטע עלעמענטן. און אויב זי איז בייגעשטאַנען די שווערע נסיעה אָן אַ שיפבראָך, כאָטש זי איז אפילו אַרויס מיט צעריסענע זעגלען און מיט אַ באַשעדיקטן רו־דער — איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען נישט נאָר דער עקשנותדיקייט פון די יידישע פירערס, נאָר נאָך מער דער גרויסקייט פון דער אידעע, וועל־כע די יידישע דעלעגאַציעס האָבן פאַרטראָטן.

VII

דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס

— א —

אין קעגנזאַץ צו די אויבן דערמאָנטע קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן געהערט צו די מיני־מיסטן (מינימום) בנוגע זייערע פאָדערונגען און זענען געווען קאָנסערוואַטיוו אין זייער צוגאַנג צו די יידישע פּראָבלעמען, איז „דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס" געגאַנגען אויפן וועג פון די מאַקסימאַליסטן לויט זיין פּראָגראַם און איז געווען רעוואָלוציאָנער אין זיינע פאָרמולירונגען. דאָס וואָרט „יידיש־נאַציאָנאַל", וואָס האָט אָנגעפילט מיט מורא די מערב־יידן, גלייך ווי ס'וואָלט געווען אַן אויג פון אַ קאָברא־שלאַנג איידער זי גיט אַ ביס מיט אירע גיפטיקע ציין, האָט להיפּוך עלעקטריזירט די יידישע פאַרטרעטער מיט אַ נייעם ענטוזיאַזם פון גלויבן און קאַמף־גרייטקייט. דער קאָנטראַסט איז געווען מער ווי אַן אידעישער. דאָס איז געווען מער ווי אַן אַלטער קאָנפליקט צווישן ממון און מימון, צווישן דער מאַכט פון געלט און דעם כוח פון אַ פילאָזאָפיע. דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען צווישן אַ טויט־זאַט־געגעסענע אַסימילאַציע און אַ יונגן דור מיטן קוק אויפן עתיד, וואָס האָט זיין גלויבן אינוועסטירט אין דער צוקונפט. אין קעגנזאַץ צו זיי, זענען די נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אונדז געווען אַ לעבנספראַגע, אַ קאַמף פאַרן קיום פון די גרויסע יידישע מאַסן, וועמענס לעבן און פרייהייט זענען געשטאַנען אין קאָן, און די מאַסן זענען נישט געווען עפּעס ווייטע קרובים אונדזערע, אַ מין „גלויבנסגענאָסן"־געזעלשאַפט, בלשון פון די מערב־יידן, נאָר אונדזער אייגן בלוט און פלייש, דער אָטעם פון אונדזערע לונגען, און דער

מאַרך פון אונדזערע ביינער. מיר זענען געווען די שליחי־צבור פון די יידישע מאַסן, וואָס האָבן אונדז געשיקט ווי זייערע פאָרטרעטער, באַ־לאָדן מיט זייערע יסורים און האָפענונגען. דאָס דערקלערט די עקשנות־דיקייט און קאָמפּראָמיסלאָזיקייט פון די מזרח־יידן אין די יידישע דע־לעגאַציעס.

אין צאָל, האָבן די דעלעגאַציעס פאָרטרעטן דעם רוב מנין פונעם יידישן פאָלק, בסך־הכל אַרום צוועלף מיליאָן נפשות, און דאָס האָט אונדז געגעבן אַן אויטאָריטעט מיט וועלכן קיין שום אַנדערע יידישע פאָרטרע־טערשאַפט האָט זיך נישט געקאָנט באַרימען. די דעלעגאַציעס האָבן מיט מער באַרעכטיקונג גערעדט אין נאָמען פון יידישן פאָלק ווי וועלכע ס׳איז אַנדערע אָרגאַניזאַציע, אָדער אפילו אַ קאָמבינאַציע פון די אַלע דרויסנ־דיקע אָרגאַניזאַציעס. דער דאָזיקער געשיכטלעכער מאָמענט האָט, דאַכט זיך, ביז איצט נישט געפונען די געהעריקע באַטאָנונג אין אונדזערע אָפּ־שאַצונגען.

אָבער אויך כלפי חוץ האָבן די יידישע דעלעגאַציעס פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ וויכטיקן מאַכט־פאַקטאָר.

אין קעגנזאַץ צו אַנדערע גרופּן, אָדער אפילו מלוכות, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער שלום־קאָנפערענץ, האָבן מיר יידן נישט פאַרמאָגט, נישט קיין אַרמיי און נישט קיין סוווערעניטעט. מיר האָבן אפילו נישט געהאַט קיין אָפיציעלן סטאַטוס ביי דער שלום־קאָנפערענץ. אין דעם פּרט זענען מיר געווען ערגער אויסגעשטעלט ווי די קלענסטע מדינות. און פונדעסטוועגן האָבן די יידן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מאָראַלישע מאַכט פון אַ גרויסן פאַרנעם. עס וועט אפשר קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער עס איז אַן אמת: די יידן האָבן טאַקע נישט געשטימט ביים טיש פון די שלום־פאַרהאַנדלונגען, זיי זענען אפילו נישט צוגעלאָזן געוואָרן צו די באַראַטונגען פון די קאָמיסיעס, אָבער אויף אַן אומדירעקטן אופן האָבן זיי באַשטימט דעם גאַנג און דעם רעזולטאַט פון די וויכטיקע פאַרהאַנד־לונגען אַ סך מער ווי אַ ריי פון די מלוכות, וואָס האָבן דווקא יאָ אָנטייל־גענומען אין די פאַרהאַנדלונגען און אין די זיצונגען גופא ווי באַרעכטיק־טע שותפים. אין ד ע ר באַציאונג האָבן די יידן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין „זעקסטע גרויסמאַכט", וואָס איז געווען אַ מאָראַלישע אין קעגנ־

זאָך צו אַ מיליטעריש־טעריטאָריעלע; און די אומדירעקטע השפּעה פון דער מאָראַלישער מאַכט איז אין פיל הינזיכטן נישט געווען קלענער ווי די, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די באַגנעטן.

פון אַלע קאָלעקטיוון וועמענס אינטערעסן ס׳זענען פּאַרטיידיקט גע־וואָרן אויף דער קאָנפערענץ — זאָגט ד״ר ע. י. דילאָן אין זיין בוך: „די אינעווייניקסטע געשיכטע פון דער שלום־קאָנפערענץ״ — „האָבן זיך די יידן אַרויסגעוויזן די עפעקטיווסטע און אויף יעדן פאַל די איינפלוסרייכסטע וואָרטזאָגערס.

און ווייטער:

ס׳מעג אויסזען ווי אַן איבעראַשונג פאַר די לייענערס, אָבער ס׳איז טראָץ דעם אַ פאַקט, אַז אַ גרויסע צאָל פון דעלעגאַטן האָבן געגלויבט, אַז דער אמתער כוח הינטער די אַנגלאָ־זאַקסישע מאַכט־האָבערס איז געווען אַ סעמיטישער. די איבערצייגונג פון די מיט־גלידער פון דער קאָנפערענץ, וואָס איר גורל איז געווען אָפּהענגיק פון דעם רעזולטאַט פון די באַראַטונגען, איז געווען, אַז פון איצט אָן וועט די וועלט ווערן רעגירט דורך די אַנגלאָ־זאַקסישע פעלקער, און זיי ווידער וועלן דיריגירט ווערן פון זייערע יידישע עלע־מענטן(24).

מיר וועלן זיך נישט וואונדערן, וואָס דילאָן האָט אַזוי שטאַרק איבער־געטריבן. ווי באַקאַנט האָבן אַנטיסעמיטן גרויסע אויגן, אָבער אויך אמתע פריינט, וואָס האָבן נישט מורא געהאַט, אַז די יידן וועלן חלילה פאַר־כאַפּן די וועלט מיט דער הילף פון די אַנגלאָ־זאַקסישע מלוכות, האָבן אויך באַטאָנט די יידישע השפּעה אויפן גאַנג פון די פרידן־פאַרהאַנדלונ־גען. אין אַ געשיכטע פון דער שלום־קאָנפערענץ אונטערן טיטל „וואָס איז טאַקע פאַרגעקומען אין פּאַריז?״, אַרויסגעגעבן פון עדוואַרד מאַנדעל האוס און טשאַרלס סיימור, האָט מאַנלעי האדסאָן, דער לעגאַלער יועץ פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, געגעבן די פירער פון די יידישע דעלעגאַציעס דעם פולן קרעדיט פאַר די מינאָריטעט רעכט(25). דאָס נעמלעכע ווערט באַשטעטיקט אין דעם קאַפּיטל וועגן נאַציאָנאַלע רעכט, אין טעמפּער־

לעיס מאָנומענטאַלן ווערק „אַ געשיכטע פון דער שלום קאָנפערענץ אין פּאַריז״(26), און אין די באַריכטן פון אַנדערע, וואָס האָבן פאַרנומען די העכסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּאָזיציעס ביי דער שלום־קאָנפע־רענץ.

אין ליכט פון די דאָזיקע באַריכטן איז די דערקלערונג פון אדלערן אין זיין מעמואַרן־בוך(27), אַז די יידישע דעלעגאַציעס זענען געווען נישט מער ווי אַ דעבאַטן־קלוב — אַ גרויסער אומרעכט. אמת, עס זענען געווען אַ סך דיסקוסיעס אויף די זיצונגען פון די דעלעגאַציעס, אַזויווי עס פירט זיך אין אַלע דעמאָקראַטישע פּאַרלאַמענטן. די אדלערס און זייערס־גלייכן דאַרפן גאָר נישט דיסקוטירן. ביי זיי איז אַלץ פיקס־און־פּאַרטיק, אויסגעטרעטן און אויסגעזדראָשן ווי אַ פעלד אין אָסיען. ביי אונדז פירט זיך דאָס גאַנץ אַנדערש. ביי אונדז אויף די זיצונגען פון די דעלעגאַציעס איז יעדעס וואָרט געווען אַ גאַנצער פּראָבלעם, און יעדער פּראָבלעם — אַ לעבנספראַגע. מען האָט קיינמאָל נישט דורכגעלאָזן עפּעס, וואָס האָט געקענט האָבן אַ טאָפּלטע אָדער נישט קיין גאַנץ קלאָרע אינטערפּרעטאַ־ציע. מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן אַ קוצו של יוד, אָבער די אַרבעט איז געווען ווערט די מי.

אין דעם ביורא פון די דעלעגאַציעס האָט געזשומעט ווי אין אַ בינ־שטאָק. די לופט האָט געזרוישט מיט כלערליי שפּראַכן, ס׳האָט געווימלט מיט אידעען און געקאָכט מיט פּראָיעקטן. די מייסטע אַרבעט איז גע־טאָן געוואָרן אין די קאָמיטעטן. אָבער די פּלענאַרע זיצונגען זענען געווען די טאָן־געבנדיקע. די באַריכטן און פּראָיעקטן פון די קאָמיטעטן האָבן גע־מוזט אַקצעפּטירט ווערן אויף די פּלענאַרע זיצונגען און יעדער זאַץ איז דורכגעזיפּט געוואָרן ווי דורך אַ געדיכטער רעשעטקע.

נאָך דעם ווי די לאַנגע דיסקוסיעס וועגן יאָ, אָדער נישט אַקצעפּ־טירן יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, וועלכע מיר האָבן אויבן באַשריבן איז פאַרענדיקט געוואָרן, זענען נאָך אַלץ געבליבן דיפערענצן צווישן מזרח און מערב אין אונדזערע דעלעגאַציעס. די פראַגע פון יידישע וואַל־קוריעס האָט גורם געווען אַ סך בייז בלוט. אַזוי איז אויך הייס געקעמפּט גע־וואָרן וועגן דעם פּראָבלעם פון אַ יידישער פאַרטרעטערשאַפט אין דער

פעלקער־ליגע(28). מאַרשאַל און מעק האָבן זיך געוועךט קעגן אַזאַ ברייטער אויפפאַסונג פון יידישע רעכט, מיט ציין און נעגל — אָדער ווייניקסטנס מיט אַ שאַרפער צונג און מיט אַן אייזערנער עקשנות. זיי האָבן געזען אין דעם אַ טויט־קלאַפּ, געצילט קעגן די יידישע בירגער פונעם מערב. זיי האָבן אַרגומענטירט, אַז דאָס איז שוין גאָר נישט קיין מזרח־אייראָפּעאישע פראַגע, נאָר עפּעס וואָס איז נוגע דאָס יידנטום אומעטום, און זיי האָבן אַזאַ „חילול־השם" גאַרנישט געקענט אַראָפּשלינגען. די איבעריקע אַמעריקאַנער דעלעגאַטן, כאָטש זיי האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, האָבן אָבער מיטן אויסנאַם פון סירקינען, אויך געהאַט ספקות צי ס'לוינט זיך איבערהויפּט פאַרפאָרן אַזוי ווייט אין דער מדבר אַריין(29).

מיר וועלן צוריקקומען צו די פראַגן אין צוזאַמענהאַנג מיט די קאָנקרעטע פאָרשלאַגן און די אינטערווענצן ביי דער פרידן־קאָנפערענץ. דערווייל ווילן מיר געבן אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דעם צוזאַמענשטעל און דער מיטגלידערשאַפט פון די יידישע דעלעגאַציעס.

— ב —

ווי מיר האָבן שוין פריער אויסגעפירט האָט זיך דער קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס קאָנסטיטואירט דעם 25סטן מערץ 1919. ריכטער דזשוליאַן וו. מעק איז געוויילט געוואָרן ווי פאָרזיצער, מיט זעקס וויצע־פּרעזידענטן, לויט די לענדער, וואָס זיי האָבן רעפּרעזענטירט. די וויצע־פּרעזידענטן זענען געווען: לואי מאַרשאַל (אַמעריקע), נחום סאָקאָלאָוו (פּוילן), ד״ר לעאָן רייך (מזרח־גאַליציע), ישראל ראָזאָף און מנחם מ. אוסישקין (רוסלאַנד און אוקראַינע). לעאָ מאָצקין, איז געוויילט געוואָרן ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר און קאָלאָנעל הערי קאָטלער — קאַסירער. עס איז אויך געוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און ס'זענען באַשטימט געוואָרן די פאָלגנדיקע קאָמיסיעס: אַ פּאָליטישע — פון אַכט מיטגלידער מיט נחום סאָקאָלאָוו בראש און מעק, מאַרשאַל, רינגל און אַנדערע צווישן די מיטגלידער פון דער וויכטיקער קאָמיסיע. אַ קאָמיסיע

פאַר רעקאָנסטרוקציע (ווידעראויפבוי פון די צעשטערטע ישובים) מיט מאַרשאַל ווי פאָרזיצער. איך ווי אַן עקאָנאָמיסט בין באַשטימט געוואָרן אין דער קאָמיסיע. ס׳איז געווען נאָך איינע, אַ גאַר וויכטיקע קאָמיסיע — אַ מעמאָראַנדום אָדער פּראָגראַם־קאָמיסיע פון וועלכער מאַצקין איז געווען פאָרזיצער. מאַרשאַל, בערגמאַן, ברוידע, רייך, ריטשאַרדס, אַלייניקאָף, זאַלקינד און קאַפּלאַן זענען געווען מיטגלידער פון דער קאָמיסיע. חוץ דעם זענען נאָך געווען: אַ יורידישע קאָמיסיע, מיט מאַרשאַל בראש, און אַ פינאַנץ־קאָמיטעט מיט הערי קאָטלער בראש. רייך איז געווען פאָרזיצער פון דער פּרעסע־קאָמיסיע.

די מיטגלידערשאַפט פון די דעלעגאַציעס איז געווען אין אָנהויב אַ פליסיקע. יעדע וואָך האָט געבראַכט ניי־געקומענע דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. שפּעטער ווידער, שוין ביים סוף, האָבן עטלעכע גע־מוזט פאַרלאָזן פּאַריז און צוריקפאָרן אהיים, אין זייערע לענדער. און אפילו אַזוי שפּעט ווי אין די זומער חדשים זענען געקומען פרישע פאָר־טרעטער פון רוסלאַנד, ליטע און אוקראַינע. איניינעם זענען געווען מער פון פופציק דעלעגאַטן.

וואָס שייך די איינצלנע לענדער האָבן די דעלעגאַציעס מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין פעלקער־ליגע בזעיר אנפּין: אָנהויבנדיק מיט אַ מ ע ר י ק ע זענען אַלע די, וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן פונעם קאָנגרעס, געקומען קיין פּאַריז, אַחוץ יעקב דעהאַז און ד״ר סטיפן וויז. ד״ר וויז איז געווען אין אייראָפּע אין חודש יאנואר 1919, און האָט גע־האַט אַ לאַנגן אינטערוויו מיט פּרעזידענט ווילסאָן, אָבער ער איז נישט געבליבן לענגער און נישט גענומען קיין אָנטייל אין די באַראַטונגען פון די דעלעגאַציעס.

די א ר ץ ־ י ש ר א ל ד י ק ע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון דוד יעלין, יצחק ווילקאַנסקי, אליהו בערלין, און אהרן אייזענבערג.

די באַשטענדיקע פּ ו י ל י ש ע דעלעגאַציע האָט געציילט צווישן אירע מיטגלידער: נחום סאָקאָלאָוו, ד״ר יהושע טהאָן, ד״ר מאַרקוס ברוי־דע און לעאָן לעוויטע. אַ קורצע צייט האָבן געווײלט אברהם פּאָדלי־שעווסקי און העשל פאַרבשטיין, וואָס האָבן אָבער באַלד פאַרלאָזט פּאַ־ריז, איידער זיי האָבן נאָך געקאָנט נעמען אַ פולן אָנטייל אין די באַראַ־

טונגען פון די דעלעגאַציעס. פון מ ז ר ח - ג אַ ל י צ י ע זענען גע־וועז די דעלעגאַטן ד״ר לעאָן רייך, ד״ר מיכל רינגל און ד״ר יוסף טע־נענבוים.

ש מ ש ו ן ר אָ ז ע נ ב ו י ם האָט פאַרטראָטן ל י ט ע.

פון ר ו מ ע נ י ע זענען געווען דעלעגאַטן: דער שעף־ראַבינער יעקב נעמיראָווער, פיליפּ ראָזענשטיין, ווילהעלם פילדערמאַן (מער ווי אַ באַראָטער), און ל. שראַגע.

די אוקראַינער דעלעגאַציע איז נישט געווען קיין פולע. איר פירער־שאַפט איז באַשטאַנען פון מ. אוסישקין און לעאָ מאָצקין. ישראל ראָזאָף האָט רעפּרעזענטירט צענטראַל־רוסלאַנד. שפּעטער אין מיטן מאַי זענען אָנגעקומען מער פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע טיילן פון רוסלאַנד: יצחק ניידיטש, א. אידעלסאָן, אליעזר קאַפּלאַן, מ. אלייניקאָף און ד״ר א. ב. זאַלקינד, פּרעזידענט פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון יידישע קהילות אין רוסלאַנד. אויך ד״ר דניאל פּאַסמאַניק איז שפּעטער אָנטרונען פון רוס־לאַנד און געקומען קיין פּאַריז. הלל זלאַטאָפּאָלסקי איז געווען אַ פאַר־שפּעטיקטער אָבער חשובער דעלעגאַט.

פון דער ב ו ק אָ ו י נ ע זענען געקומען די דעלעגאַטן: ד״ר מאַרקוס קרעמער און ד״ר מאַקס דיאַמאַנט.

הערבערט בענטוויטש האָט פאַרטראָטן די „בני ברית״, און ס. קאַ־לאַמבא א י ט אַ ל י ע. ד״ר הוגאָ בערגמאַן האָט פאַרטראָטן ט ש ע כ אָ ס ל אָ וו אַ ק י ע *.

די ליסטע איז נישט קיין פולע, מחמת די דעלעגאַציעס האָבן, ווי געזאָגט, געהאַלטן אין איין וואַקסן, קומען און גיין און געוויסע דעלע־גאַטן, ספּעציעל די פון ווייטן מזרח, האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַזוי פיל רייזע־שוועריקייטן, גרעניצן און וויזע־פּראָבלעמען און אַזו״ו, אַז זיי זענען, אָדער גאָר אינגאַנצן שטעקן געבליבן אין וועג, אָדער אָנגעקומען נאָך דער שלום־קאָנפערענץ. אַזוי למשל איז אַ דעלעגאַט פון סיביר אָנ־געקומען איבער אַ יאָר פאַרשפּעטיקט.

---

* אַ פּאָר אַנדערע, וואָס זענען שפּעטער געקומען: ד״ר לודוויג זינגער און אונגאַר פון טשעכאָסלאָוואַקיע, סאַניעל לאַבאַן פון רומעניע און אַלעקסאַנדער גראָסמאַן פון או־קראַינע.

VIII

די דעלעגאַציע פון פוילישן יידנטום

— א —

די וויכטיקסטע דעלעגאַציע נעבן דער אַמעריקאַנער איז געווען די פוילישע. די פוילישע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון וויכטיקע פּאָליטי־קער און כל־טוערס וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג אין פּאָליטישן יידישן לעבן און אין פאַרלאַמענטאַרישע פאַרהאַנדלונגען. חוץ דעם האָט פוילן פאַרנומען גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ אין די פּאַריזער פאַרהאַנדלונ־גען. פון די צוויי גרעסטע יידישע ישובים פון מזרח־אייראָפּע איז דער רוסיש־אוקראַינישער געווען פאַרזונקען אין אַ ים המצולה פון רעוואָלו־ציע און בלוט־פאַרגיסונג. נאָר דער ישוב אין פוילן איז געווען אַ האַלב־וועגס סטאַביליזירטער, וואָס איז געשטאַנען מיטן פּנים צום מערב. דאָס פּוילישע יידנטום איז געווען גרויס אין צאָל — דריי מיליאָן נפשות, אויב מען רעכנט צו גאַליציע — און באַלאָדן מיט נאַציאָנאַלע פּראָבלע־מען מער פון אַלע אַנדערע לענדער מחוץ רוסלאַנד. חוץ דעם איז פּוילן גופא געווען אַ נאַציאָנאַליטעטן־קאָנגלאָמעראַט מיט 40 פּראָצענט פרעמד־פעלקערישע מישונגען, אַ מין נאַציאָנאַלע לאַבאָראַטאָריע פאַר די ווילסאָנישע פּרינציפּן. דערפאַר טאַקע איז דער פּוילישער מלוכה־אַפּמאַך גע־ווען דער וויכטיקסטער פונעם מינאָריטעטן שטאַנדפּונקט. מער נאָך, פּוילן איז געווען אַ מדינה „א י ן ס ט א ט ו נ א ס צ ע נ ד י", וואָס האָט געהאַלטן אין געבוירן ווערן, און פון די צוואַנגען וואָס די אַקושערן וועלן אָנווענדן ביים אַרויסברענגען דאָס עופהלע פון דעם פרידן־רחם, איז אָפּהענגיק געווען די צוקונפט פון דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע נישט

נאָר אין פוילן גופא, נאָר, אומדירעקט, אויך אין אַנדערע, נייע און באַ־נייטע פּאָליטישע באַשעפענישן. אָט פאַרוואָס די חבלי־לידה זענען גע־ווען אַזוי גרויס ביים פאָרמולירן און אָפּשליסן דעם פּוילישן פרידן־אָפּ־מאַך. פּוילן איז געווען דאָס פיין־קינד פון דעם פרידן־קימפעט און די פּוילישע דעלעגאַטן האָבן געשפּילט אַ ראָלע גלייך ווי זיי וואָלטן געווען דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל. דאָס נעמלעכע קאָן מען זאָגן בנוגע דעם באַדייט פון דער יידישער דעלעגאַציע פון פּוילן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי סאָקאָלאָוו, טהאָן, ברוידע און אַנדערע האָבן נאָך מער געהויבן דעם אויטאָריטעט פון דער פּוילישער דעלעגאַציע כלפּי חוץ און כלפּי פנים.

עס איז געווען אַ מינהג, אַז יעדע דעלעגאַציע, פאַר זיך באַזונדער, האָט אָפּגעהאַלטן „לאַנדסמאַנשאַפט־זיצונגען", וואָס זענען פאַרגעקומען אויסער די פּלענאַרע זיצונגען פונעם גאַנצן קאָמיטעט. יעדע דעלעגאַציע האָט געהאַט אירע ספּעציעלע פּראָבלעמען און האָט זיך אָפּט געטראָפן מיט די מלוכה־דעלעגאַציעס פון זייערע מדינות, כדי אויסצוגלייכן סיכ־סוכים און קריגן פון זיי אַ הכשר אָדער אַ הסכם פאַר די יידישע פאָדע־רונגען. די פּאָליטיק פון פאַרשטענדעניש און אויסגלייך האָט אַפּעלירט צום געוויסן און האָט פאַרדינט אַן ערנסטע פּראָבע. אויך די פּוילישע דע־לעגאַציע האָט זיך געזען מיט די פאַרטרעטער פונעם פּוילישן נאַציאָ־נאַל־קאָמיטעט אין פּאַריז און אָפּגעהאַלטן זיצונגען וואָס האָבן, ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן פון דמאָווסקיס זרע, נישט געפירט צו קיין פּרוב־טיקע רעזולטאַטן. דערפאַר אָבער האָבן די „לאַנדסמאַנשאַפט־זיצונגען" פון דער יידישער דעלעגאַציע פון פּוילן געהאַט אַ גרויסן באַדייט און דער פּועל־יוצא פון די באַראַטונגען האָט געדינט ווי אַן אונטערשלאַג צו די פאָדערונגען פון גאַנצן קאָמיטעט. אַזוי אַרום האָבן די לאַנדסמאַנשאַפט־קאָנפערענצן פון דער יידיש־פּוילישער דעלעגאַציע געהאַט אַ סך מער ווי אַ לאָקאַלע באַדייטונג. די זיצונגען זענען געווען אַ מין סעמינאַר פאַר די פּראָבלעמען פונעם גאַנצן פּלענום, וואָס איז ממילא געווען קאָנצענטרירט אַרום דער פּוילישער פראַגע, ווי די אָקס אַרום וועלכער אַלצדינג האָט זיך געדרייט. אָט פאַרוואָס עס איז נייטיק אַז מיר זאָלן די לאַנדסמאַנ־שאַפט־קאָנפערענצן אַרויסטיילן פונעם גאַנצן קאָמפּלעקס און פאַר זיי

מקדיש זיין אַ באַזונדער קאַפּיטל. מיר, די מזרח־גאַליצישע פאַרטרעטער, ד״ר רייך, ד״ר רינגל און איך, האָבן אַנטיילגענומען אין די קאָנפערענצן כלומרשט ווי „אָבסערוואַטאָרן״, כדי חלילה נישט עובר צו זיין אויף אונ־דזער נייטראַליטעט אין קאָנפליקט צווישן די פּאָליאַקן און די רוטענער; אָבער אין דער אמתן האָבן מיר זיך באַטייליקט אין די זיצונגען און עס איז גאָר קיינעם נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָ זיצן צוויי פאַרשיי־דענע דעלעגאַציעס. אייניאיינעם מיט אונדז האָט די פּוילישע דעלעגאַציע געציילט זיבן דעלעגאַטן. דאָס האָט באַדייט אַז נעבן דער אַמעריקאַנער — אויך זיבן — איז די גרעסטע דעלעגאַציע געווען די פּוילישע.

פאַר מיר פאַרזענלעך שטעלן די זיצונגען מיט זיך פאָר די שענסטע דערינערונגען פון יענער תקופה. די זיצונגען פון דער פּוילישער (דאָס מיינט, פאַרשטייט זיך, דער פּויליש־יידישער) דעלעגאַציע זענען אָפּגע־האַלטן געוואָרן אונטער דעם פאָרזיץ פון נחום סאָקאָלאָוו אין זיין „קע־ניגלעכן״ סאַלאָן פונעם פריצישן האָטעל „מעריס״, ווו סאָקאָלאָוו און זיין טאַכטער ד״ר צעלינאַ, זענען איינגעשטאַנען. אין דעם פּרעכטיקן גאַסט־און־אויפנאַם־צימער, ביי אַ גלאָז טיי מיט צובייסן פלעגן מיר פאַרברענ־גען גאַנצע נאָכמיטאָגן, און דיסקוטירן די פּאָליטישע סיטואַציע און פאַר־שלאָגן אַלערליי פּראָיעקטן וועגן יידישע רעכט אין פּוילן. סאָקאָלאָוו מיט זיין קלוגשאַפט און הומאָר האָט באַהערשט די געמיטער. זיינע אַנעק־דאָטן און דערציילונגען האָבן אַלעמען באַצויבערט. ער איז געווען אַ מייסטער אין דער קונסט, וועלכע די פראַנצויזן באַצייכענען מיטן וואָרט „קאָזערי״ פון וועלכן די יידישע ווערטלעכע איבערזעצונג „שמועסער״ און „אונטערהאַלטער״ איז נישט מער ווי אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פונעם אמתן תוכן. ער האָט געקאָנט מאָלן אַ בילד מיט אַ פּאָר וואָרט־שטריכן, ווי מיט אַ מאָלער־פּענדזל, און זיינע אַנעקדאָטן האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון מיט אַ פלאַמענדיקער לעבעדיקייט.

אָט למשל האָבן מיר גענומען רעדן וועגן ווילסאָנען. איך האָב דעם פּרעזידענט ווילסאָן געזען אַ פּאָר מאָל דורכפליען מיטן אויטאָמאָביל אי־בער די בולוואַרן פון פּאַריז און זיין בילד איז געווען אויסגעשטעלט אין אַלע שויפענצטער פון די גרויסע געשעפטן. גיט זיך סאָקאָלאָוו אַ זאָג:

— „דער פרידן וועט נישט זיין קיין סטאַבילער צוליב ווילסאָנס

אוימבויגזאַמקייט. אַט האָט איר פאַר אייך אַ פּנים פון ווילסאָנען, וואָס איז גלאַטיק און אויסגעצויגן ווי ביי אַ מאַנאַך; אַלצדינג איז ביי אים שפּיציק, פון דער נאָז ביז צום קין, זיין פּראָפיל איז גלאַטיק ווי מירמל־שטיין; קיין איין און איינציק פעלדל אָדער קנייטשל איז נישטאָ אויף זיין פּנים; גאַרנישט שטערט דער פּראָפאַרץ, די גראַנדליניעשאַפּט פון דעם פּנים. אַ מענטש מיט אַזאַ פּנים קאָן נישט לייזן קיין פאַרוויקלטע פּאָליטיש־סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען שוין גאַרנישט גלאַטיק, נאָר אַזוי פאַרפּלאָנטערט און אויסגעבויגן ווי אַ פּראַגעצייכן. עס זענען בכלל נישטאָ קיין גראַדליניקע פּראָבלעמען אָן קנייטשן און אָן קאָרבן".

דער אמת וועגן ווילסאָנס כאַראַקטער איז דאָ נישט וויכטיק. אין אמתן האָט ווילסאָן געהאַט אַן אויסגעצייכנטן הומאָר און ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין זיין צווייטער פרוי, האָט ער זיך אויפגעפירט ממש ווי אַ פאַרליבטער חדר־ייִנגל. אָבער די כאַראַקטעריזאַציע איז געווען טראָץ דעם אַ מייסטערהאַפטע און סאָקאָלאָווס נביאות איז טאַקע מקויים געוואָרן.

געוויינטלעך זענען עס געווען צוויי סאָקאָלאָווס ביי די זיצונגען. איינער איז געזעסן אין אַ גרויסן לענשטול אַזוי אומבאַוועגלעך און אומ־געשטערט, אַז אַפילו אַ מוסקול האָט ביי אים נישט קיין ציטער געגעבן. אין דער דאָזיקער פּאָזיציע, מיט די הענט פאַרקייטלט אויף דער ברוסט און דאָס פּנים באַגאָסן מיטן ליכט פון קרישטאָלענעם שאַנדעליר, האָט ער אויסגעזען ווי אַ מעשענער בודאַ אין אַ כינעזישער פּאַגאָדע. דער צווייטער סאָקאָלאָוו איז געווען אַ לעבעדיקער, אַן אימפּרעסיווער, מיט אַ פּנים וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַלע ניואַנסן פון זיין רייכן געדאַנקען־שטראָם. די ליפּן זיינע האָבן געהאַט זייער אייגענע מימיק — באַלד האָבן זיי זיך פאַרצויגן אין דער פאָרם פון אַ פראַגעצייכן, און באַלד זענען זיי זיך צעשווימען אין אַ גאָס פון הומאָר און איראָניע. און די גאַנצע צייט ווען ער איז געווען אַזוי באַלעבט האָבן זיינע הענט אָפּגעשפּילט דעם יאָ־און־ניין טאַנץ, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר סאָקאָלאָווס אַרגומענטאַציע. איינע פון די מאַרקאַנטסטע כאַראַקטער־שטריכן פון סאָ־קאָלאָוון איז געווען דאָס וואָס ער האָט תמיד געזען ביידע זייטן פון אַ

מטבע. דערפאַר טאַקע איז זיין אַרגומענטאַציע געווען תמיד אַ בריליאַנ־טענע, אָבער זעלטן אַ קאָנקלוסיווע. דאָס איז געווען זיין שטאַרקייט אָבער אויך זיין שוואַכקייט. ער איז געווען אַ פילאָסאָף אָן דער אומטאָלעראַנץ פון די מערסטע פילאָסאָפן. אפשר טאַקע דערפאַר האָט אויף אים או־סישקין געהאַט אַזאַ גרויסן איינפלוס, מחמת אוסישקין איז דווקא יאָ געווען אַ „יאָ״ אָדער „ניין״־מענטש, אָן שום קאָמפּראָמיסן. אַלץ איז ביי אים געווען צוגעשפּיצט ווי אַן אייזערנער שטאַכעט. דער צוג פון זיינע געדאַנקען איז תמיד געפאָרן אויף גראַדווירעדיקע רעלסן. להיפוך, האָט ביי סאָקאָלאָוון נישט עקזיסטירט קיין אַבסאָלוט, נאָר קאַטעגאָריעס. זיין דענקען איז געווען פּערפעקט אָבער נישט עקשנותדיק. אַמאָל ווען איך פאַרמאַך די אויגן און הער זיך צו צו ד״ר נחום גאָלדמאַנס אַ רעדע, דאַכט זיך מיר, אַז איך הער סאָקאָלאָוון רעדן. גאָלדמאַן האָט אַ סך גע־לערנט פון סאָקאָלאָוון און כאָטש ער איז אַ מער עפעקטיווער רעדנער פון סאָקאָלאָוון, האָט גאָלדמאַן איבערגענומען אַ סך פון סאָקאָלאָווס גייסטיקע אייגנשאַפטן און אויך נישט ווייניק פון זיינע מאַניערן ביים רעדן און דיסקוטירן.

פאַרשטייט זיך אַז קיינער קאָן נישט זיין סאָקאָלאָוו אַחוץ סאָקאָ־לאָוו אַליין. אַרום סאָקאָלאָווס שלייפן האָט געשוועבט אַן אָרעאָל פון תורה און חכמה און מער פון אַלץ אַ מין רעגנבויגן פון אַן אומבאַגרע־נעצטן פאַרבנשפּיל פון אַן אוניווערסאַליסטישן ויסן און דענקען.

די זיצונגען אין האָטעל „מעריס״ זענען אָנגעגאַנגען אַ היפשע פאַר וואָכן און אין רעזולטאַט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ מין קאָנסטיטו־ציע קעגן פויליש־יידישע פאָדערונגען, וועלכע האָט מיט זיך פאָרגע־שטעלט דעם תמצית פון דעם אַלעם, וואָס די יידיש־פוילישע און אַנדערע דעלעגאַטן האָבן באַטראַכט פאַר זייער פאָליטישן אני־מאמין.

די פויליש־יידישע קאָנסטיטוציע איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין מיין בוך „די יידישע פראַגע אין פוילן״ געשריבן אין פראַנצויזיש, וואָס דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס האָט אַרויסגעגעבן(30). און הגם די אַרבעט אַנטהאַלט נישט נאָר אַ היסטאָריש־פּראַגמאַטישן אי־בערבליק, נאָר אויך די אַזויפיל אָרומדיסקוטירטע און רעכטלעך־פאָרמו־

לירטע פאָדערונגען פונעם פוילישן יידנטום, איז כדאי אַביסל לענגער אַרומצורעדן די הויפּט־פּונקטן פון דער פּובליקאַציע.

אָבער קודם־כל וועגן דעם לייטמאָטיוו.

— ב —

די יידישע דעלעגאַציעס זענען געווען רייך אין אַן ערשטקלאַסיקן מענטשן־מאַטעריאַל, אָבער דווקא אָרעם אין ליטעראַטור, וואָס זאָל באַלויכטן די צילן און פּראָבלעמען פון די דעלעגאַציעס. דאָס איז געווען אַ גרויסער חסרון, מחמת אַלע נישט־יידישע דעלעגאַציעס, זענען געקומען קיין פּאַריז באַלאָדן מיט וואַגאָנען מאַטעריאַל, מיט ביכער און ממש מיט גאַנצע ביבליאָטעקן פון פאַרשידענע געביטן, וואָס זענען געווען אָנגעגרייט פאַר די קאָמיסיעס פון זאַכקענער און עקספּערטן. מיר יידן האָבן אָבער גאָרנישט געהאַט וואָס צו ווייזן און נאָך ווייניקער וואָס צום לייענען, ספּעציעל אָרעם זענען מיר געווען בנוגע אויסגאַבעס אין פראַנצויזישן לשון. עס האָט זיך געפילט דער מאַנגל פון אַ גרינטלעכן מאַטעריאַל, אָדער ווייניקסטנס אַן איבערבליק פון די פאַרפּלאָנטערטע און פאַר ניט־יידן גאָר אין גאַנצן אומפאַרשטענדלעכע פּראָגן. און אַזױװי די פּוילישע פּראַגע איז געשטאַנען ברומו של עולם האָב איך באַקומען דעם אויפטראָג צו שרייבן אַן אַרבעט, וואָס זאָל אַרומנעמען דעם קאָמפּלעקס פון דעם פּויליש־יידישן סיכסוך און וואָס זאָל זיין געשריבן אין אַ פאָרם, וועלכע זאָל זיין צוגענגלעך אויך צום נישט־יידישן לייענער. האָב איך מיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט און באַלד צוגעשטעלט אַ מאַנוסקריפּט, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ צענזור פון נישט קיין קלענערן מומחה ווי נחום סאָקאָלאָוו אַליין און איז, אויף זיין רעקאָמענדאַציע, אַקצעפּטירט געוואָרן פון דעם קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס, ווי די ערשטע פּובליקאַציע אין בוך־פאָרם. די אַרבעט איז דערשינען אין פראַנצויזיש.

און איצט אַביסל וועגן דעם אינהאַלט: נאָך אַ קורצן פלי־בליק איבער דער געשיכטע פון די יידישע ישובים אין פּוילן און וועגן דער יידישער קהילה־אויטאָנאָמיע ביז צום יאָר 1764, קומט אַ פּאָלקיש־סאָציאַלע

צעגלידערונג פון דער מאָדערנער יידנפראַגע: אַ באַלויכטונג, וועלכע עס זענען אירע וואָרצלען און וואָס ס'איז איר ציל. עס ווערט דערמאָנט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע גרונטלאַגע פון דעם יידישן אַנדערש־זיין אין פוילן. צווישן אַנדערע אַרגומענטן ווערט אָנגעוויזן, אַז אין יאָר 1897 האָט דער צענזוס פון קאָנגרעס־פוילן באַוויזן, אַז נישט מער ווי 3 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן דערקלערט פּויליש ווי זייער מוטערשפּראַך און אַז אויך היינט רעדט די גרויסע מאַיאָריטעט פון די פאָלקסמאַסן נאָר יידיש. די פּאָליאַקן האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אַסימילאַציע פון אַ פאָלק איז נישט קיין איינזייטיקער פּראָצעס און אַז מען קאָן מענטשן נישט טרייבן צו דער אַסימילאַציע מיט רוט און מיט רימען. אַסימילאַציע, ווי אַ נאַטירלעכער פּראָצעס ביי פעלקער מיינט גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז אַן אָרגאַנישער בשותפותדיקער אויסטויש פון קולטור־ווערטן פוןביידע זייטן אין וועלכן ביידע צדדים געווינען און קיינער פאַרלירט נישט. אָבער אַן איינזייטיקע אַסימילאַציע, אַזאַ ווי די פּאָליאַקן פאַרלאַנגען פון די יידן, איז ווי אַן איינזייטיקער קאָנטראַקט אָדער אַ מסחר אָן ריווח. עס איז אַ שלעכט געשעפט פאַר ביידע צדדים. מיט אַ קאַנטשיק, מיט שנאה, מיט באָיקאָט און מיט פאַרשקלאַפונג קאָן מען אַ פאָלק נישט אַסימילירן. מען קאָן נישט רעגירן מיט די ברוטאַלע מיטלען, וועלכע די פּאָליאַקן האָבן אָנגעווענדט, איבער אַ פאָלק מיט אַזאַ אַלטער קולטור ווי די יידישע, וואָס האָט איבערגעלעבט אַזויפיל יאָרהונדערטער פון פאַרפאָלגונג. ווען די פּאָליאַקן וואָלטן באמת געוועזן פאַראינטערעסירט אין אַ קעגנזייטיקן „ראַפּאָרשמאַן" (דערנענטערונג), וואָלטן זיי פון לאַנג־אָן שוין געגעבן די יידן די פולע רעכט פון אַ פרייען אויסלעבן זיך אין אַ מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן גייסט.

דער דריטער קאַפּיטל נעמט אַרום דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליטעטן אין פוילן, מיט דעם אָנווייז, אַז נאַציאָנאַליטעט איז אַ פּערזענלעכער נישט קיין טעריטאָריאַלער פּרינציפּ:

„ווי אַזוי מען זאָל נישט צעשניידן די מאַפּע פון צענטראַל און מזרח־אייראָפּע, וועלן נאָך אַלץ איבערבלייבן מינאָריטעטן פון אַן אַנדערן נאַציאָנאַלן שניט, איידער די מאַיאָריטעט פונעם שטאַט.

א פרייע פאַרייניקונג פון מינאָריטעטן־שפּליטערס צעשטערט גאָר־נישט, נאָר להיפּוך, זי שטאַרקט דעם מאַכט־היקף פון א מלוכה. נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע שטייט נישט אין קיין שום קאָנפליקט מיט טעריטאָריעלער מאַכט, נאָר פאַרקערט, זי איז אין איינקלאַנג מיט דער מאָדערנער מלוכה־אידעע. מער נישט, וואָס די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דערגענצט די פונקציעס, וועלכע די מלוכה אַליין איז נישט קאָמפּעטענט צו דערפילן. פּוילן וואָס נעמט אריין אין אירע גרעניצן אַזאַ גרויסע צאָל פרעמדשפּראַכיקע, אָדער פרעמדראַרטיקע מינאָריטעטן, קאָן נאָר מצליח זיין ווי א מלוכה פון נאַציאָנאַליטעטן, אַנשטאָט צו פאַרבלייבן א פאַרעקשנטע, גע־האַסטע מלוכה־נאַציע."

דער פערטער קאַפּיטל באַווייזט אויפןביישפּיל פון מזרח־גאַליציע, ווו דער ברודער־קריג צווישן פּאָליאַקן און רוטענער האָט אַזוי זיך טראַגיש אָפּגעשפּילט אויפן יידישן גורל, צוליב דעם, וואָס ביידע זייטן האָבן באַטראַכט די יידן ווי זייערע פּאָליטישע אונטערטעניקע און נישט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע באַלעבאַטים מיט אַן אייגענעם ווילן און מיט אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

דער פינפטער קאַפּיטל באַהאַנדלט די פּראַקטישע פאָלגן פון אַזאַ צוגאַנג. ער פּרוּווט באַווייזן מיט ראיות פון די דערפאַרונגען אין פּוילן און אין גאַליציע, אַז יידן מעגן טאַקע האָבן גלייכבאַרעכטיקונג אויפן פּאַפּיר, אָבער ווען די אַדמיניסטראַציע געפינט זיך אין פרעמדע הענט, איז די גלייכקייט נישט מער ווי אַ פּאַפּירענע, און נישט קיין אמתע גלייכבאַרעכטיקונג:

אָט למשל איז טאַקע דער נייער פּוילישער וואַל־געזעץ נישר קשה אַליין פאַר זיך. ער איז באַזירט אויף די ווייטסטע דעמאָקראַטישע יסודות, אָבער דער פּאַפּירענער וואַל־געזעץ ברענגט ווייניק מזל און ברכה פאַר די יידן וואָס זענען צעשפּרייט ווי קליינע אינדזלען אין א ים פון פרעמד־נאַציאָנאַלע עלעמענטן, ווי א ביישפּיל קאָנען דינען די לעצטע וואַלן אין פּוילן. א שמייי־דריי מיטן געאָמעטרישן צירקל אויף דער מאַפּע פון די וואַל־באַצירקן דורך דער

מלוכהשער אדמיניסטראַציע האָט אַזוי צוגעשניטן די וואַל־דיס־טריקטן, אַז די יידישע שטימען זענען צערונען געוואָרן אין די קינסטלעך צונויפגעקאַפּלטע דיסטריקטן פון די שטעט מיט די אַרו־מיקע דערפער. אַדאַנק דער דאָזיקער וואַל־געאָמעטריע האָבן די יידן קוים באַוויזן אָפּצוראַטעווען אַ פּאָר ווייניקע מאַנדאַטן אַנ־שטאָט אַ צענטל פון אַלע מאַנדאַטן, צו וועלכע זיי זענען געווען באַרעכטיקט, לויט זייער צאָל אין לאַנד. די איינציקע רפואה דער־פאַר איז אַ יידישער וואַל־קאַטאַסטער, וואָס וועט פאַרייניקן די יידן אין אַן אייגענער וואַל־קוריע, אַזוי, אַז די יידישע וויילער וועלן נישט ווערן בטל בששים אין אַ פלוס פון נישט־יידישע שטי־מען...

אין דעם קאַפּיטל ווערט נאָך אַרומגערעדט און באַגרינדעט די נויט־ווענדיקייט פון אַן אייגענעם אויטאָנאָמען שולוועזן און פון אויטאָנאָמע יידישע געמיינדעס.

דער לעצטער קאַפּיטל אַנטהאַלט אַ פּראָיעקט פון אַ נייער קאָנסטי־טוציע פון דער יידישער מינאָריטעט אין פּוילן, אויסגעאַרבעט אויף די דערמאָנטע זיצונגען פון די יידיש־פּוילישע דעלעגאַטן.

IX

די שלום־קאָנפערענץ ביי דער אַרבעט

— א —

פרעזידענט ווילסאָן איז געקומען קיין פּאַריז אין דעצעמבער 1918, צו פרי פאַרן אָנהייב פון דער קאָנפערענץ. די ענגלישע רעגירונג איז גע־שטאַנען פאַר נייע וואַלן און איז געווען באַשעפטיקט מיט איר אינערלע־כער פּאָליטיק און אין ענגלאַנד האָט מען נישט געקאָנט אָנהייבן. דער־ווייל האָט דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באַזוכן די הויפּטשטעט פון די פאַרבינדעטע מלוכות. ווילסאָן איז דע־מאָלט געווען דער מעכטיקסטער און פּאָפּולערסטער הערשער אויף דער וועלט. ער איז געשטאַנען אויפן באַרג סיני פון אַ נייער וועלט. די אַמע־ריקאַנער רעגירונג, אויף וועלכער קייזער ווילהעלם האָט געזאָגט, אַז איי־דער זי וועט קענען אַריבערשיקן די ערשטע קאָמפּאַניע סאָלדאַטן וועט שוין דער קריג זיין לאַנג פאַרענדיקט, האָט אין משך פון 12 חדשים צייט אַריבערגעשיקט אַן אַרמיי פון נאָנט צו צוויי מיליאָן מענטשן. ווילסאָן אַליין האָט מיט זיין הויכן מאָראַלישן סטאַטוס און מיט זיינע פּאָלי־טישע „פּרעדיקטן" איבער יושר און צדק, געוווּנען מער שלאַכטן ווי אַ גוט אויסגעמושטרירטע אַרמיי. ער איז געווען דער זיגער פון נעכטן און דער נביא פון אַ נייער גערעכטער צוקונפט. האָט טאַקע פּאַריז זיך אַליין איבערגעשטיגן מיט די קבלת־פּנים צערעמאָניעס לכבוד אים.

נאָך פּאַריז איז געקומען ווילסאָנס וויזיט אין ענגלאַנד דעם 26סטן דעצעמבער 1918. דער וועג פון דער באַן־סטאַנציע אין דאָווער ביז לאָנ־דאָן איז געווען פאַרשפּרייט מיט רויזנבלעטלעך. דער קאַלטער לאָנדאָן־

װעטער האָט זיך ממש אָנגעצונדן מיט ענטוזיאַזם. דעם 27סטן דעצעמ־בער איז געװען אַ גרױסער באַנקעט אין קיניגלעכן בוקינגהעם פּאַלאַץ, װו די ענגלענדער האָבן װילסאָנען ממש פאַרגעטערט. פון לאָנדאָן איז װילסאָן געפאָרן קײן רוים, װו די באַפעלקערונג און דער פּויפּסט האָבן אים געגעבן אַ קיניגלעכן קבלת־פּנים.

דערװײל האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פּאַריז אַרום אַ טױזנט דעלעגאַטן צו דער שלום־קאָנפערענץ, און 70 „באַפולמעכטיקטע״, מיט איבער 100 „פאַרטרעטער״. אױסער די אָפיציעלע באַגלױביקטע דעלעגאַציעס זענען געקומען טױזנטער העלפערס און העלפערס־העלפער, סטענאָגראַפן, מאַ־שין־שרײבערס, סעקרעטאַרן און טױזנטער פון פאַרשידענע אינדיװידועלע אָדער קאָלעקטיװע מיסיעס. פּאַריז האָט געקלונגען מיט אַלע שפּראַכן און געשײנט מיט אַלערלײ טראַכטן, פון אַראַבישע טורבאַנען און טערקישע פעזן ביז צו די הױכע זײדענע צילינדערס. מען האָט געהערט אַלע שפּראַכן פון דער װעלט. פראַנצױזיש איז געװאָרן אַ מינאָריטעט־שפּראַך אױף די בולװאַרן און אין די קאַפעס. נאָר אױף אײן שפּראַך — דער דײ־טשישער — איז געלעגן אַ חרם. פּשוט מען איז נישט געװען זיכער מיטן לעבן צו רעדן דײטש אױף די גאַסן. און דערפאַר װאָס די יידישע פּאָנע־טיק קלינגט ענלעך צו דער דײטשישער האָבן מיר, יידיש־רעדנדיקע יידן, אױף דער גאַס תמיד געשושקעט זיך און גערעדט בלחש. און װען צװײ מענטשן האָבן געשעפּטשעט אײנער צום אַנדערן, בײ אַ קאַפּע־טיש אין דעם קאַפּע „דע־לאַ־פּע״ האָט מען שוין ממילא געװוסט, אַז דאָ זיצן צװײ יידן און רעדן אױף אַ גאַנץ אױסערגעװײנלעכן ניט־יידישן אופן — בלי הענט און בלי קול.

די שלום־קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהױבן זונטיק, דעם 12טן יאַ־נואַר 1919, מיט אַ ניט־פאָרמעלער זיצונג פון די שעפן פון די פיר גרױס־מאַכטן. אַ טאָג שפּעטער, האָט יאַפּאַן צוגעשיקט דעם פינפטן קאָפּ פון דעם גרױסמאַכט־ריז. עס איז באַשלאָסן געװאָרן אַז אַלע באַשלוסן זאָלן זײן אײנשטימיק. די פולע קאָנפערענץ — דער פּלענום — איז באַשטאַ־נען פון די באַפולמעכטיקטע פאַרטרעטער סײ פון די גרױסע, סײ פון די קלענערע מלוכות. אין פּלענום האָבן פּױלן און רומעניע געהאַט אַ פאַרטרעטערשאַפט פון צװײ פּאָר יעדער מלוכה, אָבער דער הױפּט־אָר־

גאַן פון דער קאָנפערענץ איז נישט געווען די פּלענאַרע אסיפה, נאָר, אין אָנהייב ווייניקסטנס, דער צ ע נ ע ר ־ ר אַ ט, וואָס איז באַשטאַנען פון די פּרעמיערן און אויסערן־מיניסטאָרן פון די גרויסמאַכטן: אַמעריקע, פראַנקרייך, בריטאַניע, איטאַליע און יאַפּאַן. דער צענער־ראַט האָט אָנ־געגומען די וויכטיקסטע באַשלוסן. די פינף גרויסע מלוכות — „די גרוי־סע פינף" — זענען אויך געווען פאַרטראָטן אין אַלע קאָמיסיעס און קאָ־מיטעטן און זיי אַליין זענען געווען די בוררים און שופטים אין אַלע פּרינציפּיעלע פראַגן. די פאַרטרעטער פון די קלענערע מלוכות זענען איינ־געלאַדן געוואָרן צו די זיצונגען פון די קאָמיסיעס נאָר דעמאָלט, ווען די פראַגע איז געווען נוגע זייערע אייגענע לענדער.

די ערשטע פּלענאַרע זיצונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 18טן יאַ־נואַר 1919. בעת די גרויסע פיר אָדער פינף (דער צענער־ראַט און שפּע־טער דער פירער־ראַט) האָבן כמעט שטענדיק אָפּגעהאַלטן זיצונגען, זע־נען די פּלענאַרע זיצונגען זעלטן ווען פאָרגעקומען. נישט מער ווי זעקס פּלענאַרע זיצונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביז צו דער חתימה פונעם שלום־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד.

די קלענערע פעלקער זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צוצושיקן זייע־רע מעמאָראַנדומס וועגן זייערע טעריטאָריאַלע פאָדערונגען און אויך אַ פערזענלעכע ליסטע פון זייערע דעלעגאַטן. דמאָווסקי איז אויפגעטראָטן אין נאָמען פון דער פוילישער דעלעגאַציע פאַר דער שלום־קאָנפערענץ פון 29סטן יאַנואַר. ער האָט זיין עקספּאָזע געהאַלטן אין אייניקע שפּראַכן. ער האָט גערעדט אַרום 5 שעה צייט נאָכאַנאַנד. ער איז געווען זיין אייגע־נער איבערזעצער.

כדי דורכצושטודירן דעם מאַטעריאַל וואָס מען האָט פאָרגעלייגט פאַר דער שלום־קאָנפערענץ און צוגרייטן די נייטיקע פאָרשלאָגן זענען באַשטימט געוואָרן אייניקע קאָמיסיעס. די וויכטיקסטע איז געווען די קאָ־מיסיע פאַר דער ליגע פון נאַציעס, פון וועלכער ווילסאָן אַליין איז גע־ווען פאָרזיצער; אַנדערע זענען געווען: די קאָמיסיע פאַר מלחמה־פאַראַנט־וואָרטלעכקייט; פאַר אַנטשעדיקונג; וועגן אינטערנאַציאָנאַלער רעגולי־רונג פון פאָרטן, וואַסערוועגן און באַנען; און נאָך, אפשר דער גאָר וויכ־

טיקסטער נאָך דער פעלקער־ליגע־קאָמיסיע — דער רעדאַקציע־קאָמיטעט.

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז די שלום־קאָנפערענץ איז געווען מער אַ פּאַטערנאַליסטישע און אַן אויבנאויפיקע, איידער אַ דעמאָקראַטישע אסיפה. באַלד איז דער צענער־קאָמיטעט, וואָס איז געווען אַ מין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אויך געוואָרן אַביסל צו ברייט פאַר די שלום־פאַרהאַנדלער, און ער איז צעטיילט געוואָרן אַזוי, אַז ער איז געוואָרן אַ „פינפער־ראַט״ צונויפגעשטעלט פון די אויסערן־מיניסטאָרן, וואָס האָבן צוגעגרייט די דעציזיעס פאַרן „העכסטן פירער־ראַט״ (ווילסאָן פאַר אַמעריקע, קלע־מאַנסאָ פאַר פראַנקרייך, אָרלאַנדאָ פאַר איטאַליע און לאָיד־דזשאָרדזש פאַר גרויס־בריטאַניע). ווען ווילסאָן האָט דעם 23סטן אַפּריל אַרויסגע־געבן די דעקלאַראַציע וועגן פיומע, האָט אָרלאַנדאָ פאַרלאָזן די קאָנפע־רענץ אַן אַנגעברוגזטער, און פון „פירער־ראַט״ איז געוואָרן אַ „דרייער־ראַט״. דאָס האָט אַזוי געדויערט ביזן 5טן מאַי, ווען אָרלאַנדאָ האָט זיך איבערגעבעטן, און איז צוריקגעקומען צום „פירער־ראַט״. צוויי ווייטערע וויכטיקע אינסטיטוציעס פון דער שלום־קאָנפערענץ זענען געווען: דער סעקרעטאַריאַט, פון וועלכן דוטאַסטאַ איז געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר, און די פונקציע פון אַבערלייטענאַנט, סיר מאָריס האַנקעי, וועלכער האָט געדינט ווי דער סעקרעטאַר צום „העכסטן פירער־ראַט״.

נאָך דער סקיצירונג פונעם אינערלעכן אויפבוי פון דער שלום־קאָנפערענץ קענען מיר קומען צום עצם הענין פון די שלום־פּראָבלעמען גופא.

דער פונדאַמענט פון גאַנצן ווילסאָנישן בנין פאַר אַ דויערהאַפטיקן שלום איז געווען די פעלקער־ליגע. דער ציל פון דעם בנין איז געווען די דאָקטרין פון זעלבסטבאַשטימונג־רעכט און דער דאַך פונעם בנין איז געווען די קאָלעקטיווע מאַכט פון די פעלקער, וואָס דאַרף האַלטן דעם שלום און באַשטראָפן די שלום־שטערער. אָבער בעת ווילסאָן, און אַזאַ ווייטזעעוודיקער שטאַטסמאַן ווי יאַן קריסטיאַן סמוטס — וועלכן מען האָט באַטראַכט אַלס דעם זיידן פון דער פעלקער־ליגע אידעע* — האָבן גע־

* די ווערטער: דער פעלקער־בונד, די ליגע פון נאַציעס און די פעלקער־ליגע ווערן באַנוצט פון אונדז אַלס סינאָנימע טערמינען. דער ריכטיקער נאָמען איז טאַקע „ליגע פון נאַציעס״, וואָס באַטייט אין דעם מערבדיקן שפּראַך־נוסח נישט אַזוי אַ פעלקער־ליגע ווי אַ

קוקט אויף דעם פּראָיעקט ווי אויף דעם יסוד פון אַ געגרעכטן און געזי־כערטן שלום, האָבן אַנדערע שטאַטסמענער אין דער פּאָליטישער מענאַ־זשעריע, ווי דער פוקס לאָיד דזשאָרדזש און דער טיגער קלעמאַנסאָ, באַ־טראַכט די גאַנצע זאַך נישט מער ווי אַ שטות, אַ מין אַמעריקאַנער משוגעת. קלעמאַנסאָ האָט אין אַ רעדע אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט דערקלערט, אַז פראַנקרייך וועט גיכער געפינען איר פאַרזיכערונג אין דעם אַלטן סיסטעם פון מאַכט־בילאַנסן, איידער אין דער „נאָבעלער אָפּנ־האַרציקייט״ פון פּרעזידענט ווילסאָן.

מען האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל פאַר דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט, אַז מען איז כלומרשט פאַר דער ליגע, כדי אים נישט צו דערצערענען, אָבער אין תוך איז די גאַנצע זאַך זיי געלעגן אין דער לינקער פּיאה. דאָס איז אויך געווען דער גרונט פאַרוואָס אַזוי פיל צייט איז פאַרלוירן געגאַנגען איידער מען האָט זיך גענומען ערנסט צו דער אַרבעט און דורך דער צייט האָט דער פּרעזידענט פאַרלוירן אי כוחות אי פּרעסטיזש.

עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז פּרעזידענט ווילסאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אָנקוקן די חורבות פון פראַנקרייך, כדי נישט אַריינגעכאַפּט צו ווערן אין דער נעץ פון נקמה־געפילן. אָבער דאָס האָבן די ענגלענדער און פראַנצויזן דווקא יאָ געוואָלט און זיי האָבן בכיוון פאַרשלעפּט דעם אַנ־הייב פון דער קאָנפערענץ, כדי צו געבן צייט ווילסאָנען „ווייכער״ צו ווערן אין זיין צוגאַנג צו די שלום־פּראָבלעמען און האַרטער צו ווערן קעגן די דייטשן.

אין דער אַמעריקאַנער שלום־דעלעגאַציע גופא איז אויך נישט גע־ווען קיין שלום־בית. ראָבערט לאַנסינג, דער שטאַטס־סעקרעטאַר פון קאַ־בינעט, האָט באַטראַכט די זעלבסטבאַשטימונג־דאָקטרין ווי אַ געפערלעכן דינאַמיט־שטאָף, וואָס קאָן אויפרייסן די וועלט, און אי ער אַליין האָט געצילט דעם „גולם״ אומצוּוואַרפן, אי ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַנ־דערע, אַז זיי זאָלן אָפּוועקרייסן ווילסאָנען פון אַזאַ משונהדיקער אידעע.

מלוכה־ליגע, מחמת אין דער ליגע זענען געווען פאַרטראַטן נישט די פעלקער, נאָר אוים־שליסלעך מלוכות.

אָבער לאַנסינג איז געווען אַן אַדוואָקאַט פון באַרוף און ווילסאָן האָט בטבע פיינט געהאַט אַדוואָקאַטן. ער האָט געהאַט דעם זלזול פון אַ היס־טאָריקער קעגן אַלע „לאַיערישע" דרייקעפּ. ער האָט זיך תמיד באַרימט, אַז בשעת זיין רעזשים וועלן קיין „לאַיערס" נישט שרייבן קיין שלום־אָפּמאַכן. אָבער פונדעסטוועגן איז אים נישט געלונגען צו פאַרטרייבן די אַדוואָקאַטן פון אַנדערע פעלקער פון שלום־טעמפּל און ער האָט גע־מוזט מאַכן קאָמפּראָמיסן און נאָכגעבן אַ פּונקט דאָ און אַ פּונקט דאָרט, כדי נאָכצוקומען די אַדוואָקאַטסקע שטיק פון אַנדערע פאַראינטערעסיר־טע מלוכות. און אין זיין אייגענער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָבן זיך אויך פאַרפּלאָנטערט אַ היפּש ביסל אַדוואָקאַטן.

איינער פון די פּונקטן, וואָס האָט באַדאַרפט אַריינגיין אין דעם אָפּ־מאַך פון דער פעלקער־ליגע איז געווען די פרייהייט פון אמונה, וואָס איז איינע פון די קאַרדינאַלסטע פרייהייטן פון אַ מאָדערנער מלוכה. שוין אין דעם אָריגינאַלן פּראָגראַם וואָס דער פראַנצויזישער דעלעגאַט אַנדרע טאַרדיע האָט אויסגעאַרבעט ווי אַ מין טאָג־אָרדענונג פון דער קאָנפע־רענץ (אויפן באַפעל פון קלעמאַנסאָ), איז געווען פאַרצייכנט דער פּרינ־ציפּ וועגן זעלבסטבאַשטימונג פון פעלקער ווי אויך פון עטנישע און רע־ליגיעזע מינאָריטעטן. די פעלקער־ליגע האָט באַדאַרפט איבערנעמען דעם שוץ פון די פרייהייטן. אַ פּראָיעקט פון פּרעזידענט ווילסאָן פון 10טן יאַ־נואַר 1919, (כראָנאָלאָגיש שוין דער צווייטער) האָט אַנטהאַלטן, אין אַר־טיקל 6, אַ פּונקט וועגן דעם, אַז די ליגע פון נאַציעס וועט פאַרלאַנגען פון די ניי־אַנטשטאַנענע מלוכות, ווי אַ תנאי פאַר זייער אנערקענונג אַלס אומאָפּהענגיקע און אויטאָנאָמע מדינות, אַז זיי זאָלן גאַראַנטירן פאַר אַלע ראַסן און נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין אַלע זייערע יוריסדיקציעס, די גלייכע באַהאַנדלונג און זיכערקייט, סיי אין געזעץ, סיי אין דער אַד־מיניסטראַציע פון געזעץ. ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז יעדע עטנישע און נאַציאָנאַלע מינאָריטעט זאָלן זיין גלייכבאַרעכטיקט אין לאַנד.

אָט די פאָרמולירונג האָט נישט אַלעמען באַפרידיקט. דער אַמערי־קאַנער געזעצגעבערישער בעל־יועץ, מר. ד יי וו י ד ה ו נ ט ע ר מ י ל ע ר האָט די באַוואָרעניש געפונען צו שוואַך. דערפאַר איז שוין דער דריטער פּראָיעקט פון 20סטן יאַנואַר געווען אַביסל שאַרפער שאַ־

טירט. ער האָט זיך איצט געלייענט: „אָנערקענענדיק, אַז רעליגיעזע אונטערדריקונג און אומטאָלעראַנץ זענען פרוכטבאַרע קוואַלן פון מלחמה, זענען די אונטערגעצייכנטע מלוכות מסכים, אַז די פעלקער־ליגע זאָל אויף אַלע נייע מלוכות, וועלכע וועלן צוגעלאָזט ווערן צו דער ליגע, אַרויפצווינגען דעם צוזאָג, אַז זיי וועלן נישט אָננעמען קיין שום געזעץ, וואָס קאָן שטערן אָדער שטיין אין ווידערשפּרוך מיט דער פרייהייט פון גלויבן; און אַז זיי זאָלן בשום אופן נישט דיסקרימינירן, נישט אין געזעץ און נישט דע פאַקטאָ קעגן וועמען עס זאָל נישט זיין, (אָדער טאָן עפּעס וואָס קאָן זיין אַ שטער) צום אָפּהיט פון וועלכן ס׳זאָל נישט זיין רעליגיעזן קולט, אָדער עפּעס אַן אמונה, די אויספירונג פון וועלכע שטייט נישט אין ווידערשפּרוך מיט דער עפנטלעכער אָרדענונג, אָדער פאַרלעצט נישט די עפנטלעכע מאָראַליטעט.

די ענגלענדער, וואָס האָבן געהאַט פאַרשידענע ראַסן אונטער זייער ממשלה און נישט קיין גאַנץ קלאָרן געוויסן בנוגע זייער באַהאַנדלונג — האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל דעם פּונקט גאָר אינגאַנצן אַרויסלאָזן פון דעם פעלקער־ליגע־פאָרשלאַג און אים בעסער צוטשעפּען צו די איינצלנע אָפּמאַכן מיט די פאַרשידענע מלוכות. און אַזוי ווי דער פּאַראַגראַף איז במילא געווען פאַר אייניקע צו ווייניק און פאַר אַנדערע ווידער צו פיל — האָט מען געפונען אַ פשרה און באַשלאָסן אים איבערגעבן צו דער קאָמיסיע, כדי אויסצוגלייכן די קעגנזאַצן צווישן די פאַרשידענע מיינונגען; צווישן 3טן און 13טן פעברואַר האָט די קאָמיסיע אָפּגעהאַלטן 10 זיצונגען אונטער דעם פאָרזיץ פון ווילסאָנען אַליין, אָדער פון קאָלאָנעל האוס. אַחוץ די צוויי פאַרטרעטער פון פראַנקרייך, ענגלאַנד און יאַפּאַן האָבן נאָך בעלגיע, בראַזיל, כינע, פּאָרטוגאַל, סערביע, פּוילן רומעניע, גריכנלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע אויך געהאַט, יעדער פון זיי, צו איין פאַרטרעטער אין דעם קאָמיטעט. אַזוי ווי עס איז אויך געווען אַ פראַגע פון סטיליזירונג האָט מען דעם פּאַראַגראַף — איצט שוין אַרטיקל 19 (וועגן רעליגיעזער פרייהייט) — אָפּגעשיקט צו דעם רעדאַקציע־קאָמיטעט, וועלכער האָט צוריקגעבראַכט אַ באַריכט, אַז מען זאָל, אָדער דעם פּאַראַגראַף גאָר אינגאַנצן אַרויסוואַרפן, אָדער אַריינברענגען אַ גאַנץ נייעם פּראָיעקט. דער יאַפּאַנישער פאַרטרעטער באַראָן מאַקינאָ האָט דאַן

פאַרגעשלאָגן אַ יאַפּאַנישע ווערסיע פון גלייכבאַרעכטיקונג, מיט דער באַ־גרינדונג, אַז ראַסן־גלייכקייט קאָן נישט אָפּגעטיילט ווערן פון רעליגיעזער פרייהייט. מיט דעם פאָרשלאָג האָט דער פּראָיעקט געקראָגן אַ טויט־קלאַפּ, מחמת פאַר גאָרנישט האָבן די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן אַזוי נישט מורא געהאַט ווי פאַר אַ דיסקוסיע וועגן ראַסן־פראַגן. אַמע־ריקע האָט אויך געהאַט איר אייגענע ראַסן־פראַגע, און די גרעסטע פּראַ־גע איז געווען די איינוואַנדערונג־באַגרענעצונג קעגן יאַפּאַנער אין אַמע־ריקע. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט געשטימט פאַר לאָזן פאַלן דעם גאַנצן ענין פון אַ פּאַראַגראַף פאַר רעלי־גיעזער פרייהייט אין „קאָווענאַנט" פון דער ליגע.

— ב —

די אַנטוישונג איז געווען אַ גרויסע. ס'איז געווען אפשר דאָס ער־שטע מאָל אין אַ הונדערט יאָר, אַז ביי אַזאַ געלעגנהייט ווי ביי שלום־פאַרהאַנדלונגען, זאָל די רעליגיעזע פרייהייט נישט געפינען קיין אויס־דרוק אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן דאָקומענט פון אַזאַ גרויסער וויכטיקייט. און בעת די רעגירונגען האָבן געהאַנדלט אָפּאָרטוניסטיש זענען זייערע פעלקער נישט געווען גרייט איינצוגיין אויף אַזאַ שאַכער־מאַכער.

די ליגע איז געווען באַליבטער ביי די אינטעלעקטועלע פירער פון די פאַרשידענע פעלקער איידער ביי זייערע רעגירונגען. אין פּאַריז איז געזעסן אַ דעלעגאַציע פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט מיטן נאָמען „די ליגע צו פאַרשטאַרקן דעם שלום", אין וועלכער עס זענען געזעסן דער יידיש־אַמעריקאַנער פּאָליטיקער און דער פריערדיקער מיניסטער און אַמבאַסאַדאָר, אָסקאַר שטראַוס, האַמילטאָן האָלט און אַנדערע באַקאַנטע פערזענלעכקייטן. אויך ענגלאַנד האָט געהאַט אַ בריטישע ליגע פון פעל־קער־בונד מיט די פּראָמינענטסטע ענגלענדער אין דער פאַרוואַלטונג. דעם 11טן—13טן מערץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנ־פערענץ פון די אַלע ליגע־געזעלשאַפטן אין לאָנדאָן, וווּ אָסקאַר ס. שטרויס האָט אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע מיטן פאַרלאַנג, אַז אַן אַרטיקל

וועגן רעליגיעזער פרייהייט זאָל דווקא יאָ קריגן דעם געהעריקן פּלאַץ אין דעם „קאָווענאַנט" פון דער פעלקער־ליגע. די רעזאָלוציע איז איינ־שטימיק אָנגענומען געוואָרן אויף דער פאַרזאַמלונג און זי איז דאַן פאַר־געלייגט געוואָרן ווילסאָנען, וועלכער האָט באַשטעטיקט די וויכטיקייט פון דער פראַגע און צוגעזאָגט, אַז נישט נאָר איז ער אַליין פאַראינטער־רעסירט אין דער פראַגע, נאָר ער האָפט צו „דערגרייכן די זאַך אויף אַן אַנדערן אופן". דער אמת איז, אַז אַמעריקע איז שוין דעמאָלט דווקא יאָ געווען גרייט אָנצונעמען אַביסל אַ פאַרוואָסערטע רעזאָלוציע, אָבער דאַן האָט זיך איינגעשפּאַרט אויסטראַליע — צוליב אירע אייגענע אַנטי־יאַ־פּאַנישע און אַנטי־קאָליר טענדענצן — און נישט געוואָלט דערלאָזן אַז די זאַך זאָל קומען צו אַ טאָלק. דעמאָלט האָט שוין נישט געהאָלפן אַפילו דער אומשטאַנד, וואָס די יאַפּאַנישע פאַרטרעטער זענען אַליין שוין גע־ווען גרייט צו לאָזן פאַלן זייערע באַוואָרענישן. אויף דער פלענאַרער זי־צונג פון דער שלום־קאָנפערענץ פון 28סטן אַפּריל 1919, איז דער פּראָ־יעקט פון דער ליגע אָנגענומען געוואָרן אָן דעם פּאַראַגראַף פון רעליגיע־זער פרייהייט. דער ערשטער עטאַפּ איז דערגרייכט געוואָרן — אָן אָפּ־מאַך מיט לעכער, אָבער פאָרט אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך איז אָנגע־נומען געוואָרן.

דערווייל האָט מען זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז אויך אַנדערע פראַגן זע־נען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. די גרענעצן פון די בייגעבוירענע מלוכות, מיט אַפּעטיטן פון דערוואַקסענע, ווי רומעניע, סערביע, גריכנלאַנד אאז"וו האָבן געמוזט באַשטימט ווערן, איידער מען האָט געקענט שליסן שלום מיט דייטשלאַנד, אָדער עסטרייך, אָדער טערקיי. צו דעם ציל זענען באַ־שטימט געוואָרן ספּעציעלע קאָמיסיעס. דעם ערשטן פעברואַר איז די פראַגע פון רומענישע גרעניצן איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ קאָמיסיע פון עקספּערטן פאַר רומעניע, און אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער העכסטער ראַט אויך באַשטימט אַ טעריטאָריאַלע קאָמיסיע פאַר פּוילן, און אַן אַנ־דערע פאַר טשעכאָסלאָוואַקיע.

דערווייל האָט די יידישע פראַגע נאָך אַלץ געהאָנגען אין דער לופטן. דערפאַר אָבער האָבן די פעלקער, וואָס האָבן געהאַט אַ לאַנגע אומבכבוד־דיקע טראַדיציע פון פּלאָגן יידן, שוין דווקא גאָרנישט געערט. שוין גאַנץ

אין אָנהייב איז געקומען צו די יידישע דעלעגאַציעס אַ שמועה, אַז די קאָמיסיע פאַר רומעניע, וועלכע מיר האָבן נאָר־וואָס דערמאָנט, האָט גע־האַלטן אין אויסאַרבעטן אַ געזעץ פאַר דער רעגולירונג פון דער יידנפראַ־גע. דער רומענישער פראָיעקט האָט געווימלט פון פעלערן פון דעם זעלבן נוסח וואָס האָט געשטעקט אין בערלינער אָפּמאַך. די רומענער זענען נאָך געגאַנגען אַ שריט ווייטער, — זיי האָבן געכאַפּט די פיש פאַר דער נעץ, און האָבן דערקלערט, אַז לויט דעם רעגירונגס־דעקרעט פון 14טן יאַ־נואַר 1919, האָט די רומענישע מלוכה שוין פון זיך אַליין געזיכערט קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פאַר אַלע אירע בירגער און האָט פאַרשטעג־דיקט אַלע רעגירונגען וועגן דעם וויכטיקן אויפטו. אויך פוילן האָט פאַר־געלייגט פאַר דער שלום־קאָנפערענץ אַ פאַרשלאַג, ווי אַזוי זי דענקט צו לייזן איר נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע. אויב מען וואָלט נאָכגעגעבן איר פאַר־לאַנג, מיט די אַלע רמזים און האַלבע ווערטער מיט וועלכע דער פאַר־שלאַג איז געווען פאַרמאַסקירט, וואָלטן אַלע די וואָס זענען נישט גע־בוירן געוואָרן אין פוילן, אָדער שטאַמען נישט פון פוילן, אָדער האָבן נישט געוווינט אין לאַנד פאַרן יאָר 1886 (די דאַטע ווען די פרייסישע קאָלאָניזאַציע־קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן פאַר פויזן), געווען פאַר־לוירן דאָס רעכט צו בלייבן אין פוילן. גערעדט האָט מען טאַקע וועגן די „פּרוסאַקעס״, אָבער געמיינט האָט מען אויך די יידן, אָדער לכל־הפּחות, האָט מען בנוגע זיי נישט געמאַכט קיין אויסנאַם.

אָט ווי עס האָט אויסגעזען דער בילאַנס פון אונדזערע אַרבעטן כמעט ביז סוף מערץ(31). די יידן האָבן געהאַט ווייניק מיט וואָס צו פרייען זיך. אַלע יידישע אויגן זענען געווען געווענדט קיין פּאַריז. אַלע האָבן געלייגט זייער האָפענונג אויף ווילסאָנען. און אָן שום ספק — די יידן האָבן געהאַט אַ גוטן פריינד אין ווילסאָנען און ס׳איז כדאי צו רעזומירן אַ פּאָר פון זיינע צוזאָגן אויף וועלכע די יידן האָבן געשטיצט זייער בטחון.

שוין בעת דער אַגיטאַציע פאַר אַ יידישן קאָנגרעס, איידער נאָך און שפּעטער אויך נאָכן קאָנגרעס, האָבן די יידישע פאַרטרעטער אין אַמעריקע געהאַלטן פאַר וויכטיק, אַז ווילסאָן זאָל זיין גוט אינפאָרמירט וועלן אַלעם וואָס ווערט געפּלאַנט אָדער געטאָן אין דעם ענין. בראַנדייס איז געווען כמעט אַ בן־בית ביי ווילסאָנען, און ד״ר סטיפן ווייז איז גע־

ווען ווילסאָנס אַ נאָנטער פריינד. אָבער אויסער אַלגעמיינע סימפּאַטישע דעקלאַראַציעס האָט ווילסאָן קיינמאָל זיך נישט אַרויסגעזאָגט דירעקט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, אָדער וועלכע ס'איז פּרטים פונעם יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, אַחוץ אפשר אין דער פּאַלעסטינע־פראַגע, ווו ער האָט אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג.

דעם 18טן נאָוועמבער 1918 האָט ווילסאָן געשריבן צו ראובן פינק, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די „אַמעריקאַנער אוניאָן (פעדעראַציע) פון רומענישע יידן", אַז ער וועט האָבן ביים שלום־שלוס די רומעניש־יידישע פּראַגע זייער אַ סך אין זינען.

דעם 28סטן נאָוועמבער פון דעם זעלבן יאָר האָט ווילסאָן אָפּגעגעבן אַ דעקלאַראַציע צו אַ בני־ברית דעלעגאַציע, אַז איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען איז צו פאַרזיכערן „גענוגנדע רעכטלעכע גאַראַנטיעס" פאַר יידן אין די לענדער, ווו זיי ווערן אומגערעכט באַהאַנדלט. „ליידער גע־שעט דאָס אין פיל לענדער" און זיין כוונה איז געווען, אַז יעדע ראַסע זאָל קריגן גערעכטיקייט ביי דעם שלום־קאָנפערענץ(32).

ד"ר וויז האָט געזען ווילסאָנען איידער ער, ווילסאָן, האָט פאַר־לאָזט וואַשינגטאָן און נאָכאַמאָל אין דעצעמבער 1918 אין לאָנדאָן, ווען ער האָט אויך געקראָגן אַן אוידיענץ פאַר ד"ר ווייצמאַן(33). ווילסאָן האָט אָפּגעלייגט דעם אָפיציעלן קבלת־פּנים פון דער יידיש־אַמעריקאַנער שלום־דעלעגאַציע „ביז ער וועט זיין אין פּאַריז". אָבער אין מערץ 1919, כמעט פאַר זיין צווייטן אָפּפאָרן קיין פּאַריז, האָט פּרעזידענט ווילסאָן אויפגענומען די פירער פון דער יידישער דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַ־נען פון דזשוליאַן מעק, לואי מאַרשאַל, ד"ר סטיפן ס. וויז און ב. ג. ריטשאַרדס. ווילסאָן האָט דאַן אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיטן אַל־געמיינעם פּראָגראַם פון יידישן קאָנגרעס, און האָט אויטאָריזירט די דע־קלאַראַציע אַז „זיי (די דעלעגאַציע) האָבן געפונען דעם פּרעזידענט ווי תמיד סימפּאַטיש פאַרן אומבאַשטרייטבאַרן פּרינציפּ פון דער יידישער באַרעכטיקונג צו קריגן יושרדיקע באַהאַנדלונג אומעטום" — אַ דערקלע־רונג וואָס האָט זיך געלאָזט טייטשן ווי מען וויל.

אויף צו מאָרגנס איז ווילסאָן אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז און אין אַ קור־

צער צייט זענען אויך געפאָרן די אַמעריקאַנער יידישע דעלעגאַטן קיין פּאַריז. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער פראַגע ביי דער שלום־קאָנפערענץ איז שוין דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט די דירעקטע און שותפותדיקע אינטערווענצן פון די „יידישע דעלעגאַציעס“.

X

די יידישע שלום־דעלעגאַטן ביי דער אַרבעט

— א —

ווי מיר האָבן געזען האָט דער קאַמף אַרום דעם טשאַרטער פון דער ליגע פאַרשטופּט אין אַ ווינקל אַלע אַנדערע שלום־פראַגן און עס האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז די יידנפראַגע וועט איבערהויפּט נישט קומען צום טיש. די אַמעריקאַנער יידישע דעלעגאַציע האָט דאָס באַלד דערשנאַפּט ביים אָנקום קיין פּאַריז, אַדאַנק די גוטע באַציאונגען וואָס זיי האָבן גע־האָט מיט די אַמעריקאַנער מלוכה־דעלעגאַטן. ווי מיר האָבן אויבן געזען, זענען די אַמעריקאַנער יידישע פירער די ערשטע פאַר וואָכן נאָך זייער אָנקומען געווען פאַרטאָן מיטן פּראָבלעם פון פּרוּוון אויסגלייכן די אי־נערלעכע סיכסוכים פון די יידישע דעלעגאַציעס און זיי האָבן פאַר־שווענדט אַ סך צייט צוליב דעם ענין. דערווייל האָט זיך די יידישע זאַך לגבי דער שלום־קאָנפערענץ נישט גערירט פון אָרט.

דעם 2טן אַפּריל 1919 האָבן מעק און מאַרשאַל געזען זיך מיט ה ע נ ר י ו יי ט, גענעראַל בליס און מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן שפּייז־דירעקטאָר און שפּעטערדיקן פּרעזידענט הערבערט הוווער, פון וועמען זיי האָבן געקריגן פּליישיקע צוזאָגן מיט זייער פאַרוווּ מעשים. די צוויי יידישע שליחים האָבן זיך אויך געזען מיטן סטייט־סעקרעטאַר ראָבערט לאַנסינג און מיט אַלע האָבן זיי דיסקוטירט די יידישע פּראָבלעמען. זיי האָבן פאָרגעלייגט דעם יידישן פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען גע־

ווארן פונעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און געבעטן אונטערשטיצונג פאַר זייערע תביעות. זיי האָבן אויך פאָרגעשלאָגן אַז, הגם די פּאַרנור־מענקייט פון די שלום־שליחים איז אַזוי גרויס, וואָלט דאָך אפשר געווען כדאי אַז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר יידישע ענינים זאָל באַשאַפן ווערן ביי דער שלום־קאָנפערענץ. אַן ענלעכן פאָרשלאָג האָט אויך געמאַכט לוסיען וואָלף צו די בריטישע שלום־דעלעגאַטן. אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אומדורכפירלעך. לאַנסינג האָט געהאַלטן, אַז עס וואָלט געווען בעסער פאַר יידן, אַז אַנשטאָט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס וועט פאַרנעמען אַ סך צייט, זאָל די פראַגע געבראַכט ווערן דירעקט צו די גרויסע פיר.

דער וויכטיקסטער קאָנטאַקט וואָס די צוויי שליחים האָבן געהאַט איז געווען אַ קאָנפערענץ מיט קאָלאָנעל האוס און מיט דייוויד הונטער מילער. דער לעצטער איז שפּעטער געווען דער רעפערענט פונעם ניי־שטאַטן־קאָמיטעט און זיין מיטאַרבעט איז געווען פון דעם גרעסטן נוצן פאַר דער יידישער זאַך. מילער האָט געפירט אַ טאָגבוך פון די זיצונגען און פון די געשעענישן ביי דער שלום־קאָנפערענץ, איינשליסלעך דעם פּראָטאָקאָל פון די וויכטיקסטע קאָמיסיעס, ווי אויך קאָפּיעס פון די דאָ־קומענטן און שריפטלעכע פאָרשלאָגן, און האָט דאָס אַלצדינג פאַרעפנט־לעכט אין אַ גיגאַנטישן פּריוואַט־געדרוקטן ווערק פון 21 בענדער; די מעמוארן זענען דערשינען אין 40 נומערירטע עקזעמפּלאַרן, פון וועלכע דער שרייבער פון די שורות האָט געשעפּט די אינפאָרמאַציעס וועגן די טאָג־טעגלעכע געשעענישן בנוגע די יידישע אינטערוועצן און פאַר־האַנדלונגען.

די ערשטע נאָטיץ געפינען מיר אין מילערס טאָג־בוך פון 11טן מאַרץ 1919:

> איך האָב באַגעגנט פעליקס פראַנקפורטער אין אַקינקלאָסעס ביורא. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ריכטער מעק קומט באַלד אַהער צופאָרן און אַז זיין אייגענע באַקאַנטשאַפט מיט מיר שטאַמט הויפּטזעכלעך פון ריכטער לערנעד האַנד און ריכטער מעק.

דאָס איז געווען די ערשטע נאָטיץ וועגן די יידישע שליחים. אַן אַנ־

דערע דערשיינט ערשט אין טאָג־בוך, אונטערן דאַטום פון דינסטיק 1טן אַפּריל 1919 מיט דער באַמערקונג:

...אויף דעם וועג אהיים האָב איך באַגעגנט ריכטער מעק, פראַנקפורטער און אַ פּאָר אַנדערע יידן, און איך בין צוריקגע־גאַנגען אַ שטיק וועג מיט מעקן, און גערעדט מיט אים וועגן מע־מאָראַנדום פון מר. קולידזש. קולידזש איז געווען אויף אַ וויזיט אין עסטרייך און פון דאָרט האָט ער מיטגעבראַכט אַ מעמאָראַנ־דום וועגן דער נויטווענדיקייט פון מינאָריטעטן־רעכט, פון וועלכע ער איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער. ריכטער מעק האָט געזאָגט, אַז ער איז איצט אין פּאַריז אין די אינטערעסן פון די יידן (דהיינו): וועגן דער פּאַלעסטינע־פראַגע און וועגן מינאָריטעטן־שוץ פאַר די יידן און אַנדערע מינאָריטעטן אין מזרח־אייראָפּע. ער האָט מיך געפרעגט צי ס׳איז דאָ עפּעס אַ מעגלעכקייט אַריינצוברענגען וועלכע ס׳איז פּונקטן וועגן רעליגיעזער גלייכבאַרעכטיקונג אין קאָווענאַנט (קאָנסטיטוציע) פון דער ליגע און איך האָב איך גע־ענטפערט אַז ניין.

און אונטערן זעלבן דאַטום:

ד״ר מאָט און ד״ר וואַטסאָן זענען אַריינגעקומען און איך האָב מיט זיי געשמועסט וועגן דער מאַנדאַט־פראַגע... איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם וואָס די יידן טוען דאָ און ד״ר מאָט האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט ריכטער מעק און מר. פראַנקפורטער*.

דער טאָג־בוך זעצט פאָר זיינע פאַרצייכענונגען:

ווי נאָר זיי זענען אוועקגעגאַנגען, איז אָנגעקומען ריכטער מעק און מיר זענען געגאַנגען צום האָטעל „פּלאַזאַ־אַטענע", ווו

* די צוויי קריסטלעכע שליחים זענען געקומען אין שליחות פון די „יאַנגמען קרישטשן אַסאָסיישן" כדי צו קריגן ספּעציעלע שפּראַכן־רעכט פאַר זייער הויכשול אין ביירוט און פאַר ענלעכע אינסטיטוציעס אין נאָענטן מזרח.

איך האָב געגעסן מיטאָג מיט אים, מיט פראַנקפורטערן און מיט מר. גאָנס. זיי האָבן מיט מיר איבערגערעדט די פּראָצעדור וועגן מינאָריטעטן־שוץ און איך האָב זיי געראָטן, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט עמיצן, וואָס אַרבעט אין דער פּוילישער פראַגע, מחמת זי וועט זיין די וואַגיקסטע.

אַז די פּאָליאַקן האָבן געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס און געשפּילט אויפן צימבל פון אינטערנאַציאָנאַלע סימפּאַטיעס האָבן מיר גוט געוווסט. אין מי־לערס טאָגבוך פון 14טן אַפּריל לייענען מיר:

אין אָוונט בין איך געגאַנגען צו אַ באַנקעט וואָס קאָלאָנעל האוס האָט געגעבן פאַר פּאַדערעווסקין ווי דעם ערנגאַסט. דאָס איז געווען אַ בריליאַנטענע אַפּערע*.

אַזוי ווייט די איינלייטונג צו די אינטערווענצן.

ווי ס׳איז צו זען האָט מען זיך איצט דערוווסט, אַז ערשטנס איז די פראַגע וועגן דעם פאַרלאַנג פאַר רעליגיעזע פרייהייט אין דעם ליגע־קאָווע־נאַנט שוין אַנטשידן געוואָרן אין אַ נעגאַטיוון זין; און צווייטנס, אַז אַ דאַנק דעם ראַפּאָרט פון קולידזש איז די מינאָריטעטן פראַגע געוואָרן אַק־טועל. צווישן 14טן און 16טן אַפּריל האָבן די צוויי שליחים, מאַרשאַל און מעק, געהאַט אַן אינטערוויו מיט קאָלאָנעל האוס, וועלכער איז געווען וויל־סאָנס רעכטע האַנט. ער האָט זיי צוגעזאָגט אַכטונג צו געבן אַז די יידנפראַ־גע זאָל נישט פאַרשטופּט ווערן אין אַ ווינקל. דאָס איז געווען אַ וויכטיקער אָנהויב.

אין דעם טאָגבוך פון 18טן אַפּריל לייענען מיר:

איך האָב געהאַט אַ טענטאַטיוון ראַנדעוו מיט מעק און מיט מאַרשאַל, וועלכן איך האָב נישט געקאָנט האַלטן און איך האָב גע־שיקט מר. הודסאָן מיך צו פאַרטרעטן.

---

* וועגן דער גרויסער באַוואונדערונג און פריינטשאַפט פון קאָלאָנעל האוס פאַר פּוילן און איר פּרעמיער פּאַדערעווסקי; זען די אינטימע נאָטיצן Papers Intinate פון קאָלאָנעל האוס, באַנד 4, ז׳ 261.

אַ טאָג שפּעטער דערוויסן מיר זיך וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט:

הודסאָן איז אַריינגעקומען, און האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געזען ריכטער מעק און מר. מאַרשאַל נעכטן אָוונט, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין זיכערן פּלאַן און ער האָט זיי פאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן אויסאַרבעטן אַ דעפיניטיוון פּראָיעקט און אים מיר פאָרלייגן (די טעמע פון דעם פּראָיעקט דאַרף זיין דער שוץ פון מינאָריטעטן אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער).

פאַרוואָס עס איז נישט געווען קיין דעפיניטיווער פּראָיעקט ווייסן מיר שוין פון פריער. פּשוט ס'איז נישט געווען קיין פאַרשטענדיקונג און די דיסקוסיע איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען וועגן די דעפיניציעס. אָבער איצט האָט שוין די צייט ממש געברענט אונטער די פיס און מען האָט ענדלעך געמוזט קומען צו אַ טאָלק.

דער ערשטער פּראָיעקט פון „גרופּן־רעכט" איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון דעם „ביל־אָף־רייטס", וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס. אָבער דערווייל זענען גייע פּראָבלעמען אויפגעשוומען אין די דיסקוסיעס און אויף די זיצונגען פון די יידישע דעלעגאַציעס. מעק שרייבט וועגן דעם:

דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס האָט אָנפאַרטרויט מאַרשאַלן און מיר אויסצואַרבעטן אַן אָנוואורף פון די פאַרשיידענע פאָרשלאָגן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשיילט פון די זיצונגען פונעם קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס. די פאָרשלאָגן זענען דאַן רעדאַקטירט געוואָרן צום ערשטן פון מאַרשאַלן און אַמאָל פון מיר, דאַן האָט מען זיי אַדורכגעקוקט אין דער רעדאַקציע־קאָמיסיע און אין דער לעצטער אינסטאַנץ האָט מען זיי פאָרגעלייגט דעם פולן קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס פאַר הכשרה. דאָס איז געווען די געוויינטלעכע פּראָצעדור איידער די פאָדערונגען זענען פאָרגעלייגט געוואָרן פאַר מר. מילער. פּילדערמאַן, מאָצקין און ברודיע האָבן אויך געהאָלפן אין דער פאָרמולירונג פון די יידישע פאָדערונגען(34).

פאַרשטייט זיך אַז די פאָרמולירונגען זענען דאָן אויפסניי דורכגע־גאַנגען דורכן פראַלניק פון מילער, הודסאָן עט קאָמפּאַני, איידער זיי זע־נען געקומען אין די הענט פון קאָלאָנעל האוס, אָדער גאָר צו די „גרויסע פיר״! אָבער די „גרויסע פיר״ האָבן געהאַט וויכטיקערע זאַכן צו טאָן איי־דער צו באַשעפטיקן זיך מיט דער יידישער פראַגע.

דערווייל האָבן די יידישע פראָיעקטן־עדיטאָרן געאַרבעט איבער דער צייט, און שוין זונטיק דעם 20סטן אַפּריל האָבן זיי געבראַכט אַ פאַרטיקן דאָקומענט. מילער באַריכטעט:

...דערווייל זענען אַריינגעקומען ריכטער מעק און מר. לואי מאַרשאַל, און האָבן דיסקוטירט איבער פוילן און דעם מינאָריי־טעטן־רעכט, איבערלאָזנדיק ביי מיר אַ מעמאָראַנדום (דאָקומענט 822)... איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז איך וועל איבערלייענען דעם דאָקומענט און זיך זען מיט זיי מאָרגן נאָך אמאָל.

און אַ טאָג שפּעטער:

איך האָב אויך דיסקוטירט מיט מר. הודסאָן די פראַגן, וואָס עס האָבן אויפגעהויבן ריכטער מעק און מר. מאַרשאַל און איך האָב איבערגעגעבן הודסאָנען אַ פראָיעקט וועלכן איך אַליין האָב פאַר־פאַסט די לעצטע נאַכט, און אויך אַנדערע זאַכן וועלכע איך האָב מיר נאָטירט בשעת מיין דיסקוסיע מיט אים און אים געהייסן (אויפן גרונט פון דעם מאַטעריאַל) אויסאַרבעטן אַ מעמאָראַנדום פאַר דער אָוונט־קאָנפערענץ מיט מאַרשאַל.

און אין דעם זעלבן טאָג וועגן דער קאָנפערענץ מיט מאַרשאַל:

ריכטער מעק און מר. מאַרשאַל זענען אַריינגעקומען און אי־בערגעקוקט מיט מיר און הודסאָנען די פאָרשלאָגן וועגן פוילן. מיר האָבן איבערגעאַנדערשט איייניקע פון די פאָרשלאָגן, איינע וועגן אַ פראָפּאָרציאָנעלער רעפּרעזענטאַנץ און אַן אַנדערע וועגן דער פאַרוואַלטונג פון מלוכה־געלטער, וועגן וועלכע עס איז געווען אַ מיינונג־פאַרשידנקייט. מיר האָבן זיך געאייניקט צו אויסאַרבעטן אַנדערע פאָרשלאָגן, מיט דער מעגלעכקייט פון אַ קאָמפּראָמיס.

דינסטיק דעם 22סטן אפריל:

ריכטער מעק און מר. מארשאל זענען געקומען און מיר האבן איניינעם איבערגעקוקט די פוילישע פארשלאגן, לויט ווי זיי האבן זיי איבערגעשריבן (דאקומענט 841). איך האב מסכים געווען מיט אלע, אחוץ בנוגע פאראגראף 6, וועלכן איך האב פארביטן מיט אן אנדערן און איבערגעטראגן דעם דאקומענט צו קאלאנעל האוס, וועלכן איך האב דערציילט, אז די יידן זענען דווקא באשטאנען אויף פאראגראף 6 און כאטש ס'איז מעגלעך אז זיי זענען טאקע גערעכט, האב איך אבער אנגעשריבן אן אנדערע ווערסיע, וועלכע שיינט מיר צו זיין א בעסערע, און וועלכע, דאכט זיך מיר, באשיצט זיי בעסער בנוגע פאראגראף 4 און 5, אין דער וויכטיקייט פון וועלכע זיי האבן מיך איבערצייגט.

מילערס נאטיץ פון מיטוואך דעם 23סטן אפריל, האט צו זאגן אט וואס:

איך האב אויך גערעדט מיט קאלאנעל האוס וועגן די יידישע פאדערונגען בנוגע פוילן און זיין מיינונג איז געווען, אז ס'איז נישט ראטזאם פאר זיי (די יידן) צו פארעפנטלעכן זייערע פארלאנגען און אז עס וואלט געווען בעסער פאר זיי צו זען זיך מיט ד״ר מאט. ער האט אויך נישט געזען קיין שום גרונט פארוואס זיי זאלן נישט פרוון פארשטענדיקן זיך מיט די פראנצויזישע און בריטישע דעלעגאטן, וועגן זייערע פאדערונגען. איך האב דאס שפעטער איבערגעחזרט פאר מר. מארשאל.

דעם 29סטן אפריל האט מילער אויפן פארלאנג פון די יידישע שליחים ארגאנזשירט א טרעפונג מיט קאלאנעל האוס. און אט לייענען מיר וועגן דעם אין דער נאטיץ פון מיטוואך דעם 30סטן אפריל:

ריכטער מעק איז אריינגעקומען צו מיר מיט מר. מארשאל, פאר דער קאנפערענץ מיט קאלאנעל האוס, אזייגער 5, און דערנאך (נאך דער אוידיענץ) איז מעק ווידער געקומען און מיר דערציילט וועגן דעם שמועס. ער האט געזאגט, אז ער וועט פרוון

ברענגען די זאך צו דער אויפמערקזאמקייט פון לאיד־דזשארדזש דורך דער פארמיטלונג פון סיר הערבערט סעמועל.

מיט דעם שליסן מיר אפ דעם ערשטן טייל פון די באמיאונגען און אזוי ווי די נאענטסטע פאזע אונטערשיידט זיך אין א סך פרטים פון דער ערשטער — ווילן מיר דא מאכן א קורצן איבעררייס כדי צו געבן א קורצן איבערבליק איבער דעם, וואס עס איז ביז איצט דערגרייכט גע־ווארן.

— ב —

מארשאל האט זיך געזען מיט הענרי ווייט, איינעם פון די פיר „שלום קאמיסיאנערן" פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע, דעם 19טן אפריל און פון אים אויסגעפונען, אז דער שלום־אפמאך איז שוין כמעט פארטיק און אז וועגן יידישע רעכט איז נאך אלץ שא־שטיל.

צום גליק איז מעק און מארשאל געווען באקאנט מיט דייוויד הונ־טער מילער, וועלכער איז געווען דער לעגאלער בעל־יועץ פון דער אמע־ריקאנער דעלעגאציע און א מענטש וואס האט געהאט דאס אויער פון פרעזידענט ווילסאן און פון קאלאנעל האוס; אויך מילערס אסיסטענט מאנלעי הודסאן, פראפעסאר אין דער הארווארד אוניווערזיטעט, האט גע־האט גרויס דרך־ארץ און א פערזענלעכע פריינדשאפט פאר ריכטער מעק. דאס האט געהאלפן, אז דורך דיביידע אמעריקאנער, איז געעפנט געווארן די טיר צו דעם היכל פון די העכסטע באראטער פונעם פירער־ראט.

צום ערשטן האבן די יידישע פירער געמוזט געווינען מילערן און הודסאנען פאר די יידישע רעכט און דאס אליין איז נישט געווען קיין גרינגע מלאכה. זיי האבן זיך לייכט געלאזט איבערצייגן, די צוויי רעפע־רענטן, וועגן אזעלכע פראגן ווי בירגער־רעכט, שבת־רו און זענען אפילו גרייט געווען צו מאכן די ווייטסטע קאנצעסיעס אין דער הינזיכט. זיי האבן אויך צוגעגעבן, אז דער יידישער ישוב דארף האבן די מעגלעכ־קייט צו פראטעסטירן צו דער פעלקער־ליגע אין פאל פון א רעכט־פאר־לעצונג. אבער די פראזע „נאציאנאלע רעכט" און „נאציאנאלע אינסטי־

טוציעס״ האָבן זיי נישט אָקצעפּטירט. זיי האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן, אַז די מינאָריטעטן זאָלן קריגן פונקציעס, וואָס באַלאַנגען צו אנערקענ־טע רעגירונגען. ערשט פּאַמעלעך און מיט מי איז געלונגען די צוויי יידי־שע שליחים צו איבערצייגן די צוויי אַמעריקאַנער פּראָפעסאָרן, אַז די יידישע מינאָריטעט איז מער ווי אַ רעליגיעזער קיבוץ און, אַז עס איז דאָ, אי אַ רעכטלעכער, אי אַן אַדמיניסטראַטיווער גרונט פאַרוואָס זיי דאַרפן באַצייכנט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט מיטן רעכט צו עטאַבלירן, פאַרוואַלטן, און קאָנטראָלירן זייערע אייגענע רעליגיעזע, דערציערישע און צדקה־אינסטיטוציעס.

עס האָט זיך איינגעגעבן די יידישע שליחים צו איבערצייגן די צוויי אַמעריקאַנער אַדוואָקאַטן, אַז די יידן באַדאַרפן אַ געוויסע פאָרם פון מי־נאָריטעט־רעפּרעזענטאַנץ, אָבער דער לעגאַליסטישער „טריינינג״ פון די לעצטע האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט אָנצונעמען, אַז אַ נאַציאָנאַלע מינאָרי־טעט זאָל האָבן דאָס רעכט אויסצווויילן אַ פּראָפּאָרציאָנעלע צאָל פון רע־פּרעזענטאַנטן אין די עפנטלעכע קערפּערשאַפטן און האָבן אַן אייגענע וואַל־קוריע. אָנשטאָט דעם האָט מילער פאָרמולירט זיין אייגענעם פאָר־שלאַג, דעם אַרטיקל 6, וואָס האָט פאַרגעשלאָגן פּראָפּאָרציאָנעלע וואַל־רעפּרעזענטאַנץ פון מינאָריטעטן, אויפן יסוד פון אַ קומולאַטיוון שטים־רעכט.

דאָס אַלץ האָט באַטייט אַ גרויסן פאָרשריט און ווען מעק און מאַר־שאַל זענען געגאַנגען זען קאָלאָנעל האוס איז דאָס געווען מיטן ציל כדי צו באַוועגן אים, אַז ער זאָל וואָס גיכער ברענגען דעם יידישן מעמאָראַנ־דום פאַר דעם העכסטן ראַט צו אַן אַנטשיידונג.

גלויבנדיק אַז די אַנטשיידונג איז נאָענט, און כדי צו פאַרהיטן אַז עפּעס אַ פאַלשער שריט אָדער אַ מסירהלע זאָל זיך נישט אַריינמישן און קאַליע מאַכן די גוטע אויסזיכטן, האָט מארשאַל, באַנוצנדיק זיך מיט דער הילף פון אַדלערן, גערופן צו הילף נישט נאָר פריינד, נאָר אפילו די שונאים פון נאַציאָנאַלע רעכט, ווי מאָרגענטוי, אָסקאַר שטרויס, בער־נאַרד באַרוך, באַראָן עדמונד ראָטשילד און אַנדערע. וועגן דעם „נדיב הידוע״ זענען אייגנטלעך נישט געווען קיין גרויסע שוועריקייטן. ער איז

געווען קעגן נאַציאָנאַלע רעכט, אָבער ער איז נישט געווען קיין שונא. ראָטשילד האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיין פאַר נאַציאָנאַלע רעכט, אויב ווילסאָן וועט זיין דערפאַר. אויך די „אַליאַנס" האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך היטן נישט צו אָנצונעמען קיין שום שריט קעגן אונדזערע פאָדערונגען. אדלער האָט זיך געזען מיט העגרי ווייט, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער איז מסכים מיט זייערע פאַרלאַנגען און אַז ער האָט זיך איבערציגט, אַז די נייע אנשטאַנענע שטאַטן מוזן געצוימט ווערן. אָבער טראָץ אַלע פאַרזיכערונגען איז די אַטמאָספער געווען געלאָדן מיט שטורעמצייכנס.

פלוצים האָבן אָנגעהויבן זיך טראָגן עפּעס נישט קיין קלאָרע קלאַנגען. דעם ערשטן מאַי, 1919, האָט מעק, אין אַ בריוו צו מילערן, זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט, פון מורא טאָמער זענען די יידישע פאַרלאַנגען נישט פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר ווילסאָנען אין געהעריקן ליכט. עס האָט אים געעגבערט אין מוח, טאָמער האָט ער און זיינע חברים עפּעס פאַרפעלט צו טאָן, וואָס וואָלט געקאָנט קלאָרער מאַכן די גערעכטיקייט פון דער יידישער פראַגע. אין אָט דער אַטמאָספער פון שטימונגען און שרעקן פון דער יידישער זייט, האָט דער פירער־ראָט, צו וועלכן די יידישע קלאַנגען און אָנקלאַגן זענען ביז דעמאָלט נישט דורכגעדרונגען דורך די דיקע מויערן פון זייער קאָנפערענץ־זאַל, פּאַמעלעך אָנגעהויבן אַריינצוקוקן אין די יידישע פאָדערונגען, נאָך דעם ווי דער שלום־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד איז שוין כמעט ווי געווען פיקס־און־פאַרטיק. ערשט דעמאָלט האָט מען זיך אַ כאַפּ געטאָן אין די הויכע פענצטער, אַז עס זענען דאָ מינאָריטעטן אין דער וועלט און אַז מען וואָלט באַדאַרפט עפּעס טאָן פאַר זייער שוץ.

פאַרוואָס האָט מען אַזוי לאַנג געוואַרט, איידער מען האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי דאָס אַזוי פיל רעקלאַמירטע זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון די קליינע פעלקער איז טאַקע אַ פּלא. אַ שטיקל דערקלערונג לאָזט זיך יאָ געבן. ווילסאָן האָט זיך געבאַרעט מיט זיינע אַליאירטע שותפים, כדי אָפּצוראַטעווען עפּעס פון די רואינען פון זיינע שלום־חלומות און ער האָט פשוט נישט געהאַט קיין געדולד פאַר אַנדערע

זאַכן. ער האָט געמוזט שלאָגן איבער די הענט די יאפאנער, די פראַנ־צויזן, די איטאַליענער און דעם תמיד אומזעטיקן ענגלאַנד, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין רייסן שטיקער פון פרעמדע לענדער. צוליב ווילסאָנס וועטאָ קעגן דער איטאַליענישער אינוואַזיע אויף פיומע האָט אָרלאַנדאָ פאַרלאָזט דעם פירער־ראַט. און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערע צײַ־טונג־קאמפאַניע קעגן ווילסאָנען, דערפאַר וואָס ער באַנעמט זיך ווי אַ דיקטאַטאָר. די קאַמפאַניע איז געווען אַן אינספּירירטע פון אויבן און ווען די הע־קאמפאַניע האָט דערגרייכט דעם הויכפּונקט — האָט ווילסאָן באַשלאָסן צו נעמען דעם אָקס ביי די הערנער, און באַפוילן, גרייט צו מאַכן זיין שיף צום אַהיימפאָר. דאָס האָט איבערגעשראָקן די שרייערס און דער צייטונג־שטורעם האָט זיך איינגעשטילט. אָבער זיין פּרעסטיזש איז געזונקען אַלץ טיפער, נישט אַזוי צוליב זיין פּאָזיציע אין פּאַריז ווי צוליב די שמועות פון פּראָטעסט און רעוואָלט קעגן ווילסאָנען אין וואַ־שינגטאָן.

די מורא פאַר ווילסאָנס איינפלוס איז געזונקען מיט דער ירידה פון זיין איינפלוס אין זיין אייגענעם סענאַט. אַן „אוממעכטיקער” פּרעזידענט האָט נישט געקאָנט שפּילן די ראָל פון דעם אַלמעכטיקן ווילסאָן פון אַמאָל. „ווער ס׳וויל זיין אַ גאָט טאָר נישט ווייזן זיינע ליימענע פיס” — זאָגט אַ ווערטל. די איינציקע וואָס האָבן איצט איינגעזען, וואָס עס וואָלט געמיינט פאַר דער וועלט אויב ווילסאָן זאָל חלילה נישט פאַרענ־דיקן זיין ווערק זענען געווען די ענגלענדער, וואָס האָבן פריער טאַקע צום מערסטן געזינדיקט מיט זייערע געהיימע קריג־אָפּמאַכן, פון וועלכע ווילסאָן האָט גאָרנישט געוווסט. זיי האָבן איצט באַשלאָסן צו שטיין ביי זיין זייט אין די אַלע קאָנפליקטן זיינע מיט די אַנדערע מלוכות ביים שלום־טיש.

— ג —

דאָס איז געווען די אַלגעמיינע אַטמאָספער אין פּאַריז דעם 3טן מאַי ווען עס איז פאָרגעלייגט געוואָרן פאַרן העכסטן ראַט דער מעמאָראַנדום

וועגן מינאָריטעטן־רעכט און נאַציאָנאַל־יידישע פאָדערונגען. מילער באַ־ריכטעט וועגן דעם:

אויף דער זיצונג פונעם ראַט פון דריי איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון מינאָריטעטן־רעכט און דער סענטימענט איז גע־ווען אינגאַנצן קעגן דעם באַשאַף פון אַזעלכע געמיינדעס ווי די יידן האָבן געוואָלט.

און ווייטער אונטערן דאַטום פון 3טן מאַי 1919:

מאַרשאַל איז אַריינגעקומען און איך האָב אים געזאָגט, אַז איך פיל זיך נישט פריי צו געבן אים וועלכע ס'איז אינפאָר־מאַציעס וועגן דעם וואָס ס'איז געשען און איך האָב אפילו נישט דערמאָנט וועגן דער באַשטימונג פון אַ קאָמיטעט (פאַר נייע שטאַטן). וואָס איך האָב אים יאָ געזאָגט, איז געווען, אַז די אידעען וואָס זיי האָבן געהאַט וועגן שאַפן אַ סעפּאַראַטע קערפּערשאַפט וועלן זיכער נישט אָנגענומען ווערן...

און ווייטער:

היינט נאָכמיטאָג האָב איך געזען קאָלאָנעל האוס, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל נישט דיסקוטירן מיט די יידן קיין שום דעטאַלן וועגן דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין העכסטן ראַט. איך האָב אים געוויזן דעם פּראָטאָקאָל וועגן באַשלוס פונעם ראַט פון דריי.

דאָס אַלצדינג האָט באַטייט אָט וואָס: דער העכסטער ראַט פון דריי (אָן אָרלאַנדאָ) האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין ענטוזיאַזם פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, אָבער אַזוי ווי זיי האָבן ענדלעך איינגעזען, אַז עפּעס דאַרף פאָרט געטאָן ווערן, און ספּעציעל, צוליב דעם וואָס די ענגלענדער האָבן געשטויסן דערצו, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן צו פאַרזיכערן, אַז די נייע שטאַטן זאָלן איבערנעמען די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען פון פאַסט, פאָרטן, באַנען און אינטערנאַציאָנאַלע חובות, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז עס זאָל באַשאַפן ווערן אַ פרישער „קאָמיטעט פאַר נייע

שטאַטן״. אין דער קאָמפּעטענץ פון דעם קאָמיטעט איז אַריינגעצויגן גע־וואָרן אויך דאָס פּראָבלעם וועגן באַשיצן די ראַסן־ און גלויבנס־פריי־הייט און אַנדערע פּראָבלעמען. ווילסאָנס דאָקומענט וועגן פאַקטישער און אינדיווידועלער גלייכבאַרעכטיקונג האָט געגאָלטן אַלס צופרידנשטעלנ־דיק. זיין דאָקומענט איז באַשטאַנען פון אַן איינפאַכער פאָרמולע: „די מלוכה איז מסכים, אַז זי וועט מבטיח זיין אַלע ראַסישע און נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, וואָס געפינען זיך אונטער איר יוריסדיקציע, די זעלביקע באַהאַנדלונג, סיי אין געזעץ און סיי אין פאַקט, וועלכע עס געניסט די ראַסע אָדער נאַציאָנאַלע מאַיאָריטעט פון איר פאָלק״.

מילערס מעמאָראַנדום האָט אַנטהאַלטן די באקאנטע פאדערונגען, וועלכע מיר האָבן אויבן אַרומגערעדט, און וועלכע וואָלטן, כאָטש שוין נישט אויסדריקלעך, וויינעקסטנס אין אַלגעמיינע שטריכן אַנערקענט די יידן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט.

די מיטגלידער פון דעם נייעם שטאַטן־קאָמיטעט אין וועמענס הענט עס זענען איצט געלעגן די מינאָריטעטן־רעכט, זענען געווען: פיליפּ בער־טעלאָ, דירעקטאָר פון אויסערן מיניסטעריום פון פראַנקרייך, דער פּאָרזי־צער; העדלאַם־מאָרלעי, פון גרויס בריטאַניע; סיניאָר די מארטינא פון איטאַליע; מילער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און שפּעטער אדאטשי פון יאפּאַן. צו די זיצונגען פונעם קאָמיטעט זענען אויך איינגעלאַדן גע־וואָרן אַנדערע פּאַרטרעטער, צווישן זיי — פּראָפעסאָר לאָרד פון דער פּוילישער קאָמיסיע. אין מילערס טאָגבוך פון 5טן מאַי געפינען מיר אַ נאָטיץ:

> איך האָב געפונען (פּראָפעסאָר) לאָרד זייער פּראָ־פּויליש. זיין אידעע איז, אַז מען זאָל גאָרנישט טאָן אין דער פראַגע פון מינאָ־ריטעטן־שוץ.

ווי מיר האָבן געזען פון מאַרשאַלס אויפנאַמע ביי מילערן איז דאָס אַלץ געהאַלטן געוואָרן בסוד. די פריינדלעכקייט וואָס מען האָט פריער אַרויסגעוויזן די יידישע פאַרטרעטער איז אויסגעוועפּט געוואָרן. אָבער אין פּאַריז זענען נישט געווען קיין סודות. די יידן האָבן זיך דערוווּסט

וועגן דעם, וואָס ס'איז לעצטנס געשען, פון סיר הערבערט סעמיועל. אָט וואָס ס'שרייבט וועגן דעם מילער דעם 4טן מאַי:

> ריכטער מעק און מר. מאַרשאַל האָבן מיך באַזוכט און איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך קאָן מיט זיי די זאַך נישט דיסקוטירן. זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער באַשטימונג פון אַ קאָמיטעט (פאַר נייע שטאַטן) פון הערבערט סעמיועלן. איך האָב זיי געראַטן נישט צו מאַכן קיין שום פּרוּוו צו זען זיך מיט קאָלאָנעל האוס, אָדער פּרעזידענט ווילסאָן. זיי האָבן ביי מיר אָנגעפרעגט וואָס איך דענק וועגן אַ באַזוך ביי מאַרלעי (הערדלאַם־מאַרלעי), און איך האָב זיי געענטפערט, אַז אַזוי ווי יעדער איינער פון אונדז, אַזוי איז אויך מאַרלעי שטאַרק פאַרמאַטערט. מער האָב איך נישט געמאַכט קיין שום הוספה, אָבער איך פיל, אַז טראָץ אַלעמען וועלן זיי זיך זען מיט אים.

די אָפיציעלע קאַלטקייט פון מילערן שטייט אין קאָנטראַסט צו דער פריינדשאַפטלעכער וואַרעמקייט מיט וועלכער ער האָט תמיד באַגעגנט די צוויי שליחים. אַ פּנים אַז די אָפיציעלע ווינטן האָבן נישט געבלאָזן מיט קיין גוטס פאַר די יידן. אַ פעסימיסטישע שטימונג האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען. די זיצונגען פון די דעלעגאַציעס זענען געווען נישט קיין פריילעכע. עפּעס האָט מען געלייגט צופיל האָפענונג אויף דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע און געהאַט צופיל בטחון אויף דער השפעה פון די צוויי שליחים. ווילסאָן, ווייזט אויס, איז גאָר נישט געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון דער אידעע, אַז יידן זאָלן „ווערן אַ באַזונדערע נאַציאָנאַליטעט". ווי ס'איז תמיד אין אַזעלכע אומשטענדן, האָבן זיך אַנדערע דעלעגאַטן אַ כאַפּ געטאָן, אַז אפשר איז נישט געווען פּראַקטיש איבערצולאָזן אַזאַ דעליקאַטע פראַגע אין די הענט פון מענטשן, וועלכע, ווי מאַרשאַל ווייניקסטנס, זענען אַליין נישט געווען קיין הונדערט־פּראָצענטיקע קנאים אין דעם ענין פון אַ יידישער נאַציאָנאַליטעט. נאָך אַלעמען איז עס געווען „נאָסטרא רעס אגיטור" (אונדזער אייגענער עסק), און עס איז געקומען די צייט, אַז מיר אַליין זאָלן זוכן פאַרבינדונגען אין די הויכע פענצטער. קיין סך צייט צו וואַרטן איז מער נישט געווען. דער איינפלוס־

רייכסטער פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן איז געווען נחום סאָקאָלאָוו. אָנגעשפּאַרנט דורך דעם נישט קליינעם דורכפאַל, וואָס מיר האָבן געליטן, האָט ער איצט אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע טעטיקייט. ער האָט ביי פאַר־שיידענע געלעגנהייטן שוין פריער זיך געווענדט צו קלעמאַנסאָ, צו פּישאָן, לאָיד־דזשאָרדזש, באַלפור, סאָנינאָ און אַנדערע. אַלע אַנדערע דעלעגאַטן האָבן אויך געזוכט אויסצונוצן יעדער זיינע אייגענע באַקאַנטשאַפטן, כדי צו מאַכן פרישע אינטערווענצן. בעת דער פלוצימדיקער פּוסטקייט וואָס איז אַנטשטאַנען, האָט יעדער זיך געאיילט צו פאַראַקערן זיין אייגן שטיקל פעלד.

אין דעם שייכות וויל איך דאָ דערמאָנען אַן עפּיזאָד וואָס איז כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דער פיבערדיקער אַטמאָספער אין פּאַריז און אויך ווי אַן אילוסטראַציע פון דער קאָרופּציע פון דעם פראַנצויזישן צייטונגס־וועזן.

די פראַנצויזישע פּרעסע אין פּאַריז האָט געהאַט אַ געוויסן איינפלוס, דורך דעם וואָס זי האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער, וועלכע האָט נישט גע־קאָנט פאַרפעלן צו האָבן אַ השפעה אויף די שלום־דעלעגאַציעס. דורך מיינע פּערזענלעכע פריינט, אַ געוויסער דאָקטער מאַרקיז און זיין שיינע, ענערגישע פרוי, אויך אַ דאָקטערשע, וועלכע האָבן געפירט אַ גרויס הויז, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ ריי וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אין פראַנצוי־זישן לעבן. איינער פון זיי איז געווען דער דירעקטאָר פון דער פראַנצויזי־שער טעלעגראַפן־אַגענטור „האַוואַס״, וועלכער האָט צוגעזאָגט שענקען מער אויפמערקזאַמקייט פאַר אונדזערע נייעסן. מיט דער הילף פון מאַדאַם מאַר־קיז האָב איך געפּועלט אויך ביי אַנדערע, ווי „אַזשאַנס ראַדיאָ״ און „פּור־ניע״, אַז זיי זאָלן אונדז אַביסל צוהעלפן, און אַרויסשיקן אַ פּאָר בולע־טינען און באַריכטן וועגן די יידישע פּאָדערונגען. אַ פּאָר נאָטיצן זענען טאַקע דערשינען. די „אַזשאַנס ראַדיאָ״ האָט אַרויסגעשיקט אונדזערס אַן ענטפער אויף פּאַדערעווסקיס בריוו וואָס איז געווען געריכט קעגן אונדז. אָבער באַלד האָט זיך די זאַך אָפּגעהאַקט. די סיבה איז געווען אַן איינפאַ־כע: אַזאַ זאַך קאָסט געלט, — אַ סך געלט. ווייל נישט נאָר אַרבעטן ניט די טעלעגראַפן אַגענטורן לשמה, נאָר יעדע צייטונג וואָס דרוקט איבער

אַזאַ שטיק נייעס־פּראָפּאַגאַנדע האָט אַ סענסיטיווע נאָז, און ווייסט גענוי מיט וויפיל געלט דאָס שמעקט. בקיצור די פראַנצויזישע פּרעסע איז גע־ ווען „צום האָבן“ — פאַר אַ פּרייז. יעדע פרעמדע דעלעגאַציע האָט זיך דערמיט גערעכנט און מיטגעבראַכט אַ זאַק מיט גאָלד, כדי אָפּצוקויפן אַ שטיקל פּלאַץ פאַר זיך דאָרט, ווו מען האָט געקענט אויפהייבן אַ „היי־ ליקן פּראָטעסט“, קעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער וועלט, בנוגע דער, אָדער יענער פראַגע. די פּאָליאַקן און די רומענער האָבן גוט אויסגענוצט די „הייליקע עמפּערונג“ פון דער פּרעסע, און האָבן פאַר דעם באַצאָלט מיט אומהייליקע אוצרות. מיר יידן האָבן נישט געהאַט נישט דאָס געלט און נישט די זכיה צו האָבן די אונטערשטיצונג פון דער פּאַריזער פּרעסע.

— ד —

און איצט, לאָמיר צוריקקומען צו דעם נייעם קאָמיטעט, אין וועמענס הענט עס איז איצט געלעגן אונדזער גורל.

די ערשטע זיצונג פונעם „קאָמיטעט פאַר נייע שטאַטן“ איז אָפּגע־ האַלטן געוואָרן אין 4טן מאַי, אין ווילסאָנס דירה, אַ פּאַלאַץ אויף „פּלאַס דעס טאַז אוני“ אַרום 11.11 פאַרמיטאָג אונטערן פאָרזיץ פון פיליפּ בער־ טעלאָ. דער קאָמיטעט האָט באַטראַכט די פראַגע פון זיין קאָמפּעטענץ אין ליכט פון אַ בריוו וועלכן מאָריס האַנקעי, סעקרעטאַר פונעם העכסטן ראַט האָט איבערגעשיקט צום גענעראַל סעקרעטאַר פון דער שלום־קאָנ־ פערענץ וועגן די באַשלוסן און כוונות פון דעם ראַט. די צווייטע זיצונג איז געווען אין פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום אויף קעי ד׳אָרסעי און איינע פון די פראַגן אויף דער טאָג־אָרדענונג איז געווען: צי מען זאָל צולאָזן די יידישע רעפּרעזענטאַנץ און אויסהערן זייערע טענות. נאָך אַ דיסקוסיע האָבן די מיטגלידער פון קאָמיטעט באַשלאָסן, אַז „כדי צו שפּאָרן צייט“ זאָל דער קאָמיטעט צום ערשט אַליין קומען צו אַ פאַר־ שטענדיקונג צווישן זיך, און אויב עס זאָל זיך דאַן אַרויסווייזן פאַר נוי־ טיק צו האָבן אַזאַ פאַרהער, וועלן די פאַראינטערעסירטע צדדים איינ־ געלאַדן ווערן (איבעריק צו זאָגן, אַז אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך קיינמאָל

נישט אָנגעבאָטן פאַר די יידן). אויך די פראַגע צי רומעניע איז אַ „נייע מלוכה״ און באַלאַנגט אין די קאָמפּעטענצן פון דעם קאָמיטעט — האָט אַרויסגערופן אַ סכסוך און מען איז געקומען צום באַשלוס, אַז מען דאַרף פרעגן אַ שאלה ביים רבין אַליין — ביים העכסטן ראַט — און אָפּוואַרטן זיין פסק.

אויף דער דריטער זיצונג האָט מען פאַרגעלייענט אַ בריוו, וואָס האָט קאָנסטאַטירט, אַז דער העכסטער ראַט האָט צוגעשטימט, אַז אין די קאָמפּעטענצן פונעם קאָמיטעט פאַר נייע מלוכות גייען אויך אַריין גריכנלאַנד און רומעניע. דער קאָמיטעט האָט פאָרגעזעצט זיין אַרבעט אויף אַן אַנטשפּרעכנדיקן פּראָיעקט פאַר די מינדערהייטס־רעכט.

אויף דער פערטער זיצונג, דעם 7טן מאַי, האָט מר. מאַרלעי זיך באַקלאָגט, אַז מר. לוסיען וואָלף האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים געבן אַ קאָפּיע פונעם דאָקומענט וואָס דער קאָמיטעט האַלט אין אויסאַרבעטן, און האָט געפרעגט פאַרוואָס מר. מאַרשאַל האָט יאָ באַקומען אַזאַ קאָפּיע און ער נישט. דערויף האָט מען אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אַלע ראַפּאָרטן זאָלן באַטראַכט ווערן ווי קאָנפידענציעל און קיינער טאָר זיך נישט פילן באַרעכטיקט אַרויסצוגעבן קיין שום דאָקומענטן. אָט צו וואָס ס'האָט געפירט די קאָנקורענץ מצד די פאַרשיידענע יידישע פאַרטרעטערשאַפטן.

אויף דער פינפטער זיצונג, דעם 9טן מאַי, האָט דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער מר. מילער פאָרגעלייגט אַ פאָרשלאַג וועגן אַ פּראָפּאָרציאָנעלער רעפּרעזענטאַנץ פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן. דער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן צום גונסטן אַ רעקאָמענדאַציע, אַז געוויסע סתירהדיקע פּונקטן, וואָס זענען נישט איינגעשלאָסן אין שלום־טראַקטאַט, זאָלן אנטשיידט ווערן דורך די אַליאירטע מאַכטן.

בנוגע דעם וואַל־סיסטעם איז אָנגענומען געוואָרן אַן „עמפּפעלונג״, אַז פּוילן זאָל באַריקזיכטן אין איר וואַל־אָרדינאַציע געוויסע ספּעציעלע באַדינגונגען וואָס זאָלן דערמעגלעכן אַז נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זאָלן קריגן זייער חלק פון מאַנדאַטן, וואָס ס'קומט זיי, לויט זייער צאָל אין דער באַפעלקערונג, ובכן, נישט אַ בינדיקער באַשלוס, חלילה, נאָר אַן

עמפעלונג, וואָס מיינט אויף נישט דיפּלאָמאַטישן לשון: „וואָש מיר דעם פּעלץ און מאַך אים נישט נאַס".

וועגן יידישער דערציאונג ווערט געזאָגט אין אַרטיקל 6, § 2:

צוליב דעם נאָענטן יחס וואָס ס'עקזיסטירט ביי יידן אין פּוילן צווישן דערציאונג און רעליגיע וועט צוגויפגעשטעלט ווערן אַ באַראַטונגס־קאָמיטעט פון רבנים אָדער „לאיען" (וועלטלעכע), וואָס וועלן באַשטימט ווערן פון די רבנים. דער קאָמיטעט וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרגאַניזירונג פון עפנטלעכע שולן און פאַר דער דערציאונג, אונטערן קאָנטראָל פון דער פוילישער רעגירונג, און אויף זייערע קאָסטן.

בנוגע דעם פּאַראַגראַף זענען אַנטשטאַנען מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן דער בריטישער דעלעגאַציע, וואָס האָט פאָרלאַנגט, אַז אַנשטאָט אַ באַראַטונג־קאָמיטעט פון ראַבינער און „לאיען", זאָל עס הייסן אַ קאָמיטעט פון „רעפּרעזענטאַנטן פון די יידן אין פּוילן". די פראַנצויזן זענען באַשטאַנען דערויף, אַז די „רבנים" זאָלן זיין די פאַראַנטוואָרטלעכע רעפּרעזענטאַנטן פונעם דערציאונגס־קאָמיטעט און די אַמעריקאַנער זענען באַשטאַנען אויף דעם אָריגינעלן פאָרשלאַג זייערן.

איבערגייענדיק צום אַרטיקל 7 פון דעם פּראָיעקט, האָט דער אַריינגעבראַכטער פאָרשלאַג סטיפּולירט, אַז

„די יידן זאָלן נישט געצוווּנגען ווערן צו טאָן וועלכן ס'איז אַקט וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ ברוך פון זייער שבת־רו, — און זיי זאָלן נישט געשטעלט ווערן אונטער וועלכער ס'איז דיסקוואַליפיקאַציע אויפן יסוד פון זייער אומוויליקייט צו באַזוכן געריכטן, אָדער אויספירן וועלכן ס'זאָל נישט זיין געריכטלעכן אַקט אין שבת. פאַר די יידן וואָס היטן אָפּ שבת און ימים־טובים זאָל נישט פאַרווערט זיין אָנפירן מיט זייערע וואָכעדיקע געשעפטן־עניינים זונטיק".

אָט דער אַרטיקל איז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון דער בריטישער דעלעגאַציע און איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין דעם קאָמיטעט פאַר נייע

מלוכות ביי דער אפשטימונג צוליב דער אפאזיציע פון די אמעריקאנער און פראנצויזן. דער בריטישער פארטרעטער האט רעזערווירט זיין שטע־לונג ווי א סעפאראטע רעקאמענדאציע (וואטום סעפאראטום) צום פירער־ראט. ליידער אבער זענען זיי (די ענגלענדער) נישט באשטאנען אויף דער באשטימונג פון זונטיק־רו.

דער שבת־רו־פארשלאג איז געווען א ריין בריטישער פארלאנג און דארף פאררעכנט ווערן אויפן אייגפלוס פון דער בריטישער דעלעגאציע. די אמעריקאנער און איטאליענער קאמיטעט־מיטגלידער זענען געווען קעגן אזא פארשלאג און די פראנצויזן האבן זיך נישט שטארק געאמפערט וועגן דעם. אין א מעמאראנדום צו קאלאנעל האוס האט מילער געווארנט, אז „העדלאם מארלעי האט דורכגעמאכט אן אויסערארדנטלעכע מעטא־מארפאזע, פון דער צייט פון זיין ערשטער דיסקוסיע מיט אים. דעמאלט איז ער געווען אנטי־יידיש און פרא־פויליש געשטימט, איצט אבער האט ער פלוצים געענדערט זיין שטאנדפונקט, און גייט אין זיינע פאדערונגען ווייטער אפילו ווי די יידישע רעפרעזענטאנטן האבן אליין באטראכט פאר יושרדיק. דעם איבערקער שרייבט מילער צו צו א מיטאג־מאלצייט, וואס סיר הערבערט סעמיועל האט געהאט מיט לאיד דזשארדזש.

דער בריטישער דעלעגאציע קומט אויך אנערקענונג פאר די דער־ציערישע פאראגראפן וועגן שפראך און שול, מחמת זיי אליין האבן גע־האט אן ענלעכן פראבלעם אין זייער אייגענעם לאנד. אין בריטישן שול־סיסטעם ווערן די וועלטשישע און צעלטישע לשונות אנערקענט ווי פול־בארעכטיקטע און גלייך מיט דער ענגלישער שפראך. די דערפארונג האט זיי געלערנט, אז „א וועלטשמאן איז נישט ווייניקער ענגלענדער אפילו ווען ער רעדט וועלטש". די ענגלענדער האבן קיינמאל נישט פארבאטן צו באנוצן געליק (צעלטיש) אין סקאטלאנד אדער וועלטש אין וועילס. זיי האבן נישט מורא געהאט אז וועלכע ס׳איז פון די שפראכן וועט ארויס־שטויסן די ענגלישע שפראך(35). געשטיצט אויף דער אייגענער דערפא־רונג, האבן די ענגלענדער איצט ענערגיש אונטערגעשטיצט די יידישע שפראכלעכע פאדערונגען. א דאנק זייער אינטערווענץ איז אנגענומען געווארן אן ענדערונג פון פאראגראף 2 פון ארטיקל 8, אין דעם זין, אז

„אומאָפּהענגיק פון דעם איינפיר פון פּויליש ווי די אָפיציע־לע שפּראַך פון לאַנד, זאָלן געשאַפן ווערן פאַרלייכטערונגען פאַר בירגער פון נישט־פּוילישן לשון, אַז זיי זאָלן קענען באַנוצן זייער לשון אין וואָרט און אין דער שריפט פאַר די געריכטן".

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז מאַרשאַל און מעק, וואָס האָבן נאָך אַלץ גע־טראָגן דעם גרעסטן אחריות אויף זיך, האָבן זיך נישט געלאָזט אַזוי לייכט אָוועקשטופּן פון זייערע פּאָזיציעס. זיי האָבן נאָך אַלץ געהאַט פריינט, און וואָס ס׳איז די הויפּטזאַך, זיי האָבן געהאַט גערעכטיקייט אויף זייער זייט. זיי האָבן נישט אָפּגעלאָזן, נישט מילערן, און נישט הודסאָנען, און נישט האָוסן. מיר לייענען וועגן דעם אין דעם טאָגבוך פון מילער פון מאָנ־טיק דעם 12טן מאַי:

אין דער פרי זענען געקומען ריכטער מעק און מר. מאַרשאַל און איך און הודסאָן האָבן מיט זיי איבערגעקוקט אַלע אַרטיקלען פונעם פאַרגעשלאָגענעם אָפּמאַך פאַר פּוילן.

אויך איצט איז יעדער פאָרשלאַג און יעדע ענדערונג געוואָרן דיסקו־טירט אין די יידישע דעלעגאַציעס.

דעם 15טן מאַי האָבן מעק און מאַרשאַל פאָרגעלייגט מילערן אַ מע־מאָראַנדום וועגן ענדערונגען פון דער פראַזעאָלאָגיע פון די מינדערהייטס־רעכט, באַשטייענדיק דערויף, אַז די יידן פון פּוילן זאָלן אויטאָריזירט ווערן צו אָרגאַניזירן זיך ווי אַ מינדערהייטס־גרופּע אויף עטנישע, רעלי־גיעזע און שפּראַכלעכע יסודות. דאָס האָבן זיי געטענהט, וועט שוין ממילא ברענגען מיט זיך די אנערקענונג פון די פּוילישע יידן ווי אַ לעגאַלע קער־פּערשאַפט, וואָס וועט קאָנען באַשטימען די קאָמיטעטן וואָס זענען פאַר־געזען פאַר דער יידישער דערציאונג. דער מעמאָראַנדום האָט אויך אונ־טערגעשטיצט דעם פאָרשלאַג, אַז די מינאָריטעטן זאָלן זיין פאַרטראָטן אין דער ליגע פון נאַציעס*.

---

* דאָס איז באַקאַנט אַלס דאָקומענט 976 (אין מילערס טאָגבוך באַנד 1), צווישן די אַנדערע אויסבעסערונגען איז דאָ איינער וועלכער פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן. דאָס איז געווען בנוגע אַרטיקל 10. מאַרשאַל און מעק האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז אַר־

אין אַ בריוו צו אַנדרע טאַרדיע, האָט מאַרשאַל געבעטן, אַז ער זאָל אויסנוצן זיין איינפלוס, אַז די מינדערהייטן זאָלן האָבן אַ רעכט אויף אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג.

דערווייל האָט דער „קאָמיטעט פאַר נייע מלוכות“ אָפּגעהאַלטן זיין אַכטע זיצונג דעם 16טן מאַי און זי איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע. די דיסקוסיע האָט זיך געדרייט אַרום פּרינציפּיעלע פראַגן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אויפדאָסניי, דאָס וואָס די לאַטיינער האָבן גערופן (אָנהויבן פון אָנהויב). די פראַגע איז געווען צי דאַרף מען האָבן אין פּוילישן שלום־אָפּמאַך ספּעציעלע פּאַראַגראַפן פאַר יידן גופא, אָדער קאָן מען אפשר באַגנוגענען זיך מיט אַלגעמיינע פּרינציפּן, וואָס זאָלן ממילא חל זיין אויך אויף יידן. דער אַלגעמיינער רעזולטאַט פון דער דיסקוסיע איז געווען, אַז עס נויטיקן זיך טאַקע יאָ ספּעציעלע באַשוץ־פּאַראַגראַפן פאַר יידן, מחמת די יידן, צום אונטערשייד פון אַנדערע קאָמפּאַקטע מינדערהייטן, זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן און די אַלגעמיינע געזעצן וואָס גילטן פאַר אַלעמען, דעקן זיך נישט מיט דער ספּעציעלער לאַגע פון די יידן. אַנדערע אַרגומענטן פאַר ספּעציפישע שוץ־פּאַראַגראַפן זענען געווען די אומשטענדן, וואָס יידן שטעלן מיט זיך פאָר, אי אַ ראַסע, אי אַ רעליגיע; און אויך צוליב דעם, וואָס די אַנטיסעמיטישע סענטימענטן אין פּוילן זענען אַזוי גרויס און עס זענען דאָ גענוג באַווייזן פון אַ טיף איינגעוואָרצלטער „נייגונג פון דער באַפעלקערונג צו אַ גרויזאַמער און בכוונהדיקער מאָראַלישער און פיזישער אונטערדריקונג“. נאָך אַן אַרגומענט פאַר ספּעציפיש יידישע געזעצן איז געווען, אַז אויב מען וואָלט אַלע פאַרזיכערונגען, וואָס יידן דאַרפן האָבן אַריינגעשריפט אין

טיקל 10 וואָס האָט אַ שייכות צו יידן, זאָל, כדי צו דערגרייכן איר כוונה, צוערשט געבן די יידן דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זיך ווי אַ מינדערהייטס־גרופּע אויף די יסודות פון רעליגיע און שפּראַך. דאָס וועט זיי געבן אַ לעגאַלן סטאַטוס. דאַן וואָלט שוין פון זיך אַליין געקומען דאָס רעכט פון דער מינדערהייט צו באַשטימען אַזעלכע קאָמיטעטן אָדער אַגענצן, וואָס וואָלטן געווען קאָמפּעטענט פאַר די שול־פאַרוואַלטונג און אַנדערע דערציאונגס־אַנשטאַלטן... „ענדלעך דערלויבט אונדז צו איבערצייגן אייך וועגן דער נויטווענדיקייט, אַז די ראַסן־שפּראַך און רעליגיע־מינדערהייטן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו אַפּעלירן צום פעלקער־בונד אין פאַל פון אַ פאַרלעצונג פון זייערע רעכט“.

די אַלגעמיינע פּאַרמען, וואָלטן אויך די דייטשן געקאָנט געניסן פון אַזעלכע רעכט און דאָס איז דעמאָלט נישט געווען פּאָפּולער ביי קיינעם.

ביי דער זעלביקער זיצונג איז כמעט ווי אַנטשידן געוואָרן אַז אַנ־דערע וויכטיקע פראַגע. די פאַרטרעטער פון קאָמיטעט זענען נישט געווען שטאַרק באַשאָנקען מיט יידישע סימפּאַטיעס. זיי האָבן געהאַט ווייניק פאַר־שטענדעניש פאַר די „איבערגעטריבענע״ יידישע פאָדערונגען — אפילו פאַר די, וואָס זענען לויטן לעצטן מעמאָראַנדום פון מאַרשאַל, געווען פיל בלאַסער איידער די פריערדיקע פולבלוטיקע תביעות. די אידעע, אַז די יידן אין פוילן זאָלן קריגן די אנערקענונג פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, מיט סעפּאַראַטע נאַציאָנאַלע קוריעס אאַז״וו, איז איינשטימיק אָפּגעוואָרפן גע־וואָרן פונעם „נייע־שטאַטן־קאָמיטעט״.

די באַגרינדונג פון דעם נעגאַטיוון באַשלוס איז געווען די, אַז דאָס וואָלט געשאַפן אַ מין מלוכה אין אַ מלוכה, און וואָלט געקאָנט אונטער־מינירן דעם פוילישן שטאַט. „די אומאָפיציעלע דיסקוסיע פון אייניקע מיט־גלידער אינעם קאָמיטעט האָט באַוויזן, אַז בכלל זענען אַזעלכע ווייטגייענ־דיקע פאָדערונגען גאָר נישט אַזוי נויטיק״. די הויפּט זאַך איז געווען צו שאַפן און גאַראַנטירן דעם נאָרמאַלן באַשוץ פון לעבן און פאַרמעגן און אַן אומפּאַרטייאישע אַדמיניסטראַציע פונעם געזעץ. די וויכטיקייט פאַר יידן צו האָבן קאָנטראָל איבער זייערע שולן איז אנערקענט געוואָרן. עס איז אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק, אַז וואָס מען וואָלט יאָ באַדאַרפט טאָן, איז אַריינברענגען אַ פאַרשלאַג וועגן דערמעגלעכן די פאַרטרעטער־שאַפט פון די מינדערהייטן, אַז זיי זאָלן האָבן אַ דירעקטן צוגאַנג צו דער ליגע פון נאַציעס. די פראַגע איז דאַן דיסקוטירט געוואָרן צי מען זאָל געבן אַזאַ רעכט נאָר די יידן צי אויך אַנדערע מינדערהייטן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל די פראַגע אָפּלייגן אויף דער נאָענטסטער זיצונג, כדי מען זאָל זיך פאַרשטענדיקן מיט אַ פאַרטרעטער פון דער פעלקער־ליגע־קאָ־מיסיע.

זונטיק דעם 19טן מאַי איז — לויט דעם באַריכט פון מילערן — גע־קומען אַ בריוו פון מאָריס האנקעי, סעקרעטאַר פון פירער־ראַט, אַדרעסירט צו בערטעלאָ, פאַרזיצער פונעם קאָמיטעט פאַר נייע מלוכות, וואָס האָט צו

וויסן געטאָן אַז דער פירער־ראַט האָט באַטראַכט דעם צווייטן ראַפּאָרט פון קאָמיטעט און האָט אים באַשטעטיקט(36). דער פירער־ראַט האָט אויך גע־הייסן ווייזן דעם ראַפּאָרט די פּאָליאַקן און הערן זייער מיינונג. דער בריטי־שער דעלעגאַט העדלאַם מאָרלעי האָט ביי דער געלעגנהייט מודיע געווען, אַז דער פירער־ראַט האָט אויך אָנגענומען זיינעם אַ סעפּאַראַטן פּאָרשלאַג וועגן שבת־רו, און ווייל עס טוט אים לייד וואָס קיינער פון דער מערהייט פונעם קאָמיטעט איז דאָרט נישט געווען — האָט ער אָבער פונדעסטוועגן געמוזט פאַרטיידיקן זיין שטאַנדפּונקט און ווי אַ רעזולטאַט פון דעם האָט דער פירער־ראַט באַוויליקט זיין טעזע. מילער שרייבט וועגן אָט דעם „פּאָ־ראַט" לטובת די יידן:

ווען קאָלאָנעל האָוס האָט געהערט וועגן דעם האָט ער אַ זאָג גע־טאָן: „לאָיד דזשאָרדזש האָט זיך פאַרקויפט צו די יידן". צו דעם האָט מילער צוגעגעבן זיין אייגענעם קאָמענטאַר:

איך בין אויך מסכים מיט דעם.

מילער דערציילט ווייטער, אַז ווען מאַרשאַל איז אים געקומען זען האָט ער מאַרשאַלן דערציילט, אַז דער פירער־ראַט האָט אָנגענומען דעם ראַפּאָרט מיטן בריטישן פאָרשלאַג און אַז ער, מילער, באַטראַכט די באַווי־ליקונג פון דעם שבת־רו־פּאַראַגראַף פאַר עפּעס וואָס קען שטעלן אין גע־פאַר דעם גאַנצן שלום־אָפּמאַך אין דעם אַמעריקאַנער סענאַט. דאָס אַמע־ריקאַנער פאָלק, איז לויט זיין מיינונג, גאָר אינגאַנצן קעגן דעם שבת־רו־פאָרשלאַג.

די פאָר נאָטיצן גיבן אַ בילד פון די אינטריגעס און שטימונגען אויף די אונטערשטע און מיטעלערע שטופן פון דער שלום־קאָנפערענץ.

סיירוס אדלער דערציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז דעם זעלבן טאָג האָט ער מיט לואיס שטרויס, וואָס איז געווען הוווערס סעקרעטאַר, און מיס לאוענשטיין, די סעקרעטאַרין פון „דזשאָינט", זיך געטראָפן מיט הערבערט הוווער, וועלכער האָט זיי געוואָרנט, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות מצד די יידן זיך צו פאַרעקשנען דווקא אויף נאַציאָנאַלע רעכט און, אַז זיי דאַרפן זיך קאָנצענטרירן מער אויף פּאָליטישער גלייכ־באַרעכטיקונג און אויף רעליגיעזער פרייהייט. ווי ס'ווייזט אויס האָט הו־

ווער נישט באַדאַרפט שטאַרק זיך אָנשטרענגען כדי זיי צו איבערצייגן!

אָבער די זאַך פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע רעכט פאַר יידן איז שוין געווען סיי ווי סיי אַ פאַרשפּילטע.

מאָנטיק, דעם 21סטן מאַי, געפינען מיר צוויי נאָטיצן אין מילערס טאָגבוך; איינע זאָגט אַז:

> מאַרשאַל איז אַרויפגעקומען און איך האָב אים געגעבן דעם טעקסט פון פּוילישן אָפּמאַך.

די אַנדערע נאָטיץ דערציילט אַז:

> ער, מילער, האָט געקריגן די ידיעה פונעם סעקרעטאַריאַט, אַז ער זאָל אַרויפקומען צו דער זיצונג פונעם פירער־ראַט זייגער 4 נאָכמיטאָג. „הודסאָן און איך זענען אַרויפגעגאַנגען בעת די מינדערהייטס־פראַגע איז דיסקוטירט געוואָרן".

אויף דער זיצונג איז דער פּוילישער שלום־אָפּמאַך אָנגענומען געוואָרן מיט די אַנטשפּרעכנדיקע פאָרמולירונגען פון יידישע און אַלגעמיינע מינדערהייטס־רעכט. די נאַציאָנאַלע רעכט זענען נישט געווען אין די פאָרשלאָגן, און ס'פאַרשטייט זיך, אויך נישט אין פּוילישן אָפּמאַך.

דערווייל האָבן די ידיעות וועגן די שוידערלעכע שחיטות אין פּוילן און אין מזרח־אייראָפּע אויפגעטרייסלט די וועלט. יעדן טאָג זענען געקומען טעלעגראַמעס וועגן נייע גרוילטאָטן. דער קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס האָט אָפּגעדרוקט אַ פּראָטעסט, געחתמעט פון די שפּיצן פון דער פראַנצויזישער ליטעראַרישער און קולטור־געזעלשאַפט. אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין פּאַריז האָט אויפגעטרייסלט דעם אינטערנאַציאָנאַלן עולם. דאָס האָט אויך געוויזן די פּאָליטיקער באַשיינפּערלעך, ווי אומזיכער די יידישע לאַגע איז אין דער וועלט און ווי מען נויטיקט זיך אין שטאַרקערע באַוואָרענישן.

XI

כמאַרעס פאַר זון־אויפגאַנג

— א —

די צעטרייסלטע נערוון פון די יידישע פירער, צוליב די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין פוילן, אוקראַינע און רוסלאַנד, דער יאוש מחמת דער פאַרשימלטער פּאָליטישער סיטואַציע און די סכנה, אַז דער גאַנצער בנין פון די אַזוי שווער־אויפגעבויטע מינדערהייטס־רעכט זאָל חלילה נישט פאַרזונקען ווערן אין דעם ים פון אינטריגעס מצד די קליינע פעלקער, האָבן אונדז אַלעמען שיער נישט געטריבן צו פאַרצווייפלונג. דעם 18טן מאַי האָט ריכטער מעק געמוזט פאַרלאָזן פּאַריז. ער איז אָפּגעפאָרן מיט דער פאַרזיכערונג פון מילערן, אַז די מינדערהייטס־רעכט זענען געזיכערט. אָבער מיר האָבן געוווּסט בעסער און מיר זענען גאָרנישט געווען צופרידן פון מעקס אַוועקפאָר.

דאָס אַלץ האָט אויך גורם געווען אַ שווערן אינערלעכן קריזיס. מען האָט געדאַרפט וויילן אַ נייעם פּרעזידענט פון די יידישע דעלעגאַציעס און דאָס איז אויך נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַט. די ציוניסטן האָבן געוואָלט, אַז נחום סאָקאָלאָוו זאָל פאַרנעמען מעקס אָרט, אַנשטאָט מאַרשאַלן, וואָס איז נישט געווען קיין ציוניסט*, און דערצו האָט ער געהאַט אַ גבאי מיט זיך, סיירוס אדלער, וועלכער האָט אים צומאָל אַראָפּגעפירט פונעם דרך־הישר. שליסלעך האָט מען געמוזט וויילן מאַרשאַלן אַלס פאָר־זיצער, אָבער נישט איידער די זיצונג האָט זיך דערקלערט פאַר דער פּער־

---

* אין אדלערס בוך לייענען מיר, אַז מאַרשאַל האָט זיך באַרימט אַז „בעת ער איז גרייט צו געבן שקלים (אין דער מער־צאָל) איז ער נאָך נישט גרייט צו באַצאָלן דעם שקל". זען אדלערס בוך:

Lectures, Selected Papers, Adresses (1933), ז' 148.

מאַנענץ פון די יידישע דעלעגאַציעס, אַן אידעע וועלכע מאַרשאַל האָט באַקעמפט מיט זיין גאַנצער ענערגיע. סאָקאָלאָוו איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דעם פערמאַנענטן קאָמיטעט פון די דעלעגאַציעס(37).

די ציוניסטן האָבן נישט געהאַט קיין סך צוטרוי צו מאַרשאַלס נאַציאָנאַלער יידישקייט, וועלכע ער האָט פאַרלייקנט. אָבער די צייט איז געווען אַ געשפּאַנטע, די מינדערהייטס־רעכט זענען געהאנגען אויף אַ האָר, צוליב די שטורמישע פּראָטעסטן פון די באַטרעפנדיקע מלוכות; די אומצופרידנקייט פון די „קליינע מלוכות״ האָט געפּלאַצט ווי אַ באָמבע אויף דער זיצונג פון דער פולער שלום־קאָנפערענץ דעם 31סטן מאַי. דער „רעוואָלט פון די קליינע פעלקער״, איבער וועלכן די צייטונגען האָבן זיך שפּעטער אַזוי ברייט צעשריבן, איז נישט געווען עלול צו פאַרבעסערן אונדזער געמיט־צושטאַנד. אָבער וועגן דעם — שפּעטער.

ווי מיר קענען זיך אָנשטויסן פון דעם אויבן־געזאָגטן, איז מאַרשאַל נישט געווען קיין גליקלעכער מענטש אין יענע טעג. אומעטום, ווו ער האָט געוואָלט עפּעס דערגרייכן איז עס אים נישט געלונגען. ער האָט געשריבן מעמאָראַנדומס, געזען זיך מיט אַלערליי פאַרטרעטער און אַפילו זיך געווענדעט מיט אַ פּערזענלעכן בריוו צו ווילסאָנען, — אָבער קיין גרויסן נחת האָט ער נישט געקליבן פון די אַלע אינטערווענצן. ס׳איז געווען קלאָר אַז דער איינציקער, וואָס וואָלט געקענט אָפּווענדן דעם גזר־דין איז געווען פּרעזידענט ווילסאָן. די פראַגע איז געווען: ווי אַזוי קומט מען צו צו ווילסאָנען, אַז ווילסאָן אַליין האָט געשוויצט אין אַ הייסע מקווה פון אינטריגעס און פיינטלעכע אַטאַקעס אויף אים. ביידע, מאַרשאַל און אדלער, האָבן געזוכט אַלע מעגלעכע פּראָטעקציעס פון בעלי־שם, וואָס וואָלטן אפשר געקענט עפענען די טיר צו זיין קאַנצעלאַריע. אָבער אַפּנים אַז ס׳האָט זיך גאָרנישט איינגעגעבן. אינמיטן דרינגען זעענען אָנגעקומען דעפּעשעס פון אַמעריקע וועגן דער גרויסער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרטן אין ניו־יאָרק קעגן די פּאָגראָמען אין פּוילן און דאָ איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין ידיעה וועגן אַן אוידיענץ מיט ווילסאָנען. זענען די צוויי אַמעריקאַנער געפאַלן אויף אַן איינפאַכער אַמעריקאַנער המצאה: פשוט געכאַפּט דעם טעלעפאָן און אָנ־

געקלונגען אין דעם פּרעזידענטס וווינונג. דער פּרעזידענט האָט זיי געענט־פערט דורכן טעלעפאָן, און דעם נאָענטסטן טאָג, דעם 26סטן מאַי 1919, 2.15 אַזייגער, האָבן מאַרשאַל און אדלער געהאַט אַ האַלב־שעהדיקע אויַ־דיענץ ביי ווילסאָנען*.

ווי אדלער גיט איבער אין זיינע מעמואַרן האָט מאַרשאַל אָנגעהויבן דעם שמועס מיט דעם תמצית פון דער דעפּעשע וועגן דעם מאַסן־פּראָ־טעסט אין ניו־יאָרק קעגן די שחיטות אין נייעם פּוילן און אין אַנדערע טיילן פון מזרח־אייראָפּע. מיר ציטירן די היסטאָרישע באַגעגעניש פון אדלערס זכרונות(38):

מיר האָבן אים פאָרגעלייגט די באַריכטן וועגן די פּאָגראָמען און די דעמאָנסטראַציעס קעגן זיי און האָבן פאַר אים אָנטפּלעקט געוויסע דעטאַלן וועגן די פּינסקער און ווילנער שחיטות, ביז דער פּרעזידענט האָט זיך אָנגעהויבן בעטן, אַז ער קאָן מער נישט צו־הערן זיך צו די דעטאַלן וועגן די גרויליקע ליידן... דער פּרעזי־דענט האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער האָט דעם טיפסטן מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש פאַר ראַסן־רעליגיעזע און שפּראַכן־רעכט פאַר די מינדערהייטן, אָבער ער האָט מורא, אַז די תביעות פון נאַציאָ־נאַלע רעכט וואָלטן פאַרפעלט די אייגנטלעכע כוונה פון די וואָס שטעלן אַזעלכע פאָדערונגען און וואָלטן להיפוך אָוועקגעשטעלט די באַטרעפנדיקע מינדערהייטס־גרופּע ווי באַזונדערע געזעלשאַפט־לעכע קערפּערשאַפטן און אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט זיי אין אַ ציל־

---

* ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די אוידיענץ איז נישט געווען קיין צופעליקע. נאָכן גרויסן פּראָטעסט־מיטינג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרטן אין ניו־יאָרק, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 21סטן מאַי 1919, און אין וועלכער טשאַרלעס ע. היוס — דער גע־וועזענער רעפּובליקאַנער פּרעזידענטן־קאַנדידאַט און ווילסאָנס קאָנקורענט איז געווען דער הויפּט־רעדנער, האָט ווילסאָן גוט געוווסט, וואָס פאַר אַ שטורעם פון פּראָ־טעסטן ס'האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. מאַרשאַל האָט אויך באַנוצט דעם מאָמענט כדי צו „אינפאָרמירן” דעם פּרעזידענט וועגן דער שטימונג אין לאַנד און וועגן די אוממענטשלעכע פאַרפאָלגונגען קעגן די יידן.

ברעט פון קנאה און אַנגריף. ער האָט אויך אויסגעדריקט זיין הסכמה מיטן פאַרלאַנג פון שבת־רו...

מיר האָבן דאָן דיסקוטירט וועגן דעם רעכט פון די מינדערהייטן, אַז זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו פּראָטעסטירן צום פעלקער־בונד, אין אַ פאַל ווען ס'וועט פּאַרקומען אַ ברוך פון זייערע רעכט. דער פּרעזידענט האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע און דערקלערט די מאָטיוון צוליב וועלכע, לויט זיין מיינונג, אזא זאַך וואָלט נישט געווען אין די אינטערעסן פון די מינדערהייטן גופא, אַז זיי אַליין זאָלן אריינברענגען אזא פּראָטעסט; און אין אמתן, וואָלטן זיי אַליין במילא נישט געקאָנט דאָס טאָן, אויסער, ווען זיי זאָלן אָנערקענט ווערן אַלס קאָרפּאָראַטיווע (נאַציאָנאַלע) איינהייטן, וואָס ער באַטראַכט ווי שוין גאָרנישט פּראַקטיש.

וואָס נוגע די יידן, דאַכט זיך אים, אַז די יידן אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע וועלן במילא האַלטן וואַך איבער די יידישע אינטערעסן אין מזרח־איירופּע און אויב עס וועלן פּאַרקומען וועלכע ס'איז פּאַרלעצונגען פון דעם מינדערהייטס־אָפּמאַך, וועלן זיי דאָס קאָנען ברענגען צו קענטעניש פאַר זייערע (אַמעריקאַנער אָדער ענגלישע) רעגירונגען און דורך זיי — צו דער ליגע פון נאַציעס. „דערויף האָב איך (אדלער) אָפּאָנירט אַז די מזרח־יידן אין איירופּע ווילן נישט זיין אָנגעוויזן אויף זייערע ברידער אין מערב־איירופּע און וואָלטן בעסער געוואָלט האָבן די מעגלעכקייט צו שטיין אויף די אייגענע פיס אין דער פראַגע פון אָפּהיטן זייערע רעכט פונעם אָפּמאַך". דער פּרעזידענט האָט געענטפערט, אַז ער פאַרשטייט דעם שטאַנדפּונקט, אָבער ער פילט נאָך אַלץ, אַז עס איז נישט פּראַקטיש צו קריגן סעפּאַראַטע רעכט, אָדער דאָס רעכט פון אַ מינדערהייט צו פּראָטעסטירן קעגן איר אייגענער רעגירונג. ער האָט צוגעגעבן, אַז אויב ווייניקסטנס אזא רעכט וואָלט געקאָנט רעזערווירט ווערן נאָר פאַר די יידן אַליין — וואָלט ער אפשר גערן מסכים געווען; אָבער אַזוי ווי דאָס זעלבע רעכט וואָלט געמוזט גע־

געבן ווערן אַלע אַנדערע מינדערהייטן, ווי צום ביישפּיל די דייטשן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָלט די גאַנצע פּאָליטישע גרונטלאַגע עלול געווען צו ברענגען שאָדן. אַלס אַ קריסט, האָט ער ווייטער געזאָגט, פילט ער אַליין ווי שטאַרק דאָס קריסטנטום האָט באַ־עוולט די יידן, און אַז גאָרנישט וואָלט נישט געווען צופיל, כדי צו פאַררעכטן די עוולה. ביי דעם פּונקט האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און אַ פרעג געטאָן: „ד״ר אדלער, איך האָב ערשט געלייענט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַז ס׳זענען דאָ נישט מער ווי 15 מיליאָן יידן אויף דער וועלט". — ער האָט עס געזאָגט אין אַ טאָן גלייך ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגן, אַז ער האָט פריער געדענקט, אַז ס׳זענען כאָטש דאָ 300 מיליאָן.

אַחוץ וואָס דער חכמדיקער אדלער האָט נישט אָנגעהויבן פאַרשטיין די פיינע ווילסאָנישע איראָניע, וואָס האָט געשטעקט אין דער פראַגע — ווי איינער זאָגט: לויט דעם טומל וואָס די יידן מאַכן אָן אין דער וועלט, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז עס איז דאָ אַ וועלט מיט יידן", — איז קלאָר פון דעם צוזאַמענטרעף, ווי ווייט ווילסאָן איז געווען גרייט צו גיין און ווי ווייניק שאַנסן ס׳האָבן געהאַט אַלע איבעריקע נאַציאָנאַלע פאָדע־רונגען.

— ב —

אָבער איידער מיר קומען צום ווייטערדיקן גורל פון די יידישע פאָ־דערונגען וועלן מיר אַ בליק טאָן הינטער די קוליסן פונעם „קליינעם טעאַ־טער", קליין אין פאַרגלייך מיט ווילסאָנס ראָלע, נעמלעך אין דעם „קאָ־מיטעט פאַר נייע שטאַטן". ווייל כאָטש ווילסאָן האָט שוין געהאַט אַ קלאָ־רע אידעע, פאַרוואָס ער איז יאָ, און וואָס ער וויל נישט — האָט אָבער דער קאָמיטעט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין שטודירן פאַרשידענע פּראָ־יעקטן. איינער פון זיי איז געווען טאַקע דאָס זעלביקע פּראָבלעם פון די מינדערהייטס־קאָמפּעטענצן לגבי דער ליגע.

אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט, דעם 27סטן מאַי, איז באַשלאָסן גע־

וואָרן איינצולאַדן לאָרד ראָבערט סיסל, ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם צוגאַנג פון די מינדערהייטן צו דער ליגע פון נאַציעס.

ביי דער זיצונג פונעם 29סטן, ביי וועלכער עס זענען געווען אַנ־וועזנד דער פּאָרזיצער בערטעלאָ, העדלאַם־מאָרלעי, הודסאָן (אַנשטאָט מילער, וועלכער איז אין צווישן אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע כדי צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פעלקער־ליגע, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקער אָפּאָזיציע אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס), דע מאַרטינאָ, האַנ־קעי (סעקרעטאַר פונעם פירער־ראַט), אַדאַטשי (יאַפּאַן) און לאָרד ראָ־בערט סיסל, דער סעקרעטאַר פון דעם פעלקער־ליגע־קאָמיטעט. אַנוועזנד זענען אויך געווען די פאַרשידענע סעקרעטאַרן פון קאָמיטעט.

סיר ראָבערט סיסל איז געגאַנגען ווייטער פון אַלע מיט זיין פאָר־שלאָג, ווי אַזוי צו באַשיצן די מינדערהייטן. לויט אים האָבן אַפילו יחי־דים באַדאַרפט האָבן דאָס רעכט אַריינצוברענגען אַ פּראָטעסט צום העכ־סטן געריכט פון דער ליגע. דער פאָרשלאָג איז פּראָוויזאָריש אָנגענומען געוואָרן, כאָטש עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן ספיקות צי דאָס רעכט פון פּראָטעסט קאָן אַזוי ווייט אויסגעטייטשט ווערן. אין דעם זין האָט לאָרד סיסל פאָרגעשלאָגן דעם פאָלגנדיקן צוגאָב צום אַרטיקל 14 פון פּוילישן שלום־אָפּמאַך:

> די פּוילישע רעגירונג איז ווייטער מסכים, אַז ווי נאָר עס וועט איינגעשטעלט ווערן דער פּערמאַנענטער געריכט פאַר אינ־טערנאַציאָנאַלער יוסטיץ און וועט האָבן עטאַבלירט געוואָרן די נייטיקע פּראָצעדור, זאָל יעדער פּוילישער בירגער, אָדער גרופּע פון בירגער, וואָס וועט זיך פילן פאַרלעצט דורך דעם פאַרפעל אויסצופירן וועלכע ס׳זאָל נישט זיין פאָראָרדענונגען פון די פריער דערמאָנטע אַרטיקלען, האָבן די מעגלעכקייט צו אַפּעלירן צום פּערמאַנענטן געריכט, וועלכער וועט אַרויסגעבן אַזאַ אורטייל, ווי ער וועט עס געפינען פאַר ריכטיק. דער אורטייל פונעם געריכט דאַרף זיין אַן ענדגילטיקער, און וועט האָבן די זעלבע קראַפט ווי אַן אַרטיקל פונעם קאָווענאַנט (פעלקער־ליגע אָפּמאַך).

אָבער סיסלס שטים איז געווען אַ קול קורא במדבר.

דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער האָט צוגעשיקט אַ מעמאָראַנדום צו ווילסאָנען אין וועלכן ער האָט אים געגעבן צו וויסן, וועגן לאָרד ראָבערט סיסלס ווייטגייענדיקן פאָרשלאַג, און ער האָט צוגעגעבן צום מעמאָראַנדום זיין אייגענעם קאָמענטאַר. אויך דער ענגלענדער העדלאַם־מארלעי האָט באַטאָנט, אַז קיינער קאָן נישט ברענגען קיין אָנקלאַגעס קעגן אַ מלוכה אַ חוץ אַ צווייטער מלוכה; און דער פראַנצויז בערטעלאָ האָט גאָר אינגאַנצן געלייקנט, אַז מען זאָל קענען ברענגען קלאַגעס צום פּערמאַנענטן געריכט, אויסער דורך דער פאַרמיטלונג פונעם ראַט פון דער ליגע.

דעם 1טן יוני האָט בערטעלאָ צווויסן געגעבן סיר ראָבערט סיסל וועגן דער אָפּאָזיציע צו זיין פאָרשלאַג און אים פאָרגעלייגט זיין אייגענע ווערסיע, לויט וועלכער יחידים און קאָמיטעטן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו ברענגען זייערע קריוודעס צו דער אויפמערקזאַמקייט פון אַ מיטגליד פונעם ליגע־ראַט. דאַרויף האָט לאָרד סיסל מאָדיפיצירט זיין אָריגינעלן פאָרשלאַג און געגעבן אַ נייעם נוסח, לויט וועלכן „יעדער פוילישער בירגער אָדער גרופּע פון בירגערס, וואָס ווערן דערמאָנט אין פריערדיקן אַרטיקל (עטנישע, רעליגיעזע און לינגוויסטישע), זאָלן האָבן דאָס רעכט צו אַפּעלירן צום געריכט". אין דער זיצונג פון 3טן יוני האָט זיך העדלאַם־מארלעי אָנגעשלאָסן אָן בערטעלאָס פאָרשלאַג און אַזוי ווי ס'איז נישט געווען צווישן דער חברה דיפּלאָמאַטן קיין אייניקייט, האָט מען די אַנטשיידונג איבערגעלאָזט פאַרן פירער־ראַט.

איידער דער פירער־ראַט האָט אָנגענומען אַ דעציזיע האָט ער זיך באַראָטן מיט די דעלעגאַטן פון פוילן, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע, יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד באַשלאָסן, אַז דאָס רעכט צו ברענגען אַזעלכע פאַרלעצונגען פון דעם אָפּמאַך פאַר דער ליגע זאָל זיין באַשרענקט נאָר אויף די מיטגלידער פונעם ראַט פון דער ליגע און דאָס רעכט פון אַפּעלאַציע צום פּערמאַנענטן געריכט זאָל ליגן אין דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פון די שטאַטן.

אָט אַזוי האָט דער ענגערער פראַנצויזישער פאָרשלאַג געוווּנען איבער לאָרד סעסילס ברייטן פאַרנעם פון מינאָריטעטן־שוץ.

ווי מיר וועלן שפּעטער דערקלערן, איז דאָס טאַקע געווען די אכילעס־פּיאַטע פון דעם גאַנצן געבוי פון דער מינדערהייטן־פאַרטיידיקונג.

XII

דער פּראָטעסט פון די קליינע מלוכות

— א —

דערווייל לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז שוין געווען אָנהויב יוני און די זון פון די שלום־פאַרהאַנדלונגען האָט זיך אָנגעהייבן זעצן. עס איז געווען אַ גרויסע היץ. פּאַריז איז געווען אויך קלימאַטיש הייס אין דעם יוני — אָבער יעדן טאָג האָט געשיינט ווייניקער ליכט. אויף אַ פּאָר פון די סיבות, וואָס האָבן געשאַפן אַן אַטמאָספער פון יאוש און ציניש־קייט האָבן מיר פריער שוין אָנגעוויזן. אָבער נישט קיין קליינעם איינ־פלוס אויף די ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען האָט אויך געהאַט די אָפּאָזי־ציע מצד די קליינע שטאַטן און זייער חוצפּהדיקע דרייסטקייט. וואָס לעב־גער די שלום־פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרשלעפּט אַלץ נידעריקער איז געפאַלן די מורא פאַרן אַמעריקאַנער איינפלוס און מער פאַר אַלעמען האָט געווירקט דערצו די וואַקסנדיקע אָפּאָזיציע צו ווילסאָנען אין די פאַרייניקטע שטאַטן. נאָר אין אָט דעם ליכט פון ירידה קאָן מען פאַרשטיין דעם שוין דערמאָנטן „רעוואָלט פון די קליינע פעלקער" צוליב דעם מינ־דערהייטן־פאַרשלאַג. דאָס איז געווען איינע פון די סענסאַציאָנעלסטע פאַרקומענישן ביי דער שלום־קאָנפערענץ און די פּרעסע האָט געמאַכט אַ גאַנצן צימעס דערפון. און אַזוי ווי דער אינצידענט האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער פאַרמירונג פון אונדזערע רעכט, וועלן מיר זיך אַביסל לענגער אויף אים אָפּשטעלן.

דעם 21סטן מאַי האָט דער פירער־ראַט פּראָוויזאָריש אָנגענומען די מינדערהייטן־פאַרשלאַגן און גוטגעהייסן דעם פּוילישן אָפּמאַך, וואָס האָט

אָנטהאַלטן די פאַרשלאָגן. קאָפּיעס פון די דאָקומענטן זײַנען צוגעשטעלט געוואָרן צו די באַטרעפנדיקע מלוכות, און דעם 31סטן מאַי איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פּלענאַרע זיצונג פון דער שלום־קאָנפערענץ, אין וועלכער אויך די קליינע מלוכות האָבן, ווי באַקאַנט, געהאַט זייערע פאָרטרעטער(39).

שוין פון אָנהויב אָן האָבן זיך באַוויזן צייכנס פון אַ שטורעם. די פּנימער זײַנען געווען ערנסט, פאַרכמורעט, די שטערנס פאַרקנייטשט און די אויגן אומפּרייַנדלעך. פון אונטער די צעבושעוועטע ברעמען פון פּאַדערעווסקי, בראַטיאַנו און אַנדערע האָבן אַפּירגעקוקט פײַנטלעכע בליקן. אַפילו דער פוקסישער גריך, וועניצעלאָס, האָט דאָס מאָל נישט געטראָגן זײַן כיטרע שמייכל אויף די ליפּן. און באַלד איז דער שטורעם אויסגעבראָכן. עס האָט זיך געלאָזט הערן די שטים פון דעם רומענישן פּירער בראַטיאַנו: „וואָס מיינען עס עפּעס די גרויסע מלוכות? איז דאָס אַ דיקטאַטור פון די גרויסמאַכטן אָדער אַ שלום־קאָנפערענץ? רומעניע איז אַן אַלטע מלוכה, וואָס האָט נישט אָנגעהויבן איר אומאָפּהענגיקייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און קיינער האָט נישט קיין רעכט זיך אַרײַנמישן אין אירע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן.“

מיט זײַן מעלאָדישן קול און מיט אַ מער מערבדיקן קולטור־לאַקיר האָט געגערעדט אין אַ געקרייזלטן טענאָר דער פּיאַניסט־פּרעמיער, איגנאַצי פּאַדערעווסקי. ער האָט געזאָגט, אַז היות פּוילן איז גרייט צו געבן אַלעמען די זעלביקע רעכט ווי די מערב־מלוכות, איז דאָס אָבער גאָרנישט גערעכט, אַז מען זאָל פון פּוילן פאַרלאַנגען עפּעס אַזוינס, וואָס די גרויסמאַכטן וואָלטן נישט סובל געווען אין זייערע אייגענע לענדער.

דער טשעכאָסלאָוואַקישער דעלעגאַט קראַמאַרזש האָט פּראָטעסטירט קעגן די דיקטאַטאָרישע מעטאָדן פון די גרויסמאַכטן, און פאָרגעשלאָגן אַז דער פאַרטראַג זאָל פאַרהאַנדלט ווערן סעפּאַראַט צווישן זײַן אייגענער רעגירונג און די גרויסע מלוכות.

דער סערב טרומביטש האָט פאַרלאַנגט, אַז דער מינדערהייטן־אָפּמאַך זאָל זיך באַציען נאָר אויף די טעריטאָריעס פון דער צעפאַלענער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, וואָס ווערן איבערגעטראָגן צו די

נייע יוריסדיקציעס. און דער אַלטער וועניצעלאָס האָט, אין אַ סאַרקאַס־טישער רעדע, פאַרלאַנגט אַז דער העכסטער ראַט זאָל פאַרהאַנדלען מיט יעדן שטאַט באַזונדער. ער איז געווען זיכער, אַז אַרום אַ רונדן טיש וואָלט מען געקענט גיכער קומען צו אַן אויסגלייך.

אין דער גערייצטער אויפגעברויזטער אַטמאָספער, פול מיט אָראַטאָרישן דינאַמיט, האָט די רואיקע, געזעצטע האַלטונג פון פרעזידענט ווילסאָן געטורעמט איבער אַלעמענס צעהיצטע קעפּ. זיין ווייכע וויברירנדע שטים האָט אַ בלאָז געטאָן, ווי אַ פרישער לופט־צוג אין אַ הייסן זומער־טאָג און צוריק איינגעשטעלט די געהעריקע טעמפּעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ געניטער רבי, וואָס צוימט מיטן טייטל די צעבונטעוועטע ווייסע חברהניקעס אין חדר. ער האָט זיי דערמאָנט, אַט די מויל־מאַכערישע דיפּלאָמאַטן, וו ע ר עס איז געווען דער יעניקער וואָס האָט געוווּנען די מלחמה — און אַז די אמתע זיגערס טראָגן אויף זייערע פּלייצעס די גרעסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן שלום. אונטער די אומשטענדן איז דאָס שוין גאָרנישט אַזוי אומגערעכט, האָט ער אַרגומענטירט, אַז די גרויסמאַכטן, נישט חלילה ווי דיקטאַטאָרן, נייערט אַלס פריינד, זאָלן זאָגן צו זייערע פריינד: מיר קענען זיך נישט דערלויבן צו גאַראַנטירן טעריטאָריאַלע אָפּמאַכן, וועלכע מיר גלויבן נישט אַז זיי זענען גערעכט און מיר קענען נישט מסכים זיין איבערצולאָזן עלעמענטן פון מעגלעכע אומרוען להבא, וועלכע מיר גלויבן, אַז זיי שטעלן אין סכנה דעם שלום אין דער וועלט...

„—...נעמט די פראַגע פון די מינדערהייטן! גאָרנישט, דערלויב איך מיר צו זאָגן, איז מער עלול צו שטערן דעם שלום פון דער וועלט ווי די באַהאַנדלונג, וועלכע וואָלט אונטער געוויסע אומשטענדן, געקאָנט קווּלען די מינאָריטעטן..."

„זעט מר. בראַטיאַנו — און איך רעד וועגן זיינע אָבסערוואַציעס מיטן גרעסטן רעספּעקט — איר האָט אָנגעדייט, אַז מיר טאָרן נישט, אַזוי צו זאָגן, פאַרלעצן די סוווערעניטעט פון רומעניע, וואָס איז, אמת, אַן אַלטער שטאַט און מיר טאָרן נישט פאַרשרייבן געוויסע באַדינגונגען פאַר די רעכט פון מינדערהייטן..."

„איך בעט מיין פריינד קראַמאַרזש, מיין פריינד טרומביטש צו גלויבן, אַז אויב מיר זאָלן פילן, אַז ס׳וואָלט געווען בעסער, אַז מיר זאָלן אויסלאָזן געוויסע ווערטער פון וועלכע זיי וואָלטן געוואָלט פטור ווערן, וואָלטן מיר עס געטאָן און אויב מיר טוען דאָס נישט איז דאָס נישט צוליב דעם חלילה, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אייך עפּעס אומגערעכטע זאַכן, נאָר ווייל מיר ווילן, אַז דער שלום־אָפּמאַך זאָל אונדז געבן דאָס רעכט צו באַשאַפן אַזעלכע תנאים, וואָס זאָלן זיכער מאַכן דעם שלום...״

ווילסאָן האָט אויך דערמאָנטביידע, אי בראַטיאַנו אי טרומביטשן, אַז כאָטש זיי זענען אַלטע מדינות, קריגן זיי איצט אָבער אַ היפּש ביסל טעריטאָריע, וואָס איז נישט געווען זייערע און זיי מוזן אויף זיך נעמען דעם עול איינאיינעם מיט דעם גאָב...

דער איינציקער וואָס האָט געהאַט גענוג חוצפה צו ענטפערן ביידע, אי קלעמאַנסאָ* וואָס האָט גערעדט פאַר ווילסאָנען, אי ווילסאָנען אַליין, איז געווען בראַטיאַנו. „רומעניע״ — האָט ער זיך איינגעשפּאַרט — „איז גרייט צו טאָן איר חוב גלייך מיט אַלע אַנדערע מלוכות און ער וואָלט אַפילו געוועזן פאַרן איינשלוס פון אַ ספּעציעלן פּונקט צו זיכערן די רעלי־גיעזע פרייהייט אין דעם ליגע־קאָווענאַנט״. אָבער מישן זיך אין די אי־נערלעכע ענינים פון אַ פרעמדן שטאַט וועט זיכער נישט פירן צו אַ באַ־רואיקונג פון די פעלקער פון דער וועלט.

אָבער דאָס איז שוין געווען נישט מער ווי רויך נאָך אַ פייער. די אַטמאָספער האָט זיך אַביסל אָפּגעקילט. אָבער די פראַגע איז אַלץ נאָך געבליבן אַ הייסע.

די פּוילישע דעלעגאַציע האָט געקריגן אַ קאָפּיע פונעם פאַרטראַג דעם 22סטן מאַי. און דעם זעלביקן טאָג האָט דער פראַנצויזישער אויי־סערן־מיניסטער געשיקט אַ קאָפּיע קיין וואַרשע, מיט דער ביטע, אַז די

---

* קלעמאַנסאָס ווערשטער ענטפער אַלס פּרעזיצער פון דער זיצונג איז געווען, אַז עס פרייט אים צו הערן אַז „מר. בראַטיאַנוס מיינונג איז ענלעך צו אונדזערע״, אָבער וואָס מיר וואָלטן געוואָלט אויסגעפינען איז צי אין ליכט פון דער „געשיכט־לעכער דערפאַרונג (מיט רומעניע), וואָלט עס נישט געווען נייטיק צו געבן דערגענצ־דיקע הבטחות פון אַ מער קאָמפּלעטער נאַטור...״ (פּראָטאָקאָל נר. 8).

וואַרשעווער רעגירונג זאָל צושיקן אירע קאָמענטאַרן. קיין אָפיציעלער ענטפער איז נישט געקומען ביז אין מיטן יוני. און ווען דער ענטפער איז שוין יאָ אָנגעקומען, האָט ער אַפילו נישט געפּרווט אַנאַליזירן אָדער פּאָ־לעמיזירן די איינצלנע פּונקטן פונעם אָפּמאַך, נאָר איינפאַך אָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן פּרינציפּ פון מינדערהייטן־רעכט ווי אַן אומגעלומפערטן אַריינמיש אין די אינערלעכע ענינים פון דער פּוילישער מלוכה. אין דעם בריוו צום העכסטן ראַט האָט פּאַדערעווסקי געשריבן צווישן אַנדערע טענות:

מיר מוזן באַמערקן מיט באַדויער, אַז די באַציאונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג אין פּוילן זענען לעצטנס געוואָרן געשפּאַנטע. פאַר די, וועמען די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פראַגע אין פּוילן איז נישט אומבאַקאַנט, מוז דאָס זיין אַן איבערראַשנדיקע דערשיינונג. דעם איצטיקן סיכסוך האָט גורם געווען די שטעלונג, וואָס די יידן האָבן איצט אָנגענומען. באַטראַכטנדיק די פּוילישע זאַך ווי אַ פאַרלוירענע, האָבן זיי זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פּוילנס שונאים. אַזאַ פּאָליטיק פון די יידן האָט אַרויסגערופן אַ שינוי אין דער עפנטלעכער מיינונג צו זייער אייגענעם שאָדן. ער גלייבט אָבער, האָט ער ווייטער אויס־געפירט, אַז די מדינה איז איצטער גענוג שטאַרק פאַרפונדעוועט, און אַז די אַטמאָספער וועט באַלד ווידער ווערן אַ נאָרמאַלע.

נאָך דעם אַלגעמיינעם פּראָטעסט קעגן שטעלן אין שאָטן די פּוילישע סוווערעניטעט — שרייבט ווייטער פּאַדערעווסקי — אין באַצוג צום פּאַראַגראַף 13 און 14 פונעם פאָרגעשלאָגענעם אָפּ־מאַך זעט מען, אַז מען באַטראַכט נאָך אַלץ פּוילן ווי אַן אומה וואָס שטייט אויף אַ נידעריקן שטאַפּל פון ציוויליזאַציע, ווי אַ מדינה וואָס איז נישט פעאיק אַליין צו געבן גענוג פאַרזיכערונג פון רעכט און פרייהייט פאַר אַלע אירע בירגער. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די סטיפּולירונגען וואָס ווערן פאָרגעשלאָגן וועגן די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג — וועלכע, בדרך אגב, בעת זי בלייבט פאַרבונדן מיט איר רעליגיע, באַטראַכט זי זיך פאַרט ווי

אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט און איז אַנגסטיק באַמיט צו פאַרמיידן קאָנפליקטן מיט די פּאָליאַקן — זענען גאָר אינגאַנצן אומגעווונטשענע.

אַזוי ווי פּאַדערעווסקיס בריוו האָט נישט פאָרגעשלאָגן קיין ספּעציפישע ענדערונגען, אויסער דעם וואָס ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן צוגאַנג צום פּראָבלעם, האָט דער קאָמיטעט פאַר נייע שטאַטן זיך אָפּגעזאָגט צו באַטראַכטן וועלכע ס'איז ענדערונגען אין דעם אָריגינאַלן טעקסט. אָבער דער העכסטער ראַט האָט פונדעסטוועגן איבערגעוויזן דעם בריוו צום רעדאַקציע־קאָמיטעט, כּדי צו אונטערזוכן, ווי ווייט ס'קאָנען געמאַכט ווערן ענדערונגען, וואָס זאָלן צופרידנשטעלן געוויסע תּביעות פון די פּאָליאַקן.

בראַטיאַנו האָט, נאָך מיט אַ וואָך פריער, צוגעשיקט אַ חוצפּהדיקן בריוו צו ווילסאָנען, אין וועלכן ער האָט געוואָרנט, אַז אַזוי ווי די פרעמדע אינטערווענץ ביים בערלינער קאָנגרעס אין יאָר 1878 האָט זיך אַרויסגעוויזן פּרוכטלאָז צוליב דעם, וואָס דאָס רומענישע פאָלק האָט נישט אַקצעפּטירט דעם דיקטאַט פון דרויסן, אַזוי וועט אויך דער איצטיקער פאָרשלאָג נישט האָבן קיין מזל, און קאָן נאָך ברענגען צו אַ סכּנה.

און בשעת דעם גאַנצן טאַראַראַם זענען די יידן, וועמענס גאַנצע זאַך האָט זיך ווידער אַמאָל אַרויסגעוויזן אַזוי שוועבנדיק, געווען טיף פאַרזאָרגט.

— ב —

אין אַנהויב האָבן די יידישע פאַרטרעטער גאָרנישט געוווּסט וואָס אַזוינס ס'איז פאָרגעקומען אין פּלענום פון דער שלום־קאָנפערענץ דעם 31סטן מאַי. די שמועות און אומקאָנטראָלירטע ידיעות זענען געווײנלעך מער באַאומרואיקנדיק איידער דער נאָקעטער אמת. דעם 3טן יוני האָבן מאַרשאַל און אדלער באַזוכט קאָלאָנעל האַוס, כּדי ביי אים אויסצופרעגן, וואָס דאָ קומט אייגנטלעך פאָר. האַוס האָט זיי פאַרזיכערט, אַז זיי קענען זיין רואיק, מחמת קלעמאַנסאָ און ווילסאָן האַלטן די זאַך פעסט אין האַנט.

מיר ווייסן, אַז האַוס האָט אָפט געשפּילט אַ צוויי־פּנימדיקע ראָל בנוגע די יידן. ער האָט אַרויסגעוויזן מער סימפּאַטיע פאַר די פּאָליאַקן איידער פאַר די יידן. ווי מילער באַמערקט אין זיין טאָגבוך: „האַוס האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט באַליידיקן די פּאָליאַקן, מחמת ער לייגט מער געוויכט אויף די פּאָליאַקן איידער אויף די יידן".

איך ווייס נישט צי מאַרשאַל האָט געהאַט דעם פּולן בטחון צו האַוסן. עס ווייזט אויס אַז יאָ. פונדעסטוועגן האָט ער נישט גערוט און אין די נאָענטסטע פערצן טעג האָט ער פאַרגעלייגט אַלץ נייע אויסבע־סערונגען צו דעם קאָמיטעט פאַר נייע שטאַטן, צו וועלכע דער נייער פאַרטרעטער פּראָפעסאָר הודסאָן האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך פריינדלע־כער פון מילערן. פון די נייע פאַרבעסערונגען און פאָרמולעס, וועלכע מאַרשאַל האָט פאָרגעלייגט, אין נאָמען פון קאָמיטעט פון די יידישע דע־לעגאַציעס, איז אַרויסגעקומען אַרטיקל 1 און 12 פונעם ענדגילטיקן פּוילישן אָפּמאַך (כדי נישט איבערחזרן צופיל, וועלן מיר שפּעטער אי־בערגעבן די פּונקטן פון דעם פּוילישן אָפּמאַך אין זיין ענדגילטיקער פאָרם).

וואָס לענגער ס'האָט געדויערט דער פּראָצעס פון „פאַרבעסערן" דעם שלום־אָפּמאַך, אַלץ קלאָרער איז געוועז, אַז כדי צו באַרואיקן די אָפּאָזי־ציע פון די קליינע לענדער וועלן געגעבן ווערן ווייטערע הנחות פאַר זיי, און דאָס טאַקע האָט קיינעם נישט געלאָזט רוען. אין אַ בריוו, וואָס מאַר־שאַל האָט געשיקט צו פּרעזידענט ווילסאָן, דעם 21סטן יוני 1919, בעט ער, אַז די גאַראַנטיעס אין אָפּמאַך זאָלן נישט אָפּגעמעקט אָדער פאַר־מינערט ווערן. ער בעט דעם פּרעזידענט — שרייבט מאַרשאַל — ער זאָל אים מוחל זיין פאַר זיין שרעקעוודיקייט, ווייל „מיט דער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט וואָס ליגט אויף מיר ווי אַ פאָרזיצער פון די יידישע דעלעגאַ־ציעס פון אַמעריקע און אייראָפּע... קאָן איך נישט קוקן מיט גלייכגיל־טיקייט אויף די (געפּלאַנטע) מאָדיפיקאַציעס". דער בריוו פאַרענדיקט זיך מיט אַן אמת רירנדיקן אַפּעל פון אַ יידישן פירער: „איך טאָר נישט פאַר־מיידן אין דעם אַזוי גורלדיקן מאָמענט פאַר זייער זאַך, צו ריכטן מיין בקשה צו אייך, צו וועמען זייערע הערצער זענען געווענדט, אָנגעפילט מיט בקשה און האָפענונג, אַז איר וועט זיי ברענגען די ישועה".

איך ווייס נישט וואָס ווילסאָן האָט געטראַכט לייענענדיק דעם בריוו. ער איז געווען אונטער אַ גרויסן דרוק פון אַלע זייטן. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט פאַרן דייטשישן אָפּמאַך צו קריגן די געווונטשענע פאָרם און ס׳איז ניט אַפילו געווען זיכער צי די דייטשישע דעלעגאַציע וועט אים אונטערשרייבן. איצט ווידער האָט פוילן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם אָפּמאַך און געדראָעט אַז זי וועט זיך צוריקציען פון די שלום־פאַרהאַנדלונגען, שוין אָפּגערעדט פון דער אָפּאָזיציע פון רומעניע און פון די אַנדערע. וועט ווילסאָן האַלטן, אָדער קענען האַלטן זיין צוזאָג אין אָנבליק פון די אַלע סיכסוכים?

דערווייל האָט ער, ווילסאָן, אַרויסגעוויזן שטאָלענע נערוון. פונדעסטוועגן איז ער אויף געוויסע ענדערונגען דווקא יאָ איינגעגאַנגען. אָט זענען אַ פּאָר וויכטיקערע שינויים, וואָס זענען פאָרגעשלאָגן געוואָרן אין דעם רעדאַקציע־קאָמיטעט און אין דעם נייע־שטאַטן־קאָמיטע, וועלכע דער העכסטער ראַט האָט אַקצעפּטירט. עס איז צוגעטשעפּעט געוואָרן אַן אַריינפיר (פּרעאַמבל), וואָס האָט אַביסל אָפּגעשוואַכט דעם חשד, אַז דאָס איז חלילה געצילט קעגן דער סוווערעניטעט פון וועלכער ס׳איז מלוכהשאַפט. אַרטיקל 1 (איינס) איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין דעם זין וואָס די גאַראַנטיעס, וואָס האָבן באַדאַרפט האָבן די קראַפט פון פונדאַמענטאַלע רעכט זענען באַשרענקט געוואָרן נאָר אויף די אַרטיקלען 8—12(40). אין אַרטיקל 12 איז אַנשטאָט די ווערטער וועגן „דער נויטווענדיקייט צו קריגן די הסכמה פון דער ליגע פאַר וועלכע ס׳איז ענדערונגען אין מינדערהייטן־אָפּמאַך״ — פאַריכט געוואָרן צו לייענען, אַז די הסכמה צו ענדערן דעם אָפּמאַך דאַרף מען קריגן פון דער „מאַיאָריטעט פון ראַט פון דער פעלקער־ליגע״. אין אַרטיקל 11 האָט מען געמאַכט שינויים וואָס האָבן געצילט דערצו, אַז די יידן זאָלן נישט באַפרייט ווערן פון אַרבעטן אין שבת ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן „מיליטערדינסט, נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג און וועגן אויפהאַלט פון עפנטלעכער אָרדענונג״. און אין 21סטן יוני האָט דעם העכסטער ראַט אויפן פאָרשלאַג פון העדלאַם־מאָרלעי געמאַכט אַ ווייטערדיקע ענדערונג אין אַרטיקל 10, אַז דער באַנוץ פון העבּרעאיש און יידיש אַלס אונטעררייכט־שפּראַך זאָל זיין באַ־

גרענעצט נאָר אויף די נידעריקע פאָלקסשולן. דער פאָרשלאַג פון די יידי־שע דעלעגאַציעס, אַז געוועזענע באַוווינער פון לאַנד פון ערשטן אויגוסט 1914 זאָלן אויטאָמאַטיש אָנערקענט ווערן אַלס בירגער, איינשליסלעך די מאַסן פון מלחמה־פליטים, איז מאָדיפיצירט געוואָרן מיט דער באַגרע־נעצונג, אַז דאָס אויטאָמאַטישע בירגעררעכט איז חל נאָר אויף די פער־זאָנען, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין לאַנד.

— ג —

אָבער די אַלע מאָדיפיקאַציעס האָבן געהאַט גאָר אַ קליינע פעולה אויף דער האַלטונג פון די פוילישע פאָרטרעטער. מער פעולה ווייזט אויס האָט געהאַט דער ענטפער פון קלעמאַנסאָ אויף פאַדערעווסקיס בריוו. קלעמאַנסאָ האָט דעם בריוו געשריבן ווי פאָרזיצער פון דעם העכסטן ראַט, און ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אָפיציעלע אינטערפרעטאַציע פון דעם מהות פון די מינדערהייטן־רעכט איז שוין פאַר זיך אַליין געווען אַ וויכטיקער דאָקומענט. אָבער אפשר נאָך וויכטיקער איז די דעפיניטיווע פאָרעם און אויסדרוק־קראַפט פונעם דאָקומענט, וואָס האָט נישט איבער־געלאָזט קיין שום פלאַץ פאַר פאַלשע אינטערפרעטאַציעס אָדער פאַרשי־דענע פירושים. און דערפאַר, וואָס דער בריוו שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָפיציעלן פירוש איבער דעם גאַנצן פאַרנעם פון די רעכט, איז כדאי, אַז מיר זאָלן דאָ ציטירן די ראשי־פרקים פון דעם לאַנגן בריוו.

דער ענטפער פון קלעמאַנסאָ צו פאַדערעווסקי איז דאַטירט פון 24סטן יוני 1919, מער ווי אַ וואָך נאָך פאַדערעווסקיס בריוו, און איז איינצייטיק אַ באַגלייט־בריוו מיט דער קאָפּיע פון אַן אָפּמאַך מיט דייטש־לאַנד, וועלכן די פאַליאַקן האָבן באַדאַרפט אונטערשרייבן. און אָט איז דער טעקסט בקיצור:

אין נאָמען פון העכסטן ראַט פון די פירנדיקע אַליאירטע און אַסאָציאירטע מלוכות האָב איך דעם כבוד אייך איבערצושיקן דעם טעקסט פון דעם אָפּמאַך אין זיין ענדגילטיקער פאָרעם, וועלכן, אין הסכם מיטן אַרטיקל 93 פונעם אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, פוילן

ווערט אויפגעפאָדערט צו חתמענען ביי דער געלעגנהייט פון איר קריגן די מלוכהשע אָנערקענונג ווי אַן אומאָפּהענגיקער שטאַט און ביי איבערטראָגן אין איר רשות די טעריטאָריעס, וועלכע זענען געווען אָנגעשלאָסן אין פריערדיקן דייטשישן רייך און וועלכע ווערן איצט צוגעטיילט צו איר (פּוילן) לויט דעם דערמאָנטן אָפּמאַך...

און איצט קומען די פּונקטן פון דער אייגנטלעכער קאָנטראָווערסיע. קלעמאַנסאָ שרייבט:

1) ראשית וויל איך אָנדייטן, אַז דער אָפּמאַך (וועגן מינדערהייטן) איז נישט עפּעס אַ נייער אָפּווייך פון אַן אַלטער פּראָצעדור. עס איז שוין פון לאַנגע יאָרן געווען אַן איינגעבירגערטע פּראָצעדור פון עפנטלעכן רעכט, אַז ווען אַ מלוכה האַלט אין באַשאַפן ווערן, אָדער ווען אַ גרויסער צוּוווּקס פון טעריטאָריע פאַרגרעסערט אַ שוין עקזיסטירנדיקן שטאַט, דאַרף זי קריגן די בשותפותדיקע און פאָרמעלע אָנערקענונג פון די גרויסמאַכטן, מיט דעם באַדינג, אַז די מלוכה זאָל, אין אַ בינדיקער פאָרעם פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך, פאַרפליכטן זיך נאָכצוקומען געוויסע פעסטגעשטעלטע פּרינציפּן פון מלוכהשאַפט...

דאָ ווערט אין בריוו געבראַכט דערביישפּיל פון קאָנגרעס אין בערלין, ווען די סוווערעניטעט פון סערביע, מאָנטענעגראָ און רומעניע זענען אָנערקענט געוואָרן. ער ברענגט אַ ציטאַט פון פּראָטאָקאָל פון אַ זיצונג פון 28סטן יוני 1878: „לאָרד סאַליסבורי אָנערקענט די אומאָפּהענגיקייט פון סערביע, אָבער ער איז איבערצייגט, אַז עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט צו סטיפּולירן, אַז אין דער פּרינציפּאַליטעט זאָל הערשן דער גרויסער פּרינציפּ פון רעליגיעזער פרייהייט". ווייטערע ציטאַטן ווערן איבערגעחזרט פון די דערקלערונגען, וועלכע ס'האָבן געמאַכט מר. וואַדינגטאָן פון גרויסבריטאַניע, פּרינץ ביסמאַרק פון דייטשלאַנד, גראַף דע לאָרנעי פון איטאַליע און גראַף אַנדראַשי פון עסטרייך. ווייטער שרייבט קלעמאַנסאָ:

2) די הויפטמאכט פון די אַליאירטע און אסאָציאירטע מלו־כות זענען איבערצייגט אז זיי וואָלטן געווען פאַלש צו זייער גע־פיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויב זיי זאָלן ביי דער געלעגנהייט אַפּווייכן פון דעם, וואָס האָט זיך אויפגעהיטן ווי אַן אַנגענומענע טראַדיציע.

3) ס'איז טאַקע אמת אז דער איצטיקער אָפּמאַך אונטער־שיידט זיך פון די פריערדיקע אָפּמאַכן וועגן ענלעכע ענינים. די ענדערונג אין פאָרעם איז אַ נויטווענדיקער פועל־יוצא און קערנ־דיקער טייל פון דער נייער שיטה פון אינטערנאַציאָנאַלע תנאים, וועלכע ווערן איצט באַשאַפן צוליב דער גרינדונג פון דער ליגע פון נאַציעס...

4) די ספּעציעלע פּונקטן, וועלכע פּוילן און אַנדערע שטאַטן ווערן איצט אויפגעפאָדערט אויסצופאָלגן, זענען אין אַ געוויסער מאָס פאַרשידן פון די, וועלכע זענען שוין פריער געווען חל אויף די נייע שטאַטן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אויפן בערלינער קאָנגרעס. אָבער די התחייבותן וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די נייע מדינות, וואָס האָבן געזוכט אָנערקענונג, זענען תמיד געווען צוגעפּאַסט צו די ספּעציעלע אומשטענדן...

די טעריטאָריעס וואָס ווערן איצט אינקאָרפּאָרירט אין פּוילן און אין אַנדערע שטאַטן שליסן אין זיך איין אַ גרויסע באַפעלקע־רונג וואָס רעדט פאַרשידענע לשונות, און זיי באַלאַנגען צו ראַסן, וואָס זענען פאַרשידן פונעם פאָלק, צווישן וועלכן זיי זענען איינ־געגלידערט געוואָרן. ליידער זענען די ראַסן געבליבן אָפּגעפרעמדט דורך לאַנגע יאָרן פון שנאה. עס ווילט זיך גלויבן, אז די פאַרשי־דענע גרופּעס וועלן לייכט צופּאַסן זיך צו זייער נייער לאַגע, אויב זיי וועלן וויסן פון אָנהויב אָן, אז זיי זענען געזיכערט מיט שוץ און זענען פאַרזאָרגט מיט גענוגנדיקע גאַראַנטיעס קעגן דער סכנה פון אַן אומגערעכטער באַהאַנדלונג אָדער אונטערדריקונג. דער דאָזיקער באַוווּסטזיין אליין, אז אַזעלכע הבטחות עקזיסטירן, וועט, אַזוי האָפן מיר, העלפן דעם פּראָצעס פון אויסגלייך, וועלכן מיר

אַלע ווינטשן אַזוי שטאַרק, און וועט זיכער אויך העלפן דערצו, אַז די געצווונגענע דורכפירונג פון די פונקטן זאָל זיך אַרויסווייזן ווי נישט נייטיק.

פונקט פינף קלערט אויף דעם טייטש פון אייניקע פונקטן (אַרטיקל 2, די טיילן 3 און 6, און אַרטיקל 7 און 8) און דערמאָנט די ענדערונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין זיי צוליב די פוילישע תרעומות.

פונקט זעקס באַטראַכט די ספּעציפישע יידישע פונקטן. דער בריוו זאָגט ווייטער:

די אַרטיקלען 10 און 12 באַהאַנדלען ספּעציעל די יידישע בירגער אין פוילן. די אינפאָרמאַציע, וואָס שטייט צום דינסט פון די פּרינציפּיעלע אַליאירטע און אַסאָציאירטע מאַכטן וועגן די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן צווישן יידן און די אַנדערע פוילישע בירגער, האָט זיי געבראַכט צו דער מסקנה, אַז צוליב דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פראַגע, און מחמת דער גרויסער פיינטלעכקייט, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, איז נייטיק אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ ספּעציעלער שוץ פאַר די יידן אין פוילן. די דאָזיקע רעגולאַמינען זענען באַגרענעצט געוואָרן צו אַ מינימום, וואָס שיינט אונדז צו זיין נייטיק, לויט די אומשטענדן פון היינטיקן טאָג, אין באַצוג צו זייער שולוועזן און רעליגיעזן שבת־רו. עס איז אונדזער איבערצייגונג, אַז די רעגולאַמינען וועלן נישט באַשאַפן קיין שום שטערונג פאַר דער פּאָליטישער אייניקייט פון פוילן. זיי שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין אַנערקענונג פון אַ סעפּאַראַטער פּאָליטישער געמיינדע אינמיטן פון דער פוילישער מלוכה. די פונקטן וועגן דערציאונג אַנטהאַלטן אין זיך גאָרנישט מער ווי עפּעס, וואָס איז פאַקטיש איינגעפירט געוואָרן אין די לערן־אינסטיטוציעס פון פיל הויך־אָרגאַניזירטע מאָדערנע מדינות. דער פונקט צו געבן אַנערקענונג און אונטערשטיצונג פאַר שולן, אין וועלכע די קינדער זאָלן ווערן דערצויגן אונטער דער רעליגיעזער השפּעה, צו וועלכער זיי זענען געוווינט פון דער היים

אויס, שטייט גאָרנישט אין קיין שום קעגנזאַץ צו דער סוווערעני־טעט פון דער מלוכה. עס איז געזאָרגט געוואָרן פאַר גענוג באַ־וואָרענישן קעגן וועלכן ס'איז מיסברויך פון ניט־פּוילישע שפּראַכן, וואָס וואָלטן אפשר געקאָנט שטאַרקן דעם גייסט פון אַ נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם. די סכנה ווערט אויסגעמיטן דורך דער אויסדריק־לעכער אָנערקענונג אין דעם מינדערהייטן־אָפּמאַך, אַז דער אונ־טעררייכט פון דער פּוילישער שפּראַך זאָל זיין אָבליגאַטאָריש אין אַלע שולן און אין אַלע דערציערישע אינסטיטוציעס.

ווי מיר זעען איז דער בריוו געווען אין אַ ווירדיקן, אָבער אויך אין אַ שלומדיקן טאָן. וואָס פאַר אַ ווירקונג ער זאָל נישט האָבן געהאַט אויף די פּאָליאַקן, — פאַר די יידן איז דאָס געווען אַ וויכטיקער דאָקומענט, מחמת ער האָט אָפיציעל פאַרשלאָסן די טירן פאַר ווייטערדיקן פּאָליטישן מסחר אויף די קאָסטן פון דער יידישער מינדערהייט.

אָבער יידן קומט גאָרנישט אָן אַזוי לייכט. איך פערזענלעך האָב זיך וועגן דעם בריוו דערוווּסט אַ פּאָר טעג פריער איידער ער איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן, פון מיין חשובן פריינד און קאָלעגע, דעם באַרימטן באַקטעריאָלאָג, וואָלדעמאַר (מרדכי־וואָלף) האַפקין. האַפקין ווידער האָט די נייעס געקריגן פון אַ מיטגליד פון זיין קאָמיטעט, דעם פּאַריזער פּערל־קעניג לעאָנאַרד ראָזענטאַל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פינאַנציעלע און פריינד־שאַפטלעכע באַציאונגען מיט חשובע מיטגלידער פון פראַנצויזישן אויס־סערן־מיניסטעריום, ספּעציעל מיט זיין דירעקטאָר בערטעלאָ, און קלעמאַנ־סאָס רעכטע האַנט, טאַרדיע. איך האָב געזען אַ קאָפּיע, איידער זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און צו מיין מפּח־נפש האָב איך באַמערקט, אַז אין אָריגינאַל האָט זיך געפונען אין ציטירטן פונקט 6, נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער זאַץ: — „זיי (די פונקטן פון אָפּמאַך) שטעלן מיט זיך נישט פאַר קיין אָנערקענונג פון אַ מלוכה אין אַ מלוכה (פאַר די יידן אין פּוילן)". אַז דאָס איז געווען גאָר אַ געפערלעכער זאַץ, און ספּעציעל אין אַזאַ אָפיציעלן דאָקומענט, איז געווען קלאָר פאַר אַלע. וואָס האָבן עפּעס געוווּסט וועגן דער פראַגע און פון דער כימערע וואָס די פּאָ־ליאַקן האָבן געמאַכט פון איר. אַלץ וואָס די פּוילישע פּרעסע האָט גע־

טאָן איז געווען טאַקע אָט וואָס: שלאָגן אויף טרעוואָגע, אַז די יידן ווילן גרינדן אַן אייגענע מלוכה אויף די ברעגעס פון דער ווייסל. היינט איז אפשר שווער צו פאַרשטיין אונדזער מפּח־נפש ווען מיר האָבן דערזען אָט די פראַזע état dans l' état (אַ מלוכה אין אַ מלוכה). היינט האָט די פראַזע שוין פאַרלוירן איר עמאָציאָנעלן פלאַטער — אָבער דעמאָלט האָט זי ממש געקלאַפּט אין מוח מיט האַמערס. הכלל, איך האָב מיך אָנגע־זעצט אויף דעם מאָנסיע ראָזענטאַל און נישט געגעבן אים קיין רו: ער מוז גלייך אינטערווענירן ביי זיינע פריינד בערטעלאָ און טאַרדיע, און צו וועמען נאָך ער קען דערגרייכן, און זען — אַז דער בריוו זאָל געענ־דערט ווערן, איידער ער וועט דערגרייכן די פּרעסע.

ראָזענטאַל איז געבליבן געפּלעפט; וואָס קען ער איצט טאָן? אָבער ער האָט דאָך געטאָן.

איך ווייס נישט וויפל פּערל, דער פּערל־קעניג האָט דעמאָלט פאַר־צײלט צוליב מיר. אין זיין אַטעליע זענען געשטאַנען טישלעך, ווי אין אַ קלוב פון שאָך־שפּילער, באַלייגט מיט קופּעס פּערל, און ביי יעדן טיש זענען געזעסן פּערל־ציילער מיט פיינע פּינצעטלעך (צווענגלעך) און אויססאָרטירט די גרעסערע פּערל פון די קלענערע, און די טייערע פון די מינדערווערטיקע, — אָבער מיט גוטן און מיט בייזן, איך בין שוין פון אים נישט אָפּגעטראָטן. און אויב איך אַליין בין נישט געווען גענוג נודניק, האָב איך אים מיטגעבראַכט ד״ר האַפקין, פאַר וועלכן ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסן דרך־ארץ. און כאָטש עס איז אים נישט געלונגען צו פועלן, אַז מען זאָל מאַכן אַנדערע ענדערונגען וואָס מיר האָבן פאַר־געשלאָגן, איז דער זאַץ „עטאַ דאַן ל'עטאַ" אַרויסגעפאַלן און אויף זיין אָרט איז באַנוצט געוואָרן די פראַזע, וואָס מיר האָבן ציטירט אין בריוו — „אַ סעפּאַראַטע פּאָליטישע געמיינדע אין מיטן פון אַ פּוילישער מלו־כה", וואָס איז געווען אַ מין „גם זה לטובה", אין פאַרגלייך צום פריער־דיקן טעקסט.

נאָך דעם בריוו פון קלעמאַנסאָ איז נאָך אַלץ נישט געווען קלאָר צי די פּאָליאַקן וועלן נאָכגעבן און קומען צום שלום־טיש חתמענען דעם דאָ־קומענט. איידער די צערעמאָניע פון שלום־שלוס איז פאָרגעקומען איז

אָפּגעזאָגט אַן אולטימאַטום פונעם פירער־ראַט צו די פּאָליאַקן, אַז אויב זייער רעגירונג וועט נישט אונטערשרייבן דעם מינדערהייטן־אָפּמאַך וועט זי אויך נישט קענען באַהעפטן איר חתימה צום דייטשישן אָפּמאַך. דער אולטימאַטום איז געבליבן אָן אַן ענטפער. אָבער דעם 28סטן יוני, שבת נאָך מיטאָג, האָבן זיך באַוויזן פּאַדערעווסקי און דמאָווסקי אין „סאַלאָן פון די שפּיגלען", אין קעניגלעכן פּאַלאַץ פון ווערסיי און האָבן אונטער־געשריבן דעם דייטשישן אָפּמאַך, נאָך דעם האָבן זיי אויך אונטערגעשריבן דעם פּוילישן אָפּמאַך וועגן די מינדערהייטן־רעכט. אַ טאָג נאָך דער אינ־טערשריפט האָט לוסיען וואָלף געשיקט אַ דאַנק־טעלעגראַמע צו פּאַדע־רעווסקין פאַר דער „ספּאָנטאַנער גרייטקייט" פון דער פּוילישער רעגירונג און פאַר איר געטריישאַפט צו די פּרינציפּן פון גערעכטיקייט. אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דער חתימה, האָבן אויך מאַרשאַל און סאָקאָלאָוו, אינ־איינעם מיט די רעפּרעזענטאַנטן פון דער אַליאַנס, באַזוכט פּאַדערעווסקין, כדי אים צו דאַנקען פאַר זיין „לייטזעליקייט".

ווי זאָגן די דייטשן: „ענדע גוט, אַלעס גוט".

צום שלוס איז כדאַי צו ציטירן די פּונקטן פון דעם פּוילישן שלום־דאָקומענט וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיט יידן.

— ד —

דער מינדערהייטן־טראַקטאַט, אונטערגעשריבן דעם 28סטן יוני 1919, אַ פאַרטראַג צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, די בריטישע אימפּעריע, פראַנקרייך, איטאַליע, יאַפּאַן און פּוילן.

א ר ט י ק ל 1. — פּוילן נעמט זיך אונטער, אַז די באַשטימונגען וואָס עס אַנטהאַלטן די אַרטיקלען 2 ביז 8 פון דעם קאַפּיטל, זאָלן ווערן אַנערקענט אַלס פונדאַמענטאַלע רעכט און אַז קיין שום געזעץ, פאַראָרדנונג אָדער וועלכער ס'איז אָפיציעלער אַקט זאָלן נישט שטיין אין וועלכן ס'איז קאָנפליקט אָדער ווידער־שפּרוך מיט אָט די פאַרפליכטונגען און אַז קיין שום געזעץ, פאַר־

אָרדנונג אָדער אָפּיציעלער אַקט זאָלן נישט האָבן קיין שליטה איבער זיי.

אַ ר ט י ק ל 2. — פּוילן נעמט זיך אונטער מבטיח צו זיין אַ פולשטענדיקן שוץ איבערן לעבן און פרייהייט פאַר אַלע איינוווינער פון פּוילן, אָן וועלכן ס'איז אונטערשיד פון געבורט, נאַציאָנאַליטעט, שפּראַך, ראַסע אָדער רעליגיע.

אַלע איינוווינער פון פּוילן זאָלן האָבן דאָס רעכט פריי אָפּצוהיטן אין עפנטלעכן, אַזוי גוט ווי אין פּריוואַטן לעבן, יעדע פאַרעם פון אמונה, דת און באַקענטעניש (קאָנפעסיאָן), אַזוי לאַנג ווי זיי שטייען נישט אין ווידערשפּרוך מיט דער עפנטלעכער אָרדענונג אָדער מיט די עפנטלעכע זיטן.

אַ ר ט י ק ל 3. — פּוילן אָנערקענט ווי פּוילישע בירגער, אָן שום פאָרמאַליטעט... די דייטשישע, עסטרייכישע, אונגאַרישע אָדער רוסישע בירגער, וואָס האָבן געוווינט אויף דער טעריטאָריע אין טאָג ווען דער אָפּמאַך גייט אַריין אין קראַפט... זיי האָבן דאָס רעכט אויסצוקלייבן אַן אַנדערן שטאַט אויב זיי ווילן דאָס...

אַ ר ט י ק ל 4. — פּוילן אָנערקענט ווי פּוילישע בירגער אַלע דייטשישע, עסטרייכישע, אונגאַרישע אָדער רוסישע בירגער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון עלטערן וואָס האָבן דאָרט געוווינט... מיטן רעכט צו אָפּטירן פאַר אַנדערן שטאַט אין משך פון צוויי יאָר...

אַ ר ט י ק ל 5. — גאַראַנטירט דאָס רעכט פון אַזאַ אָפּטירונג און איז מחייב די פּוילישע רעגירונג נישט צו שטעלן קיין שום מניעות קעגן אַזאַ פרייען אויסוואַל...

אַ ר ט י ק ל 6. — אַלע פּערזאָנען וואָס זענען געבוירן געוואָרן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע, וועלכע זענען נישט געבוירן געוואָרן אַלס בירגער פון אַן אַנדערן שטאַט, זאָלן איפּסאָ פאַקטאָ ווערן פּוילישן בירגער.

א ר ט י ק ל 7. — אַלע פּוילישע בירגער דאַרפֿן זיין גלייך פֿאַרן געזעץ און זאָלן געניסן די זעלביקע ציווילע און פּאָליטישע רעכט אָן אונטערשיד פֿון ראַסע, שפּראַך אָדער גלויבן.

אונטערשידן פֿון רעליגיע, דת אָדער קאָנפֿעסיאָן זאָלן נישט זיין קיין שטער פֿאַר קיין שום פּוילישן בירגער ביים באַנוץ פֿון ציווילע אָדער פּאָליטישע רעכט, ווי למשל, בנוגע צולאָזן צו עפֿנט־לעכע באַשעפֿטיקונגען, פֿונקציעס און כיבודים, אָדער וואָס איז נוגע דער באַטייליקונג אין פּראָפֿעסיעס און אין אינדוסטריעס (מלאכות).

קיין שום באַגרענעצונג זאָל נישט אַרויפֿגעלייגט ווערן אויף קיין שום פּוילישן בירגער בנוגע דעם פֿרייען באַנוץ פֿון וועלכער ס'זאָל נישט זיין שפּראַך אין פּריוואַטן פֿאַרקער, אין האַנדל, אין גאָטעסדינסט, אין דער פּרעסע, אָדער אין וועלכע ס'איז פּובליקאַ־ציעס, און אין עפֿנטלעכע אסיפֿות. אומאָפּהענגיק פֿונעם איינפֿיר פֿון אַן אָפֿיציעלער שפּראַך דורך דער פּוילישער רעגירונג, זאָלן באַשאַפֿן ווערן פֿולע (צופֿרידנשטעליקע) מעגלעכקייטן פֿאַר פּויליִ־שע בירגער פֿון נישט־פּוילישן לשון צו באַנוצן זיך מיט זייער (איי־גענער) שפּראַך אין די פּוילישע געריכטן, סיי מינדלעך, סיי שריפֿטלעך.

א ר ט י ק ל 8. — פּוילישע בירגער וואָס געהערן צו עט־נישע, רעליגיעזע אָדער שפּראַכלעכע מינדערהייטן, דאַרפֿן געניסן די זעלביקע זיכערקייט און באַהאַנדלונג אין געזעץ און אין פֿאַקט (אין פּראַקטישער דורכפֿירונג), ווי אַנדערע פּוילישע בירגער. בפֿרט זאָלן זיי האָבן דאָס גלייכע רעכט צו גרינדן, פֿאַרוואַלטן און קאָנ־טראָלירן, אויף זייערע אייגענע קאָסטן, צדקה־אַנשטאַלטן, רעלי־גיעזע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, שולן און אַנדערע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, מיטן פֿולן רעכט צו באַנוצן זיך מיט זייער אייגענעם לשון און (מיט זייערע אייגענע) רעליגיעזע מנהגים, אַן וועלכער ס'איז שטערונג.

א ר ט י ק ל 9. — פּוילן וועט שאַפֿן אין איר עפֿנטלעכן

דערציאונג־סיסטעם, אין די שטעט און דיסטריקטן, ווו ס׳וווינען א גרעסערע פראפארץ פון פוילישע בירגער מיט אנדערע לשונות, ווי די פוילישע, אזעלכע צופרידנשטעליקע מעגלעכקייטן וואס זאלן מכשיר זיין, אז אין די עלעמענטאר־שולן זאל דער לימוד פאר די קינדער פון אזעלכע פוילישע בירגער געגעבן ווערן דורך זייער אייגענער שפראך. אט־א די פארשריפט זאל נישט שטערן דער פוילישער רעגירונג צו דערקלערן ווי אבליגאטאריש דאס לער־נען פון דער פוילישער שפראך אין די דאזיקע שולן.

אין די שטעט און אין די דיסטריקטן, ווו ס׳איז דא א גרע־סערע פראפארץ פון פוילישע בירגער, וואס באלאנגען צו (אנ־דערע) ראסן, רעליגיעזע אדער שפראכלעכע מינדערהייטן, דארפן די דאזיקע מינדערהייטן קריגן פארזיכערט אן אנטשפרעכנדיקן טייל פאר זייער באנוץ און פארוואנדלונג, פון די סומעס, וועלכע ווערן דעסיגנירט (אסיגנירט) פון דער מלוכה, שטאט־פארוואלטונג אדער פון אן אנדערן בודזשעט וואס איז באשטימט פארן צוועק פון דערציאונג און פאר רעליגיעזע צוועקן אדער צדקה.

א ר ט י ק ל 10. — די לאקאלע דערציאונג־קאמיטעטן וואס ווערן באשטימט פון די יידישע קהילות אין פוילן, וועלן אונ־טער דעם אלגעמיינעם קאנטראל פון דער מלוכה, זארגן פאר דער פארטיילונג פון דעם פראפארציאנעלן חלק פון די עפנטלעכע פאנדן, וואס זענען באשטימט געווארן פאר די יידישע שולן, אין איינקלאנג מיטן ארטיקל 9, און פאר דער ארגאניזירונג און ליי־טונג פון די שולן. די באשטימונג פון ארטיקל 9 בנוגע דעם שפראך־באנוץ זאל זיין חל אויך אויף די דאזיקע שולן.

א ר ט י ק ל 11. — יידן טארן נישט געצוווּנגען ווערן אויסצופירן וועלכן ס׳איז אקט וואס שטעלט מיט זיך פאר א פאר־לעצונג פון זייער שבת־רו, און זיי טארן נישט געשטעלט ווערן אונטער קיין שום רעכט־פארמינערונג צוליב זייער אומווילן צו קומען אין די געריכטן, אדער צו דערלידיקן אין שבת וועלכן

ס'זאָל נישט זיין געריכט־געזעצלעכן עסק. דאַקעגן זאָל די פאַר־שריפט נישט באַפרייען די יידן פון אַזעלכע פליכטן, וועלכע זענען חל אויף אַלע אַנדערע פוילישע בירגער, וואָס זענען נייטיק פאַר די צוועקן פון מיליטערדינסט, לאַנדפאַרטיידיקונג, אָדער פאַרן אָפּהיטן די עפנטלעכע אָרדנונג.

פוילן מאַכט קלאָר איר כוונה זיך אָפּצוהאַלטן פון צו באַ־שטימען אָדער דערלויבן דעם אָפּהאַלט פון וואַלן אין אַ שבת, נישט קיין אַלגעמיינע און נישט קיין לאָקאַלע. דאָס נעמלעכע דאַרף אָפּ־געהיטן ווערן בנוגע רעגיסטראַציע פאַר וואַל־צוועקן אָדער אַנדע־רע (ענלעכע) צוועקן וואָס דאַרפן אויסגעפירט ווערן אין שבת.

א ר ט י ק ל 12. — פוילן איז מסכים, אַז די סטיפּולאַ־ציעס פון די אויבנאָויפיקע אַרטיקלען, אַזוי ווייט ווי זיי באַציען זיך אויף פערזאָנען וועלכע באַלאַנגען צו עטנישע, רעליגיעזע און לינגוויסטישע מינדערהייטן, שטעלן מיט זיך פאַר התחייבותן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, און דאַרפן געשטעלט ווערן אונטער דער השגחה פון דער ליגע פון נאַציעס. זיי זאָלן נישט גע־ענדערט ווערן אָן דער הסכמה פון אַ מאַיאָריטעט פונעם ראַט פון דער פעלקער־ליגע. די פאַראייניקטע שטאַטן, די בריטישע אימפּע־ריע, פראַנקרייך, איטאַליע און יאַפּאַן דערקלערן זיך גרייט נישט צו פאַרווערן זייער הסכם פאַר וועלכע ס'זאָל נישט זיין ענדערונ־גען פון די דאָזיקע אַרטיקלען, אויב זיי וועלן קריגן די הסכמה פון אַ מערהייט פון ראַט פון דער פעלקער־ליגע פאַר אַזאַ שינוי אין אַ געהעריקער פאָרם.

פוילן איז מסכים אַז יעדער מיטגליד פונעם פעלקערבונד האָט דאָס רעכט צו ברענגען צו קענטעניש פונעם ראַט וועלכן ס'איז ברוך פון די התחייבותן אָדער אַ סכנה פון אַזאַ פאַרלעצונג און אַז דער ראַט מעג דאַן אונטערנעמען אַזאַ אַקציע און געבן אַזאַ אַנט־שיידונג, וועלכע ער וועט געפינען פאַר נייטיק און ווירקזאַם, אונ־טער די אומשטענדן.

פוילן איז ווייטער מסכים, אַז אויב וועלכע ס'איז מיינונגב־

פארשידנהייטן בנוגע פראגן פון געזעץ אדער פון פאקט, וואס רירן אן די אויבנדערמאנטע פונקטן, זאלן אנשטיין צווישן דער פוילישער רעגירונג מיט איינעם פון די „פרינציפיעלע אליאירטע און אסאציאירטע מלוכות" אדער וועלכע ס'זאל נישט זיין אנדערער מלוכה, וואס איז א מיטגליד פונעם ראט פונעם פעלקערבונד, זאלן זיי באטראכט ווערן אלס סיכסוך פון אן אינטערנאציאנאלן פארנעם אונטער ארטיקל 14 פונעם קאווענאנט. די פוילישע רעגירונג איז ביי דעם אלעמען מסכים, אז אויב דער אנדערער צד פארלאנגט עס, זאל אזא סיכסוך ווערן איבערגעוויזן צום פערמאנענטן געריכט פאר אינטערנאציאנאלע ענינים. דער פסק־דין פונעם פערמאנענטן געריכט זאל זיין אן אנטגילטיקער און זאל באזיצן די זעלבע קראפט און בינדיקייט ווי די אנטשיידונג אונטער ארטיקל 13 פונעם קאווענאנט(41).

אזוי וויים די הלכה! איצט וואס איז מכוח די מעשים־טובים?

XIII

נאָכן שלום־שלום מיט דייטשלאַנד

— א —

דער שלום־שלום מיט דייטשלאַנד וואָס איז פאָרגעקומען אין ווער־סיי אין „סאַלאָן פון די שפּיגלען" איז געווען אַ פייערלעכער מאָמענט. די שטאָט פּאַריז איז געגאַנגען אויף רעדער. די גאַסן זענען געווען באַ־צירט און באַפאָנט און דער פּאַריזער עולם האָט געיובלט און געטאַנצט אין די גאַסן. ווילד־פרעמדע מענטשן האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט, און איך בין אויך מיטגעריסן געוואָרן מיט אַזאַ מענטשן־קנויל און גע־כאַפּט אַן אומווילליקן מצוה־טענצל און אַ פּאָר געשמאַקע קושן פון פרייד־פאַרשיכורטע פּאַריזער מיידלעך. ס'איז געווען גילה ושמחה, רינה ודיצה, — אַ מין עקסטאַטישע חגיגה, איבער וועלכע די פּאַריזער בולוואַרן זענען אַזוי באַרימט איבער דער וועלט. אין אָוונט איז די מאַסן־דעמאָנסטראַ־ציע געשטיגן צום העכסטן גראַד פון אַ הוליאַנקע. אויפן גרויסן פיר־עקיקן שטח פון „פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד", האָבן זיך אָנגעזאַמלט מיליאָנען מענטשן. דאָס קאָלירטע ליכט פון די שפּרודלדיקע שפּרינג־ברונעמער און באַלויכטענע פאָנטאַנען האָט געשפּילט און געפליעסקעט אין הונדער־טערליי פאַרבן און פיגורן. די מעגאַפאָנען האָבן אויסגעטרומייטערט אַלערליי לוסטיקע מעלאָדיעס, דורכגעפלאָכטן מיט רעדעס פון פראַנצוי־זישע נאָטאַבלען און פאַרהילכט מיט אַ דונער פון בראַוואָס און געשרייען פון „וויוו לאַ פראַנס!", פון אַ גליק־באַזעלטן פאָלק. דער געדראַנג איז געווען אין לשער. ממש ס'איז נישט געווען קיין פּלאַץ ווו צו שטיין אויףביידע פיס. און איצט וואָס טוט מען אַז עס פאַרגלוסט זיך אַ מחנה אַמע־

ריקאַנער סאָלדאַטן צו נעמען זיך ביי די הענט און דרוכשניידן דעם פּלאַץ פון איין זייט ביז צו דעם אַנדערן ווי מיט אַן אינדיאַנער פייל־שאָס? ווערט באַלד אַ געשריי, אַ געטומל, אַ געוויין און מענטשן פאַלן שטייענ־דיק, אָדער בעסער שטייען פאַלנדיק. די אַמעריקאַנער גבורים, ווילדע „קאָווּבאָיס", ערגעץ־ווו פון טעקסאַס, האָבן „פאַן", — ממש זיי האַלטן זיך ביי די זייטן. איך אַליין האָב געבענטשט גומל — ס'האָט נישט פיל גע־פעלט, אַז איך זאָל צעקוועטשט ווערן אין אַזאַ מין מענטשן־טאָרנאַדע.

אייגנטלעך, האָב איך געדאַרפט זיין גאָר ערגעץ־אַנדערש. איך וואָלט נאַטירלעך, זיך געוועזן געפילט גליקלעך צו זיין אַנוועזנד אין „סאַ־לאָן פון די שפּיגלען" בשעת דער חתימה פון דעם שלום־אָפּמאַך. וויכטי־קערע מענטשן פון מיר האָבן געוואָלט האָבן די זכיה צו זיין אַן עדות פון דעם היסטאָרישן אַקט און האָבן געמוזט באַגנוגענען זיך מיטן ווען. האָב איך מיר געטראַכט — נו מילא, נאָך וואָס אייניגרייסן וועלטן, אַז איך ווייס, אַז ס'איז גאָר אומזיסט? און אַזוי ווי דער טאָג איז סיי ווי סיי געווען אַ גרויסער יום־טוב ביי מיר און איך בין מיטגעריסן געוואָרן פון דער גרויסער געפילס־כוואַליע, וואָס האָט געשלאָגן אין אַלעמענס הער־צער, בין איך דעמאָלט אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און גענומען שפּאַנען אי־בער די פאַרפּוצטע גאַסן גאַנץ פרי, נאָך איידער די הענער האָבן אָנגע־הויבן קרייען. און אָט אַזוי האָב איך אָנגעווירן אפשר די גרעסטע גע־לעגנהייט אין מיין לעבן. ווייל אומבאַוווּסט פאַר מיר האָט מען פאַר מיר דווקא יאָ געקריגן אַ זיץ אויף דער גאַליאַרקע ביי דער גרויסער צערע־מאָניע. אומדירעקט האָב איך דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם יידיש־פראַנצויזישן דיכטער עדמאָנד פלעג. איך בין געווען אַ פּאָר מאָל צו גאַסט אין זיין שיינער היים און בין געווען ממש באַצויבערט מיטן חן און ליבנס־ווירדיקייט פון זיין שיינער פרוי, וואָס איז געווען נישט נאָר זיין גע־טרייע „גאַטין" נאָר אַן אמתע הויז־„געטין". איר טאַטע, עדמאָנד פלעגס שווער, איז געווען אַ רייכער אינדוסטריעלער, און געהאַט אַ גרויסן אייג־פלוס אין פּאַריז און אים האָט עס זיך ווייסט אויס איינגעגעבן אין לעצטן מאָמענט צו קריגן אַן עקסטרא זיץ. צומאָרגנס האָט מען מיר טע־לעפאָנירט די גוטע בשורה, אָבער בשעת מעשה האָב איך געפייערט דעם

שלום־אַפּמאַך מאַרשירנדיק מיט די גרויסע פּאַראַדן. איך האָב, פאַר־שטייט זיך, מיר אָפּגעגעסן די גאַל און געטאָן אַ נדר קיינמאָל נישט צו לויפן אויף פּאַראַדעס. אָבער וואָס טויג דער נדר, אַז נאָר איין מאָל אין לעבן קומט פאָר אַזאַ געלעגנהייט און איך האָב זי פאַרשפּילט.

און אפשר איז דאָס געווען אַ באַשערטע זאַך, אַז איך זאָל נישט זיין קיין עדות ביים געבורט פון אַ נפל. העברי מאַרגענטוי, וועלכער איז דווקא יאָ געווען אַן עדות ביים שלום־שלוס שרייבט אין זיינע מעמואַרן, אַז אין „זאַל פון די שפּיגלען״, אין ווערסיי, האָט נישט געהערשט קיין ענ־טוזיאַזם און נישט קיין באַגייסטערונג. „מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט און גערעדט מיט פליסטערנדיקע שטימען... נאָכדעם ווי דער שלום־אָפּ־מאַך איז שוין געווען געחתמעט, זענען מיר אַלע צוגעגאַנגען און זיך צו־געקוקט, ווי מלווים וואָס נעמען אַן אָפּשייד פון אַ מת״(42).

אָבער דאָס איז געשריבן געוואָרן אַ היפּשע פּאָר יאָר אחרי המעשה, און דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט אַביסל פאַרטונקלט מר. מאָרגענטויס ברילן. בשעת מעשה האָט די וועלט אויסגעזען אַזוי שיין און האַרציק און פול מיט בטחון. די זון האָט געשטראַלט אין איר גאַנצער פּראַכט און די געפליגלטע האָפענונג איז געפלויגן ביז אין הימל אַריין, איך גלויב קוים, אַז מאָרגענטוי איז געווען צווישן די אמתע נביאים וואָס האָבן דע־מאָלט געזען דעם קץ־הימים.

אויך ביי יידן האָט געהערשט אַ שמחה. פון אַ בריוו וואָס לואי מאַרשאַל האָט געשריבן צו מעקן דעם 30סטן יוני 1919, באַקומען מיר אַ בילד וועגן דעם געמיט־צושטאַנד פון איינעם וואָס האָט אַזוי שווער געהאָרעוועט אויף דעם מאָמענט:

אין דער צייט ווען דער בריוו וועט צו אייך דערגרייכן וועט איר שוין האָבן די נייעס וועגן דעם פּויילישן אָפּמאַך. מיר זענען אַלע מלא שמחה און עס איז נישטאָ קיין איין אומצופרידענע שטים אין אונדזער קאָמיטעט. דער בריוו פון קלעמאַנסאָ איז אַ וויכטיקער דאָ־קומענט פאַר דער אינטערפּרעטאַציע פונעם אָפּמאַך... דער בריוו איז אין דער זעלביקער צייט גוטווייליק, כאָטש גלייכצייטיק איז ער שטאַנדהאַפטיק אין טאָן. דער לעצטער זאַץ איז אַ קונסטשטיק פון

דיפלאמאטיע און אנטשפרעכט דעם כאראקטער פונעם אלטן טיגער.ביידע, פאדערעווסקי און דמאווסקי, האבן געגעבן זייער חתימה פאר פוילן... מיר האבן געהאט אנגסטלעכע טעג. עס איז געווען א קאמף ביז צו דער לעצטער מינוט... איך בין געווען אין א שטענדיקער קאמוניקאציע מיטן פרעזידענט און האב געקראגן די פארזיכערונג פון עטלעכע קוואלן, אז, לויט ווי ער האט זיך אויסגעדריקט איז נישט געווען קיין גרונט פאר מיין מורא. הודסאן איז געווען א טורעם פון קראפט. איך וועל אים אייביק דאנקבאר זיין. מיר האבן שטענדיק געארבעט צוזאמען. די אנדערע טראקטאטן וועלן בלי־ספק נאכפאלגן אין די פוסטריט פון דעם פוילישן"(43).

מארשאל האט דא אביסל איבערגעשאצט די געפילן פון די דעלעגאטן. נישט אלע מיטגלידער פון די דעלעגאציעס זענען געווען צופרידן. איך דערמאן זיך א גאר הייסע זיצונג נאך דער אונטערשריפט פון שלום־אפמאך. געהאנדלט האט עס זיך וועגן א בריוו, וואס די צוויי שליחים, מארשאל און סאקאלאוו, האבן געוואלט שיקן פאדערעווסקין, אין נאמען פון די דעלעגאציעס, נאך דעם ווי זיי אליין האבן זיך שוין געהאט געזען מיט פאדערעווסקין ביי א „צוויי שעהדיקער" קאנפערענץ, לויט זייער באריכט. אין דעם בריוו האבן די צוויי יידישע פירער גאר נישט געקאנט זיך גענוג אפלויבן וועגן די גלאררייכע פוילישע טראדיציעס פון גאסטפריינדלעכקייט און טאלעראנץ מצד דעם פוילישן פאלק, מישטיינס געזאגט. דאס איז אפשר געווען א גוטער דיפלאמאטישער שאך־צוג — כאטש היפאקריטסטווע איז קיינמאל נישט געווען קיין גרויסע דיפלאמאטישע קונץ, אבער שוין זיכער איז דאס נישט געווען טאקטיש־קלוג צו לויבן פוילן ביז אין די זיבעטע הימלען אין אן עת־צרה פון די בלוטיקסטע פאגראם־טעג פון דער נייער פוילישער געשיכטע. האבן זיי טאקע ביידע — מארשאל און סאקאלאוו — בכבודם ובעצמם, געקראגן א גוטן פסק פון אונדז, און די ביטערע קריטיק האט דערגרייכט אזוי ווייט, אז מארשאל, וועלכער האט קיינמאל נישט אויסגעהאלטן קיין קריטיק, האט א ווארף געטאן דעם בריוו און מיט ירגזונדיקן געשריי: „שרייבט איר דעם בריוו, אויב מיינער געפעלט אייך נישט", — איז ער ארויסגעלאפן פון דער

זיצונג. און אַזוי ווי קיינער איז אים נישט נאָכגעלאָפן איז ער צומאָרגנס אַליין צוריקגעקומען אַן איבערגעבעטענער און אָנגענומען די אויסבעסע־רונגען, וואָס מיר האָבן אים פאָרגעשלאָגן*.

דערווייל האָבן די ווייטערע אונטערהאַנדלונגען מיט די אַנדערע פעל־קער נישט אויפגעהערט. אין יולי 1919, זענען מיר, די גאַליציש־יידישע דעלעגאַציע, פאַרהערט געוואָרן פון דער פוילישער קאָמיסיע אויף אַ זי־צונג אין פראַכט־זאַל פון אויסערן־מיניסטעריום, אויף „קעי ד'אָרסעי״(44). אין דעם זאַל, פאַרפוצט און אויסשטאַפירט מיט קרישטאָלענע שאַנדע־לירן, רייך־געשטריקטע טעפּיכער און גאָבעלינען, פליושענע פאָטעלן, פאַר־גילדעטע שטולן און געטאָקטע טישן, האָט מען זיך געפילט אַביסל אומ־היימלעך, אָבער נאָך אומהיימלעכער איז אונדז געוואָרן ווען דער אַמע־ריקאַנער מיטגליד פון דער קאָמיסיע, פּראָפעסאָר פון געשיכטע, ראָבערט האָוואַרד לאָרד, האָט אָנגעהויבן צו פרעגן אַלערליי קלאָץ־קשיות, כדי אונדז אַריינצולייגן אין מויל אַריין דעם געדאַנק, אַז די יידן ווינטשן זיך, אַז גאַליציע זאָל בלייבן ביי די פּאָליאַקן און נישט ביי די רוטענער. איך בין זיך מודה, אַז מיר האָבן זיך דעמאָלט נאָך נישט אָריענטירט אַזוי גוט וועגן דעם מהות פון דעם געשוווירענעם פוילן־פריינד און נישט גע־ווסט אַז ער, אַן אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר, שפּילט די ראָל פון אַן אַגענט פאַר פוילן(45). אָבער, כאָטש אויף אַ פּאָר גליטשיקע פראַגן זענען מיר אפשר נישט געווען גאַנץ פאַרזיכטיק מיט אונדזערע ענטפערס, האָבן מיר זיך אָבער געהאַלטן שטאָל און אייזן ביי דער סטריקטער נייטראַליטעט, וואָס האָט אונדז, פאַרשטייט זיך נישט פאַרשאַפט קיין סך ליבשאַפט ביי אים. דערפאַר אָבער האָבן די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע

---

* מאַרשאַל און סאָקאָלאָוו האָבן באַזוכט פּאַדערעווסקין און מיט אים פאַרבראַכט איבער אַנדערטהאַלבן שעה. פּאַדערעווסקי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די יידישע פירער זאָלן אים אונטערשטיצן אין זיין קאַמף פאַר דער ראַטיפיקאַציע פון דעם מינדער־הייטן־טראַקטאַט, און האָט פאַרלאַנגט אַז אָפיציעלן בריוו פון די יידישע דעלעגאַציעס וואָס זאָל זיין געשמירט מיט האָניק און פול מיט הבטחות פאַר פוילן. די צוויי יידישע פירער האָבן אים דאָס צוגעזאָגט, אַביסל צו גוטווילִיק, אַזוי האָט עס זיך אונדז אויס־געוויזן.

אַרויסגעוויזן מער פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע בנוגע אונדזער שטע־לונג און בנוגע אונדזערע פאָדערונגען אין גאַליציע.

— ב —

ווי איז געווען די רעאַקציע אין פּוילן נאָך דער חתימה פונעם שלום־אָפּמאַך?

די רעאַקציע אין פּוילן איז געווען אַ שטורמישע. דאָס לאַנד איז פאַרצערט געוואָרן פון כעס און שנאה. דער „אילוסטרירטער טעגלעכער קוריער" האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער מינדערהייט־טראַקטאַט האָט אַרויפ־געוואָרפן אַ פרעמדן דעספּאָטיזם אויף פּוילן און האָט אַפּעלירט צום סיים, אַז ער זאָל נישט ראַטיפיצירן די „דיקטאַטאָרישע אַפּעטיטן פון לאָיד דזשאָרדזש". די פּאָליאַקן האָבן אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף דעם בריטישן „מאַקיאַוועלי" פאַר זייער גאַנצן אומגליק. דער דערמאַנטער פּראָפעסאָר לאָרד האָט שפּעטער געשריבן: „די ענגלענדער זענען געווען קיל צו פּוילנס גרויסקייט און די פּאָליאַקן האָבן באַשולדיקט, אַז די מייסטע פון זייערע דיפּלאָמאַטישע מפּלות גייען אויפן רעכענונג פון לאָיד דזשאָרדזש". דער פּוילישער היסטאָריקער מאַצקעוויטש שרייבט אין זיין בוך „די פּוילישע געשיכטע": „דמאָווסקי האָט צוגעשריבן לאָיד דזשאָרדזשס שטעלונג לגבי פּוילן צו יידישע השפּעות. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דמאָווסקי האָט נישט נאָר געקעמפט קעגן די פאַרכאַפּערס פון פּוילן, נאָר אויך תמיד געפירט אַ קאַמף קעגן די יידן, וועלכע ער האָט באַטראַכט ווי אַ שטאַטנלאָזע אומה, וואָס האָט (צו זיין באַדויערן) גע־האָט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער פּאָליטיק פון פיל מלוכות, ספּעציעל פון די אַנגלאָ־זאַקסישע שטאַטן".

אויף דער זיצונג פון דער סיים־קאָמיסיע פאַר ראַטיפיקאַציע פון שלום האָט דער פּוילישער פּרעמיער פּאַדערעווסקי געהאַלטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט געזאָגט צווישן אַנדערן:

דער פאָרשלאָג פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז פאַר אונדז, נאַטירלעך, נישט אַנגענעם, אָבער איך מוז מודה זיין, אַז מיר אַליין זענען שולדיק, ווייל ווען מיר גייען צו צום בוי פון אַ שטאַט איז

דאס נישט די ריכטיקע צייט פאר אינעווייניקסטע פאליטישע חשבונות. פון דער אנדערער זייט מוז איך צוגעבן, אז די פאר־שלאגן בנוגע די רעכט פאר די נאציאנאלע מינדערהייטן, זענען באשטימט געווארן נאך פארן אפשלום פונעם וואפנשטילשטאנד. עס איז קלאר, אז אין דעם אספעקט רעפרעזענטירן דער פרעמדער קאפיטאליזם, די ציוניסטן און די נאציאנאלע יידן, אן ערנסטע פינאנציעלע מאכט*.

דער סיים האט דעבאטירט דעם מינאריטעטן־אפמאך דעם 30סטן און 31סטן יולי 1919, ווען דער אפמאך איז פארגעלייגט געווארן פאר דער ראטיפיקאציע פונעם סיים. די באשולדיקונג פון „א באפעל פון אויבן" איז געווארן שטארק באטאנט אין דער רעדע פון דער אפמאך־באריכטגעבער גלאמבינסקי, אן „ענדעק", וועלכער האט אויסגעדריקט זיינע אמתע געפילן מיט אזעלכע עפיטעטן ווי „אומאנגענעם, אומנויטיק, שעדלעך, אומכבודיק און מערדערלעך". די לינקע דעפוטאטן, די „וויז־וואלעניע", די „לודאוועצעס" און סאציאליסטן, האבן געשטימט פאר דער ראטיפיקאציע פונעם אפמאך, באקלאגנדיק זיך דערביי אויף דער רעגי־רונג פאר אויסקלויבן אזעלכע שלומיאלדיקע רעפרעזענטאנטן צו דער שלום־קאנפערענץ, וואס האבן פארשפילט: „מיר האבן געשיקט ווי איי־נעם פון די דעלעגאטן א מענטש, וואס האט פראקלאמירט דעם אנטי־יידישן באיקאט", האט זיך צעשריגן דעפוטאט ראטאי (געמיינט האט ער נאטירלעך דמאווסקין). אנדערע רעדנער האבן געדראט די מינדערהייטן, אז דער אינטערנאציאנאלער סיסטעם פון שוץ קען זיך געפערלעך אפרופן אויף זיי אליין. די ענדגילטיקע אפשטימונג, וואס האט באטראפן 286 שטימען פאר און 41 קעגן דער ראטיפיקאציע, איז נישט געווען קיין בא־ראמעטער פונעם דעת הקהל. די אמתע קעגנערשאפט איז געווען כמעט א הונדערט פראצענטיקע מצד די פאליאקן. דער טראקטאט, און דער אפ־מאך מיט דייטשלאנד, זענען ראטיפיצירט געווארן דעם 31סטן יולי 1919(46). אפיציעל איז דער מינדערהייטן־טראקטאט נישט פארעפנט־לעכט געווארן אין מלוכה־זשורנאל ביז דעם 6טן דעצעמבער 1920.

פיל מער נאכווייענישן זענען געווען מיטן רומענישן פרידן־אפמאך.

---

* J. Kreppel, **Juden und Judentum von Heute,** (1925), p. 270.

XIV

דער רומענישער שלום־אָפּמאַך און די אַנדערע פעלקער

— א —

די רעגירונגען פון די רומענישע פּראָווינצן האָבן געהאַט כמעט אַ 150־יאָריקע געשיכטע פון אָפּמאַך־ברוך און מיסברויך פון זייערע אונ־טערשריפטן. אין יאָר 1774 האָבן די צוויי פּראָווינצן מאָלדאָוויע און וואַ־לאַכיע, באַקומען אַ געוויסע מאָס פון אויטאָנאָמיע פון דער טערקישער מאַכט. נאָכן קרימער קריג האָבן די גרויסמאַכטן אָנגעהויבן זיך אינטע־רעסירן מיט דער יידישער לאַגע אין די פּראָווינצן. דער פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דעם 11טן פעברואַר 1856, בנוגע מאָלדאָוויע און וואַלאַכיע, האָט אַנטהאַלטן דעם פאָלגנדיקן אַרטיקל XIII: „אַלע רעליגיעס, און די וואָס באַקענען זיך צו זיי, זאָלן געניסן גלייכע פרייהייטן און גלייכן שוץ אין די צוויי פּרינציפּאַליטעטן“. דער אַרטיקל XVIII זאָגט ווייטער:

„אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, אָן אונטערשייד פון גע־בורט אָדער רעליגיע זאָלן געניסן פולע גלייכקייט פון ציווילע רעכט און ספּעציעל די רעכט פון אייגנטום אין אַלע זייערע פאָרמען; פון דער אַנדערער זייט זאָל דער באַנוץ פון פּאָליטישע רעכט ווערן אָפּ־געשאָפן פאַר די איינוווינער, וואָס שטייען אונטער פרעמדן שוץ“.
אויפן פּראָטעסט פון די פּראָווינצן האָט די קאָנווענץ אין פּאַריז מאָדי־

פיצירט די כוונה פונעם געזעץ דורכן אָנגענומענעם אַרטיקל XLVI, וואָס האָט אַנטהאַלטן די פאַרפליכטונג, אַז:

„אַלע וואַלאַכער און מאָלדאַווער זאָלן זיין גלייך אין די אויגן פון געזעץ און אין באַצוג פון שטייערן און זאָלן אין אַ גלייכער מאָס ווערן צוגעלאָזן צו עפנטלעכע אַמטן איןביידע פּרינציפּאַליטעטן“.

דאָס געזעץ האָט ווייטער סטיפּולירט:

„מאָלדאַווער און וואַלאַכער פון קריסטלעכן גלויבן זאָלן אין דער זעלביקער מאָס געניסן גלייכע פּאָליטישע רעכט. דאָס געניסן פון די רעכט זאָל ווערן אויסגעברייטערט אויך אויף אַנדערע רע־ליגיעס דורך ספּעציעלע לעגיסלאַטיווע אַקטן“.

אין 1857 האָבן די צוויי פּראָווינצן אָפּגעשטימט לטובת אַ פאַרייני־קונג און צוויי יאָר שפּעטער האָבן די טערקן געמוזט נאָכגעבן די גרויסע מלוכות און איינווילליקן אויף דער באַפרייאונג פון די פּראָווינצן אונטער אַ נאָמינאַלער טערקישער סוווערעניטעט. דער רעגירנדיקער פּרינץ גרעגאָר גהיקא האָט צוגעזאָגט, אַז די יידן וועלן שטופּנווייז עמאַנציפּירט ווערן, אָבער אָט די שטופּע, איז קיינמאָל נישט דערגרייכט געוואָרן.

נאָכן רוסיש־טערקישן קריג און דעם שלום פון סאַן־סטעפאַנא, אין מאַרץ 1878, האָט זיך פאַרזאַמלט אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון די גרויסמאַכטן אין בערלין אין יוני 1878. דער בערלינער אָפּמאַך, וואָס האָט באַשאַפן אַן אומאָפּהענגיקע רומעניע, האָט אַנטהאַלטן אַרטיקל XLVI, וואָס האָט פאַרפליכטעט די רומענישע רעגירונג אַז:

„אין רומעניע זאָל דער אונטערשייד פון גלויבן און דת, נישט באַטראַכט ווערן אַנטקעגן קיינעם ווי אַ גרונד פאַר אויסשלוס אָדער אומפעאיקייט אין זאַכן, וואָס זענען נוגע דעם באַנוץ פון ציווילע און פּאָליטישע רעכט, דאָס צולאָזן צו עפנטלעכע שטעלן, אַמטן און כבודים, אָדער טעטיקייטן אין די פאַרשיידענע פּראָפעסיעס און אינ־דוסטריעס אין וועלכן ס'איז פּלאַץ“ (אָנגענומען דעם 13טן יולי, 1878).

אָט דער אַרטיקל האָט דעמאָלט אַרויסגערופן אַזאַ גרויסן ווידער־שטאַנד ביי די רומענישע וואָרטזאָגערס, אַז עס איז געווען אַ באַוועגונג אין רומעניע גופא, אַז מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער אומאָפּהענגיקייט, איידער אָננעמען אַזאַ אָפּמאַך. אָבער די רומענישע דעלעגאַטן זענען נישט געווען בכוח צו ברעכן דעם פּאַרייניקטן פראָנט פון דייטשלאַנד, פראַנק־רייך, ענגלאַנד, און אפילו פון רוסלאַנד, וועלכע זענען אַלע צוזאַמען באַ־שטאַנען דערויף, אַז יידן מוזן קריגן גלייכע באַרעכטיקונג אין דער נייער רומעניע. די רומענישע דעלעגאַטן האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי אונטערצושרייבן דעם אָפּמאַך. דער האָהענצאָלערן פּרינץ קאַרל אַנ־טאָן, דער פאָטער און בעל־יועץ פון רומענישן מושל קעניג קאַרל I, האָט דערקלערט נאָך דער צערעמאָניע פון דער חתימה, אַז וואָס נוגע די יידי־שע רעכט איז דאָס נישט געווען מער ווי „הומאַניטאַרישע אַלגעמיינהייטן״. ער האָט געטרייסט די רומענישע דיפּלאָמאַטן, אַז נאָך אַלעמען איז די גאַנצע זאַך נישט מער ווי אַ פּראָבלעם פאַרן לעגיסלאַטיוון קאָמיטעט, און זיי וועלן שוין ממילא אַזוי פאָרמולירן די באַטרעפנדיקע פּאַראַגראַפן, אַז „איך בין איבערצייגט, אַז שפּעטער, מיטן אויסנאַם פון דער אַליאַנס איזראַעליט וועט אַפילו קיין האָן נישט קיין קריי טאָן איבער דער פאָרם אין וועלכער די פאַרשריפטן וועלן ווערן פאָרמולירט״(47).

און אַזוי איז עס טאַקע געשען. די רעגירונג האָט אַריינגעטראָגן דעם אַרטיקל VII אין איר קאָנסטיטוציע, וואָס האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַלע „פרעמדע״ איינוווינער אָן אונטערשייד פון רעליגיע קאָנען באַקומען אַן אינדיווידועלע נאַטוראַליזאַציע דורך אַ לעגיסלאַטיוון געזעצגעבערישן אַקט. טראָץ דעם, וואָס די חותמים־מלוכות האָבן איינגעזען, אַז אַרטיקל זיבן איז נישט אין איינקלאַנג מיטן גייסט פון אַרטיקל XLIV האָבן זיי פונדעסטוועגן געגעבן זייער אנערקענונג פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון רומעניע, מיט דער רעזערוואַציע, אַז רומעניע זאָל אין דער צוקונפט אויס־פירן די כוונה פונעם אַרטיקל XLIV. רומעניע האָט פאַרשטייט זיך אַזאַ צוזאָג נישט געזשאַלעוועט. דער צוזאָג האָט אָבער נישט געשטערט רו־מעניע צו טאָן אַלצדינג אין קעגנזאַץ צו אירע פליכטן. פון אַ יידישער באַפעלקערונג פון 200.000 נפשות זענען נאַטוראַליזירט געוואָרן סך הכל נישט מער ווי אַ פּאָר הונדערט יידן.

שוין דעמאָלט האָבן זיך געמערט די פּראָטעסטן. אין יאָר 1902 האָט דזשאָן העי, דער סעקרעטאַר פון סטייט־דעפּאַרטאַמענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַרויסגעשיקט אַ פּראָטעסט, און שפּעטער אויך געשיקט אַן אָנקלאַגע צו די מלוכות, וואָס האָבן געחתמעט דעם בערלינער אָפּמאַך. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט. נאָך די באַלקאַן מלחמות אין יאָר 1913, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט קיין רומעניע אַ טעריטאָריעלן צוווקס פון אַ פערטל מיליאָן יידן, האָבן ווידער די פאַרייניקטע שטאַטן אַרויסגעשיקט אַ נאָטע צו דער קאָנפערענץ אין בוקאַרעשט. די נאָטע האָט געפאָדערט נייע הבטחות מצד רומעניע פאַר אַן עפעקטיווער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. אויף דער פאַרזיכערונג פון מאַיאָרעסקו, אַז עס איז „אַן אַלגעמיינער סענטימענט, אַז די באַוווינער פון די ניי־געווונענע טעריטאָריעס זאָלן געניסן די זעלביקע ציווילע און רעליגיעזע פרייהייט, ווי אַלע אַנדערע באַוווינער פונעם שטאַט", האָט וועניצעלאָס געהאַלטן, אַז נאָך דער דערקלערונג פונעם פאָרזיצער (מאַיאָרעסקו), וואָס וועט זיין פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל — וואָלט יעדע אַנדערע באַשטימונג געווען איבעריק.

אין זומער 1916 איז רומעניע אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה, אויף דער זייט פון די אליאירטע. זי האָט געשלאָסן שלום מיט די דייטשן אין מאַי 1918, און איז ווידער אַריין אין מלחמה „העלפן די אליאירטע", דעם 9טן נאָוועמבער 1918, צוויי טעג פאַרן וואַפנשטילשטאַנד. טראָץ איר מיזעראַבלע האַלטונג בשעת דער מלחמה איז איר חוצפה געוואַקסן איבער אַלע גרעניצן.

בשעת דעם שלום־שלוס מיט די צענטראַל־מאַכטן, דעם 7טן מאַי האָט רומעניע אונטערגעשריבן אַ פאַרטראַג, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַרטיקל XXVIII ווו ס'זאָגט זיך:

די פאַרשידנקייט פון רעליגיעזן גלויבן זאָל נישט האָבן קיין שום השפּעה אויף דעם לעגאַלן סטאַטוס פון די איינוווינער און ספּעציעל נישט אין באַצוג אויף זייערע ציווילע און פּאָליטישע רעכט. דער פּרינציפּ, וואָס איז פעסטגעשטעלט אין פּאַראַגראַף 1 זאָל אויך אָנגעווענדט ווערן אויף פּערזאָנען אין רומעניע, וואָס האָבן נישט

קיין בירגערשאַפט, איינגעשלאָסן די יידן וואָס ווערן ביז איצט באַטראַכט דאָרט ווי פרעמדע. ביז צו דער ראַטיפיקאַציע פון שלום־אָפּמאַך, וועט צוליב דעם פּראָקלאַמירט ווערן אַ דעקרעט, אַז אַלע פּערזאָנען, וואָס באַזיצן נישט קיין אַנדערע נאַציאָנאַליטעט (בירגער־רעכט), וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין קריג, אָדער וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין רומעניע און וווינען אין לאַנד, און זענען יורשים פון עלטערן, דאָרט געבוירענע, זאָלן באַטראַכט ווערן אומ־מיטלבאַר אַלס רומענישע אונטערטאַנען מיט די פולע רעכט.

נאָכן צוזאַמענברוך פון דייטשלאַנד, האָבן די רומענער געוואָלט פאַר־כאַפּן דעם וועג און האָבן אַרויסגעגעבן אַן „עקוויליזאַציע״ דעקרעט פאַר אַלע איינוווינער. האָבנדיק דאָס דערגרייכט, האָבן זיי געלאָזט וויסן וויל־סאָנען, אַז די יידישע פראַגע איז שוין געלייזט געוואָרן. אין דעם נייעם דעקרעט האָט די רעגירונג באַשלאָסן, אַז די וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין רומעניע זאָלן דעקלאַרירן אין משך פון 2—3 חדשים זייער ווונטש צו ווערן בירגער און פאַרלייגן באַווייזן וועגן זייער געבורטס־אָרט, און אַז זיי זענען קיינמאָל נישט געווען אונטער אַ פרעמדן שוץ (פרעמדער בירגערשאַפט). פאַר אומגעטרייע, אָדער נישט־ריכטיקע דעקלאַראַציעס האָט געדראָט אַ שטראָף פון 1—5 יאָר תפיסה. די דעקלאַראַציעס האָבן גע־דאַרפט געבראַכט ווערן אין אַ קרייז־געריכט, ווו די „ריכטיקייט״ פון די דאַטעס און פאַקטן האָט געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן.

אָט דעם שווינדל האָבן מיר, די יידישע פאַרטרעטער אין פּאַריז, גוט פאַרשטאַנען און מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַקציע. פּראָ־פעסאָר הודסאָן האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָיעקט פון אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרלאַנגט ספּעציפישע גאַראַנטיעס פאַר יידישע רעכט אין רומעניע. דאָס מאָל האָבן מיר נישט געוואָלט האָבן קיין רעשעטע דורך וועלכער די רעכט וועלן קענען דורכגעזופּט ווערן פון די קלוגע רומענישע מעל־זי־פערס. דער העכסטער ראַט פון דער פרידן־קאָנפערענץ האָט דעם פּראָ־יעקט באַטראַכט אין יולי 1919, און אין אויגוסט איז דער טראַקטאַט גוט־געהייסן געוואָרן. די רומענער האָבן אויפגעהויבן אַ ויצעקו, און זיך אָפּ־געזאָגט אונטערצושרייבן דעם סט. זשערמעין פּאַקט מיט עסטרייך צוליב

אַט דעם מינאָריטעטן נוסח, וואָס האָט באַדאַרפט אונטערגעשריבן ווערן אינגיינעם מיטן פאַקט.

אין הענרי מאָרגענטויס בוך „אַלץ אין אַ לעבצייט" לייענען מיר אַן אינטערעסאַנטע נאָטיץ וועגן דעם: בראַטיאַנו איז געווען זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אויסצונוצן דעם אַמעריקאַנער איינפלוס קעגן דעם מינדערהייטן־געזעץ און צו וועמען זאָל ער קומען נאָך הילף אויב נישט צום ייד, הענרי מאָרגענטוי? איך ציטיר מאָרגענטויס ווערטער:

ער (בראַטיאַנו) האָט איינגעלאַדן מיין פרוי און מיך אויף אַ נאַכטמאָל. מיט אים זענען געווען די צוויי קעניגלעכע פרינצעסנס, עליזאַבעט און מאַריע, וועלכע זענען געווען פאַרהייראַט. איינע צום קרוינפרינץ פון גריכנלאַנד, און די אַנדערע צום קעניג פון סערביע. ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין דווקא פאַרן שוץ־געזעץ, האָט ער (בראַטיאַנו) דערקלערט: „איך וועל ליבער רעזיגנירן איידער חתמענען אַזאַ אָפּמאַך. און ווען די צייט איז געקומען, האָט ער טאַקע געהאַלטן וואָרט און רעזיגנירט"(48).

אַזוי ווייט מאָרגענטוי. אָבער בראַטיאַנו, און ספּעציעל די קעניגין מאַריע האָבן נישט גערוט און זיך געדראַפּעט אויף אַלע טרעפּ, כדי פּטור צו ווערן פון די „יידישע" פּאַראַגראַפן.

דער פירער־ראַט איז באַשטאַנען אויף זיינעם. דערווייל האָט זיך רומעניע אָפּגעזאָגט צו חתמענען דעם בולגאַרישן אָפּמאַך. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַנדל, אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, און ווו ס'איז דאָ האַנדל, דאָרט, פאַרשטייט זיך, איז אויך דאָ ריוח.

דעם 11טן אָקטאָבער 1919 האָט דער פירער־ראַט טעלעגראַפירט צו דער רומענישער רעגירונג אַז:

„אַזוי גיך ווי דער העכסטער ראַט וועט געווויר ווערן, אַז די רומענישע רעגירונג האָט בדעה אונטערצושרייבן דעם אָפּמאַך מיט עסטרייך אָן שום רעזערוואַציעס, וועט ער פון זיין זייט זיין גענייגט צו באַטראַכטן, אינאיינעם מיט רומעניע אַזעלכע מאָדיפי־

קאַציעס פון די פונקטן פון די מינדערהייטן־רעכט אין וועלכע רו־מעניע איז ספּעציעל פאַראינטערעסירט און וואָס רירן נישט אָן דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ. דאָס האָט דעם ציל צו געבן סאַטיספּאַקציע דער רומענישער רעגירונג".

דערווייל האָט דער פאַרעקשנטער בראַטיאַנו רעזיגנירט, ווי ער האָט עס פאַרויסגעזאָגט, און וואַידאַ־וואָיעוואָד איז געוואָרן פּרעמיער. דעם 24סטן נאָוועמבער האָט דער העכסטער ראַט צוגעשיקט אַן אײנוואָכיקן אולטימאַטום, מיט דער דראָאונג, אַז די אַליאירטע מלוכות וועלן איבער־רייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען, אויב רומעניע וועט זיך נישט אונ־טערגעבן, (געהאַנדלט האָט עס זיך נישט אַזויפיל וועגן די יידישע פּאַראַ־גראַפן ווי וועגן דער רומענישער שליטה און אַפּעטיטן אין אונגאַרן). אַ קאָמפּראָמיס איז דערווייל אויסגעאַרבעט געוואָרן, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן ענדערונג אין דער הקדמה פונעם מינדערהייטן־אָפּמאַך, מיט אַ שפּאָגל נייעם קעפּל, וואָס האָט דערקלערט, אַז דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן אין הסכם מיט רומעניע. דאָס איז געשען, כדי צו באַרואיקן דעם רומענישן האָנאָר. צווייטנס זענען פונעם אָפּמאַך אַרויסגענומען געוואָרן די ספּעציפיש יידישע פּאַראַגראַפן ווי: שבת־רו, יידישע שולן אאַז"וו. דער נייער פאָרשלאָג — דער טייל פון אַרטיקל 3, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן ווערט פאַר דעם נאַטוראַליזאַציע־פּראָצעס, האָט איצט געקלינגען:

רומעניע אַקצעפּטירט און דערקלערט, ווי רומענישע בירגער ipso facto אָן דער נויטווענדיקייט פון וועלכער ס'זאָל ניט זיין פאָרמאַליטעט אַלע באַשטענדיקע איינוווינער אויף איר טערי־טאָריע.

דער טייל וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פאַר יידן, איז פאַראַן אין אַרטיקל 7:

רומעניע נעמט זיך אונטער צו אנערקענען ווי רומענישע שטאַטסבירגער ipso facto און אָן וועלכע ס'איז פאָרמאַליטעטן, די יידן וואָס באַוווינען וועלכע ס'איז רומענישע טעריטאָריע און וועלכע האָבן נישט קיין אַנדערע נאַציאָנאַליטעט (בירגערשאַפט).

דעם 9טן דעצעמבער 1918, האָט גענעראַל וואַידאַ* געחתמעט דעם טראַקטאַט פון סט. זשערמעין. דער לעגאַליסטישער שטרייט איז געקומען צו אַ סוף, אָבער נישט די טראַגעדיע פון קרוב צו אַ מיליאָן יידן, וואָס רומעניע האָט איצט געהאַט אונטער איר ממשלה.

— ב —

צום שלוס אַ קורצער איבערבליק איבער די אָפּמאַכן מיט אַנדערע לענדער.

אויך טשעכאָסלאָוואַקיע איז פּטור געוועז פון די יידישע פּאַראַגראַפן אין דעם פּוילישן טראַקטאַט, כאָטש זי האָט אין שלום-דאָקומענט געהאַט פיר ספּעציעלע פּונקטן וועגן טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די רוטענער אין דעם אונגאַריש-טשעכאָסלאָוואַקישן ראַג פון די קאַרפּאַטן-בערג.

וואָס שייך די דייטשן, האָבן אין זייער אָפּמאַך געפעלט די מינדערהייטן-געזעצן. קלעמאַנסאָ האָט זיי דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט און זיי האָבן אָנגענומען אַ „מינדלעכע התחייבות", אַז אַלע מינדערהייטן אין דייטשלאַנד וועלן געניסן וויי־ניקסטנס אַזאַ גוטע באַהאַנדלונג ווי אין אַנדערע שטאַטן. שפּעטער האָבן זיי צוגעשיקט אויך אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג. דער פעלער אַרויפצולייגן אַ בינדיקע פאַרפליכטונג אין דער פאָרם פון אַ טראַקטאַט האָט זיך שטאַרק נוקם געווען, ספּעציעל אין דער היטלער-צייט. ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז ווען די יידישע דעלעגאַציעס האָבן שפּעטער דווקא יאָ געוואָלט אינטערווענירן ביי דער ליגע, כדי צו באַשטעטיקן די דייטשע מינדערהייטן-פאַרפליכטונגען לגבי די דייטשע יידן, האָבן די דייטשע יידן פּראָטעסטירט מער פון אַלע קעגן אַזאַ אינטערווענץ. איך געדענק, אַז אויף אַ פאַר-קאָנפערענץ אין ציריך, אין יאָר 1932, האָבן די פאַרטרעטער פון די דייטשע יידן, מיט געאָרג קאַרעסקי בראש, געשטורעמט קעגן יעדן פּרווו אונדזערן צו שטעלן די פראַגע פון

* גענעראַל אַלעקסאַנדער וואַידאַ-וואָיעוואָד.

מינדערהייטן־רעכט פאַר דייטשע יידן אויף דער טאָג־אָרדענונג פון די זיצונגען. עס איז אויך איינע פון די טראַגי־קאָמישע דערשיינונגען פון יידישן לעבן, וואָס די זעלבע יידישע פאַרטרעטער פון דייטשלאַנד האָבן באַנוצט אַלערליי פּאָליטישע דריידלעך, איינשליסלעך די דראָאונג, אַז זיי וועלן פאַרלאָזן די קאָנפערענץ, כדי אַרויסצוואַרפן פונעם טאָג־אָרדענונג מיינעם אַ רעפעראַט וועגן דער געפאַר פון היטלעריזם פאַרן וועלט־יידנ־טום.

— ווי קומט איר, אַן אַמעריקאַנער, האָבן זיי געטענהט, אונדז צו פּרעדיקן וועגן היטלעריזם? וואָס ווייסט איר וועגן דעם? מיר דייטשע יידן קענען זיך אונדזער שטעטל אַליין באַשטיין, און מיר האָבן גאָר קיין מורא נישט פאַר היטלערן, אפילו ווען עס זאָל אים אַמאָל יאָ געלונגען אַריינ־צוטרעטן אין דער רעגירונג. דערווייל איז ער נישט מער ווי אַ טשאַרלי טשאַפּלין ביי אונדז", — האָבן זיי געשפּאָט.

לאָמיר נישט פאַרגעסן: דאָס איז געווען אין אויגוסט 1932, נישט מער ווי פינף חדשים איידער היטלער איז געוואָרן רייכס־קאַנצלער(49).

אומקערנדיק זיך צוריק צו די מינדערהייטן־רעכט וואָלט מען אפשר געקאָנט טענהן אַז זיי וואָלטן סיי־ווי־סיי נישט געקאָנט העלפן בעת דער היטלער־בהלה. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז ביז אין די מיטעלע דרייסיקער יאָרן, האָבן די רעכט דווקא יאָ געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג, ווי למשל אין פאַל פון די יידן אין שלעזיע, ווו אַזאַ מינדערהייטן־אָפּמאַך האָט דווקא יאָ עקזיסטירט. מיר האָבן אָפט באַדויערט פאַרוואָס ס'האָבן נישט עקזיסטירט אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן אין דייטשלאַנד גופא, וואָס וואָלטן מעגלעך געמאַכט פּריצייטיק צו ברענגען די יידישע פראַגע אין דייטשלאַנד פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום.

אין טראַקטאַט פון סט. זשערמעין, וואָס עסטרייך האָט גע־חתמעט דעם 10טן סעפּטעמבער 1919, זענען יאָ געווען שוץ־געזעצן פאַר מינדערהייטן. אונגארן וואָס האָט אַליין געהאַט אונגאַרישע מינ־דערהייטן ביי אירע שכנים איז געווען צופרידן אונטערצושרייבן די מינ־דערהייטן־פאַראָרדענונגען אין טראַקטאַט פון טריאַנאָן, דעם 4טן יוני 1920.

ג ר י כ נ ל אַ נ ד האָט אונטערגעשריבן איר אָפּמאַך דעם 10טן אויגוסט 1920, אָבער אָן דעם דערציאונג פּאַראַגראַף.

דער ט ע ר ק י ש ע ר שלום איז ערשט צושטאַנד געקומען אין יולי 1923, אין לאָזאַן, וואָס איז אויך געווען די לעצטע חתימה פון אַ מינ־דערהייטן־טראַקטאַט.

ל אַ ט וו י ע און ע ס ט אַ נ י ע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונע־מען וועלכע ס׳איז מינדערהייטן־פאַרפּליכטונגען. ערשט אין יאָר 1923 האָבן די צוויי מלוכות געמאַכט אַנטשפּרעכנדיקע דעקלאַראַציעס צו דער ליגע. אמת די דערקלערונגען האָבן נישט געהאַט די פאָרם פון טראַקטאַטן אָבער זיי האָבן פונדעסטוועגן געטראָגן דעם שטעמפּל פון אָפיציעל אָנגע־נומענע התחייבותן אויפן געביט פון מינדערהייטן־שוץ.

בנוגע ל י ט ע האָט שוין דעם 5טן אויגוסט 1919 דער פּרעמיער אויגוסטינאָס וואָלדעמאַראַס, דעמאָלט דער ראש פון דער ליטווישער דע־לעגאַציע, אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג פאַרן קאָמיטעט פון די יידישע דעלע־גאַציעס, אַז די מיטגלידער פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט וועלן קריגן נישט נאָר ציווילע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר אויך נאַציאָנאַ־לע אויטאָנאָמיע, איינשליסלעך אַ יידישע וואַל־קוריע און אַ מיניסטער־יום פאַר די יידישע ענינים. דעם 12טן מאַי 1922 איז דער ליטווישער טראַקטאַט אונטערגעשריבן געוואָרן, אָבער די מינדערהייטס־רעכט זענען אָנגענומען געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ דעקלאַראַציע אנשטאט אַ ראַטי־פיקאַציע.

י ו ג אָ ס ל אַ וו י ע האָט דעם טראַקטאַט דווקא יאָ ראַטיפיצירט, אָבער נישט אָן געוויסע מאָדיפיקאַציעס.

ווי ס׳איז צו זען פון די פריערדיקע שורות האָט דער מינדערהייטן־שוץ געזעץ, ספּעציעל בנוגע יידן, געהאַט פאַרשיידענע פּנימער. אַזוי למשל האָבן די צוויי שכנותדיקע מלוכות, ליטע און פּוילן געהאַט אין זייערע טראַקטאַטן דעם פּונקט וועגן אויפהאַלטן יידישע שולן מיט אַ פּראָפּאָר־ציאָנעלן בייטראַג פון מלוכה־ביודזשעט און אַנדערע עפנטלעכע פאָנדן פאַר דעם צוועק. די אַנדערע טראַקטאַטן, האָבן אָדער גאָר אינגאַנצן אויסגעלאָזן די יידישע פּונקטן, אָדער זיי האָבן אָנגענומען נאָר אַ טייל פון זיי אין אַ מאָדיפיצירטער פאָרם.

בדרך כלל קאָן מען זאָגן, אַז די ערשטע פאַזע, די וויכטיקסטע פון דער שלום־קאָנפערענץ, איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט דער חתימה פון דעם דייטשן שלום־אָפּמאַך דעם 28סטן יוני 1919. די דאַטע איז אַן עפּאָכאַלע. גלייך נאָך דעם זענען פּרעזידענט ווילסאָן און לאָיד דזשאָרדזש, און אַ פּאָר אַנדערע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, זיך צעפאָרן. דער פירער־ראַט איז פאַרטרעטן געוואָרן פון אַ פינפער־ראַט מיט קלעמאַנסאָ בראש. נאָך ווילסאָנס אָפּפאָר האָט דער שטאַט־סעקרעטאַר ראָבערט לאַנסינג אַ שטיקל צייט פאַרנומען זיין פּלאַץ און פון יולי אָן האָט אונטער־סעקרעטאַר פראַנק לייאָן פּאָלק פאַרטראָטן אַמעריקע. לאָיד דזשאָרדזש האָט איבערגעלאָזט באַלפורן ער זאָל אים פאַרטרעטן און פון סעפּטעמבער אָן האָט סער איירע קראָו איבערגענומען זיין אַמט.

אין דעצעמבער האָט אויך פּאָלק פאַרלאָזן פּאַריז און אַמעריקע האָט אויפגעהערט אָנטיילנעמען אין די שלום־פאַרהאַנדלונגען. דעם 21סטן יאַנואַר 1920 האָט קלעמאַנסאָ רעזיגנירט און דער „העכסטער ראַט" האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. זיין פונקציע איז איבערגעגאַנגען צום „ראַט פון אַמבאַסאַדאָרן" מיטן זיץ אין פּאַריז. דער זעלביקער דאַטום באַצייכנט אויך אַנדערע צוויי וויכטיקע געשעענישן: דאָס אַריינגיין אין קראַפט פון דעם אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד און די ערשטע זיצונג פונעם ראַט פון פעלקער־בונד.

XV

די פּאַלעסטינע פראַגע

— א —

די ריין־ציוניסטישע פּראָבלעמען האָבן נישט געהערט צו די אייגנ־טלעכע קאָמפּעטענצן פון די יידישע דעלעגאַציעס. די ציוניסטישע הויפּט־קוואַרטיר האָט געהאַט איר אייגענעם ביוראָ און אירע אייגענע זיצונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אויך געוויסע מיטגלידער פון די יידי־שע דעלעגאַציעס, וואָס זענען געווען מיטגלידער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. אין קעגנזאַץ צו די יידיש־נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, וואָס האָבן געפלעפט די דיפּלאָמאַטן מיט זייער נייקייט, אָדער דרייסטקייט, איז אַ דאַנק דער באַלפור־דעקלאַראַציע, דער ציוניסטישער פּראָבלעם געווען אַן אנערקענ־טער פּאָליטישער פאַקטאָר, וואָס האָט זיך נישט געדאַרפט לעגיטימירן אין די קולוארן פון דער שלום־דיפּלאָמאַטיע. פונדעסטוועגן איז דער וועג געווען נישט קיין אויסגעטראָטענער און אין די טעג פון פּאָליטישן וויר־וואַר און דיפּלאָמאַטישע יאַרידים איז די באַלפור־דעקלאַראַציע געווען ניט מער ווי אַ וויזיט־קאַרטע, וואָס האָט געעפנט דעם צוגאַנג צום קאָמ־פּלעקסן פּאַלעסטינע־פּראָבלעם. עס זענען נויטיק געווען אַ סך אָנשטרענ־גונגען, כדי צו פאַרהיטן, אַז דער פּאַלעסטינע־מעמאָראַנדום זאָל נישט פאַרשלונגען ווערן אין די קאָשעקעס, אָנגעפּילט מיט די פּאַפּירן פון אומ־דערליידיקטע אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן, וואָס זענען טאָג־טעגלעך אויס־געליידיקט געוואָרן אין די וואַסערן פון פּאַריזער סען־פלוס.

אין דעם פּרט פונעם צוקונפטיקן מאַנדאַט זענען די יידישע דעלע־גאַציעס, וואָס האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַן ערך פון צוועלף מיליאָן יידן, געווען אויסעראָרדנטלעך וויכטיק. די דעלעגאַציעס וואָס האָבן רע־

פּרעזענטירט דעם רוב מנין פונעם יידישן פאָלק, האָבן געגעבן אַן ענטפער אויף דער קאַרדינאַלער פראַגע: מי ובמי אנו הולכים? אין דעם פּרט פון ארץ־ישראל האָבן ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו נישט געדאַרפט באַנוצן דעם זכות־אָבות פון דער אָדער יענער פּאַרטיי. זיי האָבן מיט שטאָלץ און קראַפט געקענט אָנווייזן, אַז זיי רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אויסער דעם וואָס די יידישע דעלעגאַציעס האָבן, אַזוי צו זאָגן, געגעבן דעם פאָלקישן יסוד אונטער די ציוניסטישע פאָדערונגען — האָבן די דעלעגאַציעס גופא געטראָגן דעם פּאַלעסטינע־פּראָגראַם אויף זייער פאָן און דאָס יידישע היימלאַנד איז געווען דער ראש־פּינה פון דעם יסודותדיקן פּראָגראַם פון קאָמיטעט פון די יידישע שלום־דעלעגאַציעס. אָט די קעגנזייטיקע צוזאַמענאַרבעט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון די יידישע דעלעגאַציעס, איז געווען וויכטיקער ווי מען קאָן זיך דאָס פאָרשטעלן. ווייל אויך אין דער פּאַלעסטינע־פראַגע איז דער וועג נישט געווען קיין גלאַטער. געוויסע, זייער איינפלוסרייכע יידן, האָבן געפּרוווט כאַפּן פיש אין די מוטנע פּאָליטישע וואַסערן, און האָבן כסדר קאָנספּירירט כדי צו טאָרפּעדירן די באַלפור־דעקלאַראַציע און מאַכן פון איר אַ פאַפּירענעם שקאַרמיצל. די מאָרגענטויס און אַנדערע זענען געווען גלאַט אַנטי־ציוניסטן, וואָס האָבן כסדר געגראָבן גריבער אונטערן ציוניזם, אַז ער זאָל אַריינפאַלן. אָבער אפשר נאָך געפערלעכער איז געווען די טענה פון די יידיש־פראַנצויזישע קרייזן, וואָס האָבן זייער אַסימילאַציע פאַרבונדן מיט אַ כלומרשט פראַנצויזישן פּאַטריאָטיזם, וועלכער האָט געהאַט זיינע אייגענע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן אין נאָענטן מזרח בנוגע דעם מיטללענדישן ים. פראַנקרייך און אויך איטאַליע האָבן זיך באַטראַכט ווי ריוואַלן מיט ענגלאַנד און האָבן געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף עפּעס אַ נייעם אורח, וועלכן די ענגלענדער האָבן איינגעלאַדן צו עסן ביי אַ פרעמדן טיש.

פּרעזידענט ווילסאָן האָט דעם 31סטן אויגוסט 1918 דערקלערט פאַר ד״ר סטיפן וויַיז זיין הסכם מיטן אידעאַל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און געזאָגט, אַז די אַמעריקאַנער „קענען נישט זיין גערירט, וואָס אין די צייטן, ווען עס הערשן אַזויפיל גוואַלד־טאַטן און רשעותן

אויף דער וועלט, האָט ד״ר ווייצמאַן געלייגט דעם ווינקלשטיין פאַר אַ העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים״*.

דעם 14טן יאַנואַר 1919 האָט ד״ר ווייז איינגעאָרדנט אַ צוזאַמענטרעף צווישן ווייצמאַנען און ווילסאָנען און ווי ד״ר ווייז שרייבט אין זיינע מעמואַרן, האָט ווילסאָן אויסגעדריקט זיין גרויסע אַכטונג פאַר ווייצמאַנען.

דער היסטאָרישער טאָג פאַר דער ציוניסטישער זאַך איז פאָרגעקומען דאָנערשטיק דעם 27סטן פעברואַר, 1919, 3.30 נאָכמיטאָג, דעם טאָג ווען די ציוניסטישע דעלעגאַציע האָט פאַרטיידיקט איר פּראָגראַם פאַר דעם צענער־ראַט. ביי דער זיצונג זענען אַנוועזנד געווען דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער פּישאָן און טאַרדיע פון פראַנקרייך, באַלפור און מילנער פון גרויס־בריטאַניע, לאַנסינג און ווייט פון אַמעריקע, און גראַף סאָנינא פון איטאַליע.ביידע, ווילסאָן און לאָיד דזשאָרדזש זענען געווען אָפּוועזנד צוליב אַן אַעראָפּלאַן־פאַרשפּעטיקונג. די יידישע רעפּרעזענטאַנץ איז באַשטאַנען פון נחום סאָקאָלאָוו און חיים ווייצמאַן (אין נאָמען פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע), מנחם מ. אוסישקין (אין נאָמען פון די רוסישע ציוניסטן), אַנדרע ספּיר (סעקרעטאַר פון דער ליגע „אַמי דע סיאָניזם״) און סילוויין לעווי (פראַנצויזישער רעפּרעזענטאַנט פון דער ציוניסטישער קאָמיסיע אין פּאַלעסטינע)**.

דער ערשטער רעדנער איז געווען ס אָ ק אָ ל אָ ו װאָס האָט געגעבן אַ מין היסטאָרישן איבערבליק און באַטאָנט די מאָראַלישע חזקה פון

---

* ביים שוין פריער דערמאָנטן אויפנעם פון אַ דעלעגאַציע פון ד״ר ווייז, מעק מאַרשאַל און ריטשאַרדס האָט ווילסאָן דערקלערט: „וועגן אייער פאַרשטעל, וואָס איז נוגע פּאַלעסטינע, האָב איך שוין פריער אַמאָל אויסגעדריקט מיין הסכם מיט דער דעקלאַראַציע פון דער בריטישער רעגירונג בנוגע פּאַלעסטינע. איך בין איבערצייגט, אַז די אַליאירטע פעלקער, מיטן פולן הסכם פון אונדזער אייגענער רעגירונג און פאָלק, זענען אייניק דערויף, אַז אין פּאַלעסטינע זאָל געלייגט ווערן דער פונדאַמענט פון אַ יידישער „קאָמאָנוועלט״ (מדינה). זען סיירוס אדלערס בוך With firmness in the Right זייט 79.

** אַ גענויען סטענאָגראַפישן באַריכט זען אין די הוספות.

די יידן אויף פּאַלעסטינע. ער האָט גערעדט פראַנצויזיש. לויט ווי ווייצמאַן האָט געמאָלן די סצענע אין זיין ראַפּאָרט, האָט, „ווען סאָקאָלאָוו האָט גערעדט, זיך געפילט ווי די צוויי־טויזנט־יאָריקע געשיכטע פון יידישע ליידן וואָלטן פון אים אַרויסגערעדט"(50). נאָך אים האָט ווייצמאַן אַליין גערעדט אין ענגליש (אַרום 6—7 מינוט) וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די מזרח־יידן, וועלכע די מלחמה האָט, מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער רואינירט, און פאַרוואָס די גרויסע מלוכות דאַרפן דאָס יידישע פאָלק אונטערשטיצן אין זיינע שטרעבונגען צו פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין אַ יידישע היים. אוסישקין האָט גערעדט העברעאיש און געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיטן שיינעם קלאַנג פון דער העברעאישער שפּראַך. און אַנדרע ספּיר האָט אין נאָמען פון די פראַנצויזישע ציוניסטן אונטערשטיצט די פּאַלעסטינע פאָדערונגען, און אַפּעלירט צו די פאַרטרעטער פון פראַנקרייך, וועלכע האָבן תמיד געהאַט גרויס פאַרשטענדעניש פאַר די הויכע אידעאַלן, וואָס זענען פאַראַן אין די יידישע פאַרלאַנגען.

ביז איצט איז אַלץ געגאַנגען ווי געשמירט. יעדער האָט זיך געהאַלטן אין זיין רייד־מאָס לויטן פריערדיקן אָפּמאַך. אַ פיינלעכע איבעררא־שונג איז געקומען פון אַ גאַנץ אומדערוואַרטער זייט. איידער סילוויין לעווי, פּראָפעסאָר פון סאַנסקריט, האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער דעלעגאַציע, האָט ער צוגעזאָגט זיך צו האַלטן געטריי אין די ראַמען פון די ציוניסטישע פאָדערונגען. אָבער, ווייזט אויס, אַז ער איז געוועזן צופיל אַסימילאַנט, דורכצולאָזן אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט און גראָד ער האָט גערעדט צום לענגסטן פון אַלעמען — גאַנצע 20 מינוט — און, כמנהג בלעם, איז ער נישט נאָר געקומען שילטן, נאָר האָט טאַקע אַ היפּש ביסל קאַליע געמאַכט.

אָנגעהויבן האָט ער דווקא מיט לויב־געזאַנגען. ער האָט באַטאָנט דעם ווערט פונעם ציוניזם צו באַלעבן די יידישע מאַסן, געשילדערט די געשיכ־טע פון דער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, די ראָטשילד־קאָלאָניעס און די אַליאַנס־טעטיקייטן. איז וואָס? דאַכט זיך אַלצדינג כשר וישר? איז ער אָבער פּלוצים אַריבערגעשפּרונגען אויף דער נעגאַטיווער זייט: פּאַלעס־טינע איז צו קליין — האָט ער געזאָגט — און די אַראַבער וועלן שטאַרק

ליידן אויב די יידן וועלן אַריינשטראָמען אין לאַנד אַריין. קיין פּאַלעס־טינע, האָט ער ווייטער דערקלערט, וועלן נאָר אויסוואַנדערן רוסישע יידן, און רוסישע יידן זענען כידוע אַן „עקספּלאָזיווער" (רעוואָלוציאָנערער) עלעמענט. פאַר די אַנדערע יידן, איז לויט זיין מיינונג, די זאַך אויך אַן אומבאַקוועמע צוליב דעם פּרינציפּ פון אַ טאָפּלטער לאָיאַליטעט, וואָס אַזאַ באַוועגונג וועט אַריינברענגען אין יידישן לעבן. און דאַן איז די קאַץ אַרויסגעשפּרונגען פונעם זאַק: די פּראַגע, האָט ער געגעבן אָנצוהערן, האָט אַ טיפע באַדייטונג פאַר פראַנקרייך, וועלכע איז אַ מיטללענדישע ים־מאַכט און האָט אירע אייגענע אינטערעסן אין די ברעג־לענדער פון ים התיכון אאַז״וו*.

ס׳פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ פּיינלעכע לאַגע און מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן די קאָנסטערנאַציע ביים ציוניס־טישן צד. צום גליק האָט פּלוצים דער אַמעריקאַנער שטאַט־סעקרעטאַר לאַנסינג אַ פרעג געטאָן ד״ר ווייצמאַנען, וואָס אַזוינס די ציוניסטן פאַר־שטייען אונטער דער לאָזונג פון אַ „נאַציאָנאַלער היים". דאָס האָט ווייצ־מאַנען געגעבן אַ מעגלעכקייט און ער האָט זי גוט אויסגענוצט כדי צו־נישט צו מאַכן לעוויס בייזע רכילותן.

„מיר פאַרלאַנגען — האָט ווייצמאַן דערקלערט — אַזוינע באַדינ־גונגען, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן אַ יערלעכע איינוואַנדערונג פון 60.000 יידן, ווי אויך די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אונדזער קאָלאָניזאַציע, שפּראַך, שול־סיסטעם און פאַרוואַלטונג, וועלכע זאָלן פירן דערצו, אַז פּאַ־לעסטינע זאָל ווערן אַ יידיש לאַנד. מיר האָפן צו אַנטוויקלען פּאַלעסטינע פאַר די יידן, פונקט אַזוי ווי ענגלאַנד איז אַ היימלאַנד פאַר די ענגלענ־דער און אַמעריקע פאַר די אַמעריקאַנער. ער האָט נישט געלייקנט אַז די קאָלאָניזאַציע איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, ער איז אָבער באַשטאַנען

* דעם זעלבן אָוונט האָט דער פראַנצויזישער פאַרטרעטער פונעם צענער־ראַט, טאַרדיע, אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז פראַנקרייך וועט נישט זיין קעגן אַ בריטישן מאַנדאַט און קעגן דער גרינדונג פון אַ יידישער מדינה. אגב איז דאָס גע־ווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דאָס וואָרט „מדינה" איז באַנוצט געוואָרן אין צוזאַמענ־האַנג מיט אַ יידישער פּאַלעסטינע.

דערויף, אַז זי איז דורכאויס מעגלעך און האָט אָנגעוויזן ווי אַ ביישפּיל אויף די דערפאָלגרייכע פראַנצויזישע קאָלאָניזאַציע אין טוניס. ער האָט צונישט געמאַכט די מורא פאַר אַ „טאָפּלטער לאָיאַליטעט״, און דעם פּחד פאַר די רוסישע יידן. „גראַד די רוסישע יידן האָבן געגרינדעט די קאָלאָניעס, וועלכע סילוויין לעווי האָט אַזוי שטאַרק געלויבט״. וועגן דער טאָפּלטער לאָיאַליטעט האָט ווייצמאַן צוערשט דערמאָנט, אַז אויך די „אַליאַנס איזראַעליט״ וואָלט געקענט דערוועקן דעם חשד פון אַ „טאָפּל־טער לאָיאַליטעט״, און ער האָט דאָן מוסיף געווען, אַז ער רעדט אין נאָ־מען פון 96% יידן וואָס זענען אַלע פאַר אַ יידישער פּאַלעסטינע.

— ב —

חוץ דער פּערזענלעכער פּרעזענטירונג פון דער ציוניסטישער זאַך האָבן די ציוניסטישע פירער פאָרגעלייגט אַ מעמאָראַנדום, וואָס האָט אַנטהאַלטן די פאָלגענדיקע פּונקטן:*(51)

1) אַ פאַרלאַנג פון אַנערקענונג פון דער היסטאָרישער פאַר־בינדונג פונעם יידישן פאָלק מיט פּאַלעסטינע און זיין רעכט פאַר רעהאַביליטאַציע פון פּאַלעסטינע פון רעכטסוועגן ווי אַ נאַציאָנאַלע היים.

2) פאַר דעם צוועק זאָל די רעגירונג און אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע צוגעטיילט ווערן צו גרויס־בריטאַניע ווי די מאַנ־דאַט־מאַכט פון דער ליגע און ווי דער ממונה פון די מלוכות, וואָס התמענען דעם מאַנדאַט.

3) די גרעניצן פון פּאַלעסטינע זאָלן זיין עקאָנאָמיש צו־פרידנשטעלנדיק און זיך ציען אין מערב ביז צום מיטללענדישן ים אין צפון ביז לבנון, איינשליסנדיק די וואַסער־טיילונגען פון חרמון; אין מזרח ביז צו דער העדזשאַס באַן־ליניע און ענדיקן זיך ביים גאָלף פון עקבא.

---

* זען אריגינאל אין די הוספות.

4) פּאַלעסטינע זאָל געשטעלט ווערן אונטער אַזעלכע פּאָלי־טישע, אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס זאָלן פאַרלייכטערן די גרינדונג פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער היים און אַ פועל־יוצאדיקע אַנטוויקלונג פון אַן אויטאָנאָמען „קאָמאָנוועלט".

5) צוליב אַט די צילן דאַרף די מאַנדאַט־מאַכט אונטער־שטיצן די יידישע איינוואַנדערונג פאַר אַן אינטענסיווער קאָלאָני־זירונג פונעם לאַנד און אַקצעפּטירן די מיטאַרבעט פון אַ יידישן ראַט (אַגענץ), וואָס זאָל זיין די רעפּרעזענטאַנץ פון די יידן אין פּאַלעסטינע און אין דער גרעסער וועלט.

6) העברעאיש דאַרף ווערן איינע פון די אָפיציעלע שפּראַכן אין לאַנד.

7) דער יידישער שבת און ימים־טובים זאָלן קריגן די אַנער־קענונג פון געזעצלעכע רו־טעג.

אַט די פאָרשלאָגן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַר דער שלום־קאָנ־פערענץ.

דער אויפטריט פון דער דעלעגאַציע האָט געמאַכט אַ גאַנץ גוטן איינדרוק אויף דעם צענער־קאָמיטעט, וואָס איז דעמאָלט געווען די העכסטע אינסטאַנץ, איידער דער פירער־ראַט האָט איבערגענומען די אַנטשיידנ־דיקע ראָל אין אַלע פראַגן פון דער שלום־קאָנפערענץ.

אָבער פּראָפעסאָר לעווי האָט נישט געפּלאַפּלט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. ס'זענען געווען גענוג קעגנער אין פראַנקרייך גופא, וואָס וואָלטן געוואָלט, אַז אויך פראַנקרייך זאָל עפּעס קריגן פאַר זיך ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַר איבערלאָזן דעם פּאַלעסטינע־מאַנדאַט פאַר ענגלאַנד. אויך דער וואַטיקאַן האָט צוגעשיקט פּראָטעסטן קעגן דער אויסליפערונג פון די הייליקע פּלעצער צו די יידן. אין מערץ 1919, בעת דער צערעמאָ־ניע פון באַשטימען נייע ביסקופן, האָט דער פּויפּסט געמאַכט אַ שאַרפע באַמערקונג קעגן דער שאַפונג פון אַ יידישער היים אין פּאַלעסטינע. אַזוי ווי די זאַך האָט זיך פאַרשלעפּט און מען האָט נישט געקענט קומען צו אַ טאַלק, און דער „אינטער־רעגנום" האָט אָנגעהויבן אונטערצוגראָבן די זיכערקייט פון לאַנד, האָט די ענגלישע רעגירונג, אין סעפּטעמבער 1919,

אויף דער אייגענער האַנט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט צו דער מיליטערישער אָקופּאַציע־מאַכט אין פּאַלעסטינע, אַז זי זאָל איבערנעמען די ציווילע אַד־מיניסטראַציע פון לאַנד און אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן וואָס מען רופט אויפן דיפּלאָמאַטישן לשון אַ „פּעט אקאמפּלי".

ערשט דעם 25סטן אַפּריל 1920, זענען אויף דער קאָנפערענץ אין סאַן רעמאָ פעסטגעשטעלט געוואָרן די יסודות פונעם מאַנדאַט און מיט דער צושטימונג פון פראַנקרייך און איטאַליע איז דער מאַנדאַט ראַטיפי־צירט געוואָרן פון דער פעלקער־ליגע, ביים סוף פון 1923, מער ווי אַ יאָר נאָך דעם ווי דער ראַט פון פעלקער־בונד האָט געהאַט געגעבן זיין צושטימונג דערצו.

XVI

די קריטיק פון מינדערהייטן־טראַקטאַט

— א —

גרויס זענען געווען די האָפענונגען, וועלכע מען האָט געלייגט אויפן מינדערהייטן־טראַקטאַט און נאָך גרעסער איז געווען די אַנטוישונג ווען די האָפענונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי קוים האַלב־רעאַליזירבאַרע. עס איז אַ היסטאָריש באַוויזענער פאַקט, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן פון די אַרכיטעקטן פון שלום אַליין, אַז ווען נישט די יידישע עקשנותדיקע עסקנות וואָלט קיין מינדערהייטן־שוץ־פאַקט איבערהויפּט נישט צושטאַנד געקומען. ס׳פאַרשטייט זיך אַז דער יידישער איינפלוס איז געווען איבער־געטריבן און עס איז נישט מער ווי אַן עין הרע פון יידנפיינטלעכע עלע־מענטן וואָס האָבן אומעטום געזען דעם קאָשמאַר פון יידישן איינפלוס. אָבער נישט איבערגעטריבן איז דער פאַקט, אַז אַ דאַנק דער שווערער יידישער פּראַצע און אַ דאַנק דעם אומאויפהערלעכן דרוק פון יידישע מנהיגים, איינעם מיט דער אייזערנער לאָגיק פון די אומשטענדן איז געקומען צו דער פאָרמולירונג פון די מינדערהייטן־רעכט. דער קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס האָט זיך דערוואָרבן אַ בכבודיקן ווינקל אין דעם היכל פון דער וועלט־געשיכטע מיט זיין איניציאַטיוו און פלייס אין קאַמף פאַר די רעכט פון די קליינע פעלקער, און אויב עפּעס אַן אָרגאַני־זאַציע האָט זיך אַמאָל פאַרדינט דעם נאָבל־פּרייז פאַר שלום איז עס געווען דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז, מיט זיינע פירער, מאַרשאַל, מעק, סאָקאָלאָוו און די אַנדערע מיטגלידער פון דער היסטאָרישער קערפּערשאַפט. כאָטש אַ מענטש, ווי ד״ר סיירוס אדלער,

וואָס האָט געקוקט מיט גרינע אויגן פון קנאה אויף אַלע מעשים פון די דעלעגאַציעס וואָס האָבן געשמעקט מיט דערפאָלג, גיט אין זיינע מע־מוּאַרן אָנצוהערן ווי שוין דערמאָנט, אַז דער „קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס איז מכלומרשט געווען נישט מער ווי אַ דעבאַטע־געזעל־שאַפט", מחמת זיי האָבן אָנגעגעבן זייער מעמאָראַנדום שוין נאָכן גאַנצן טאַראַראַם דעם 24סטן יולי 1919 (דער מעמאָראַנדום האָט געטראָגן דעם דאַטום פון 10טן מאי 1919), האָט ער אָבער אַליין גוט געוווּסט, אַז דאָס איז נישט געווען מער ווי זיין אייגענע השערה. ס׳איז אַ פאַקט, אַז אַלע האָבן געקוקט אויף אים גופא מיט קרומע אויגן ווי אויף אַן אומגעבעטע־נעם גאַסט אויף אַ פרעמדער חתונה, כאָטש אין איינצלנע פאַלן האָט ער זיך אַרויסגעוויזן מיט אַ געוויסער הילף. דער מעמאָראַנדום וועגן וועלכן אַדלער האָט אַזוי איראָניש זיך געוויצלט איז טאַקע דעפאָנירט געוואָרן ביים סעקרעטאַריאַט פון דער שלום־קאָנפערענץ שוין נאָך מתן־תורה, אַזוי צו זאָגן,* אָבער ערשטנס זענען די אומצייליקע מעמאָראַנדומס, וואָס מעק און מאַרשאַל האָבן פאָרגעלייגט ביי זייערע אינטערוועוצן, נישט געקומען פון קיין יחיד, נאָר טאַקע פונעם גאַנצן קאָמיטעט פון די יידישע דעלע־גאַציעס; און צווייטנס איז דער לעצטער מעמאָראַנדום געווען נישט מער, ווי אַ דאָקומענט, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע יידיש־נאַציאָנאַלע פאָדע־רונגען, אַ מין היסטאָרישער דאָקומענט וועגן דעם וואָס די יידן האָבן נישט אויפגעהערט צו פאַרלאַנגען, אפילו נאָכדעם ווי די שלום־קאָנפערענץ האָט שוין געמאַכט איר אַנטשיידונג.

דער אמת, וועגן דעם גרויסן יידישן אויפטו, איז באַשטעטיקט גע־וואָרן פון גאַנץ באַגלויבטע און קאָמפעטענטע עדות. אין זיין אַרבעט „דער שוץ פון מינדערהייטן אין אויטאָכטאָנע און איבערגעטראָגענע טעריטאָ־ריעס" שרייבט מאַנלעי הודסאָן, פראָפעסאָר פון הארווארד אוניווערזי־טעט און געזעץ־פאָרמולירנדיקער באַראַטער פון דער אַמעריקאַנער שלום־

* דער מעמאָראַנדום האָט געטראָגן די אויפשריפט: Memorandum à leur Excellences Monsieur le President et les Messieurs les Delégués à la Conference de la Paix. Mai 10, 1919 (Par le Comité des Délegations Juives, etc....).

דעלעגאַציע: „צוליב דער טרייב־קראַפט פונעם יידישן קאָמיטעט, (קאָמי־טעט פון יידישע דעלעגאַציעס) געפירט פון ריכטער מעק און לואי מאַר־שאַל, האָט די פראַגע וועגן דעם שוץ פון די יידן דערוועקט דעם אינטע־רעס פון קאָלאָנעל האוס און די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט צוגעגרייט די פאָרשלאַג וואָס האָבן געהאַט א שייכות מיט די מינדערהייטן אין פוילן, פאַר זייער איינשלוס אין דעם אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד״.

אין אַ רעפּעראַט וואָס ער האָט געהאַלטן נאָך זיין אַהיימקומען, האָט דער זעלביקער הודסאָן געענטפערט אויף אַ פראַגע וועגן דער באַציאונג פון די פאַרשיידענע שטאַטסמענער צו די יידישע רעכטס־פּרינציפּן:

„איך האָב קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין די האַלטונג פון קלעמאַנסאָ. ער איז געזעסן און דאָס איז אַלץ. עס איז געווען פּרע־זידענט ווילסאָנס אינטערעס אין דער זאַך, און זיין ווּנטש צו באַ־שיצן די יידן אין אייראָפּע, אויפן פאַרלאַנג פון די אַמעריקאַנער יידן, אַז זיי זאָלן ווערן אַזוי באַשיצט, און דאָס האָט מעגלעך גע־מאַכט אַז די זאַך זאָל דורכגעפירט ווערן. אָבער הויפּטזעכלעך איז עס געווען אַ מין אָנגעלעגנהייט וואָס וואָלט געקאָנט לייכט פאַר־לוירן גיין בעת דער קאָנפערענץ, אַזוי ווי עס זענען פאָרגעקומען גע־וואָרן פיל אַנדערע פראַגן, וואָס זענען געקומען אויפן טיש פון דער קאָנפערענץ. עס איז מיין איבערצייגונג אַז אויב דאָס איז נישט אַזוי געשען, איז דאָס נאָר אַ דאַנק דער צודרינגלעכקייט פון די אַמעריקאַנער יידן, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט״.

די יידישע דעלעגאַציע האָט נישט נאָר געהאַט דעם זכות צו זיין דער איניציאַטאָר און מוטיקער קעמפער פאַר דער אידעע פון מינדערהייטן־שוץ, נאָר דער גרעסטער אויפטו איז אפשר באַשטאַנען אין דעם, וואָס די יידישע פאָדערונג פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטס־רעכט האָבן נישט געטראָגן קיין סעקטאַנטישן כאַראַקטער. דער יידישער פאַרלאַנג איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שוץ פאַר אַלע נאַציאָנאַלע אָדער עטנישע מינאָריטעטן, אָן אונטערשייד פון ראַסע אָדער רעליגיע. מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר ספּעציפיש יידישע רעליגיעזע און דערציערישע פּונקטן, האָבן

די יידן אויסגעהיטן זיך צו מאַכן דערפון אַ באַזונדערע יידישע מסכתא. עס איז געווען אַ מתן תורה לכל העמים — פאַר אַלע קליינע פעלקער. אין אַט דער מדה איז געלעגן די שטאַרקייט פונעם אַפּמאַך און אפשר אויך די שוואַכקייט זיינע. מחמת געוויסע הנחות, וועלכע מען וואָלט אפשר יאָ געקענט קריגן פאַר די יידן, האָבן צוליב זייער אַלגעמיינער פאָרעם, אַרויסגערופן אַ חשד און אַ מורא ביי די פאָליטיקער. די דייטשן, למשל, זענען געווען זאַלץ אין די אויגן פון די אליאירטע מלוכות אין כדי נישט נאָכצוגעבן די דייטשן, וועלכע האָבן אויך געהאַט מינדער־הייטס־פּראָבלעמען, האָט מען געקמצנט מיט הנחות פאַר יידן.

ווען מיר האָבן שוין דערמאָנט די סיבה פאַרוואָס דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס האָט געהאַלטן פאַר נוצלעך אַריינצוברענגען זיין מעמאָראַנדום אַזוי שפּעט „נאָך מתן תורה”, האָבן מיר דאָס דערקלערט מיט דעם, וואָס דער קאָמיטעט האָט געוואָלט דערמיט פאַרצייכענען, אַז די קאַרדינאַלע יידישע פאָדערונגען בלייבן אַלץ די זעלביקע, אפילו ווען זיי זענען נישט אַלע אָנגענומען געוואָרן פון העכסטן פאָרום.

דער אמת איז, אַז די גרויסע שוואַכקייט פון טראַקטאַט בנוגע די יידן איז טאַקע געלעגן אין דעם יסודותדיקן פעלער פון די גרויסע מלו־כות, וואָס האָבן נישט געוואָלט אנערקענען די יידישע נאַציאָ־נאַליטעט. עס איז אָן אַלטער כלל, אַז אויף אַ וואַקלדיקן פונדאַ־מענט קען מען קיין סטאַבילן בנין נישט אויפבויען. אַזוי ווי די יידישע מינדערהייט האָט נישט זוכה געווען צו קריגן איר אנערקענונג ווי אַ פאָ־ליטישע קערפּערשאַפט, האָט זי ממילא נישט געקענט האָבן קיין פאַר־טרעטערשאַפט אין דער ליגע און נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו געניסן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן שוץ, וואָס איז געווען דער פּרוּוושטיין פון דעם גאַנצן שוץ־טראַקטאַט. די פעלקער־ליגע האָט געזאָלט זיין דער מלאך הגואל פון די מינדערהייטן, אָבער די מינדערהייטן האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט צו דער ליגע, סיידן עס איז עמיצן פון זיי געלונגען צו גע־פינען אַ מליץ־יושר אין אַ פרעמדער רעגירונג וואָס איז געווען אַ מיט־גליד פונעם ראַט פון דער ליגע און האָט מסכים געווען אָנצונעמען זיך איר קריוודע און אויפצוטרעטן ווי אַ קטיגור קעגן דעם שולדיקן צד, וואָס איז אויך געווען אַ סוווערענע מלוכה.

איבערהויפט איז די פּראָצעדור פון רעקלאַמאַציעס און אָנקלאָגעס געווען אַ פאַרוויקלטע, אַ לאַנגע און אָפטמאָל אַ געפערלעכע פאַר די באַוואָלטע מינדערהייטן. דער מינדערהייטן־טראַקטאַט האָט, ווי באַקאַנט, געגעבן דאָס רעכט יעדן מיטגליד פון דער ליגע צו ברענגען צו דער אויפמערקזאַמקייט פונעם ראַט יעדע עוולה, אָדער די געפאַר פון אַ פאַרלעצונג פון די רעכט פון מינדערהייטן(52). עס זענען געווען דריי שטופן פון אַ לאַנגן לייטער, וואָס די פּראָצעדור האָט געמוזט אַרויפקלעטערן. דער ערשטער שריט איז באַשטאַנען אין אַריינברענגען אַ פּעטיציע צום סעקרעטאַריאַט פון דער ליגע. דאָס איז געווען אָפן פאַר אַלעמען. די פּעטיציע איז דאַן צוגעשיקט געוואָרן צו דער מינדערהייטן־סעקציע פונעם סעקרעטאַריאַט. דער דירעקטאָר פונעם סעקרעטאַריאַט האָט באַדאַרפט אַנטשיידן צי די פּעטיציע זאָל אָנגענומען ווערן צי נישט. נאָכדעם ווי די אָנקלאגע איז שוין יאָ אָנגענומען געוואָרן האָט מען געלאָזט וויסן די באַטרעפנדיקע מלוכה וועלכע איז געוואָרן אָנגעקלאָגט און די מלוכה האָט געהאַט דריי וואָכן צייט צו דערקלערן צי זי וויל צושטעלן איר אייגענעם קאָמענטאַר אויף דער פּעטיציע. אויב זי האָט געענטפערט, אַז יאָ, האָט זי געקריגן צוויי חדשים צייט אויסצואַרבעטן איר ענטפער אויף דער באַשולדיקונג. דער פּרעזידענט פונעם ראַט האָט געוויינטלעך פאַרלענגערט דעם טערמין, אויב די מלוכה האָט באַדאַרפט האָבן מער צייט פאַר דעם צוועק.

דער מינדערהייטן־קאָמיטעט פון דער ליגע איז געווען אַ דריי־פּערזאָניקער און איז באַשטאַנען פונעם פּרעזידענט פונעם ראַט אינאיינעם מיט צוויי מיטגלידער, וועלכע ער האָט נאָמינירט. נאָך דעם ווי דער ענטפער פון דער אָנגעקלאָגטער מלוכה איז אָנגעקומען האָט דער מינדערהייטן־קאָמיטעט געדאַרפט אַנטשיידן צי ער זאָל די פראַגע ברענגען פאַרן ראַט פון דער ליגע אָדער נישט. געוויינטלעך איז די אָנקלאַגע געלייזט געוואָרן אין קאָמיטעט גופא, נאָר ווען די זאַך איז געווען אַ האַרבע האָט דער מינדערהייטן־קאָמיטעט רעקאָמענדירט דעם ראַט ער זאָל נעמען ווייטערדיקן שריט אין דער זאַך. דער ראַט האָט דאַן נאָמינירט אַ באַריכטגעבער, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט דעם באַריכט צום ראַט. אויב דער אָנגע־

קלאָגטער שטאַט איז געבליבן פאַרעקשנט און נישט געוואָלט קאָאָפּערירן, האָט דער ראַט אַליין גענומען אויף זיך דעם עול צום אויספאָרשן די פראַגע פון געזעצלעכקייט אָדער געזעץ־פאַרלעצונג, און האָט צוגעשטעלט זיין פּראָטאָקאָל צום קאָמיטעט פון יוריסטן. אין אַ פּאָר פאַלן איז דער ראַט געגאַנגען אַ שריט ווייטער און צוגעשטעלט די פּעטיציע צום פּערמאַנענטן געריכט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ פּסק.

אין יאָר 1929, נאָך אַן אַנקעטע וועגן דעם ענין, איז די פּראָצעדור רעווידירט געוואָרן. די אַזוי גערופענע „מאַדריד רעזאָלוציע״ האָט אַרויפּגעלייגט מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף די אָרגאַנען פון דער ליגע לגבי די פּעטענטן. דער סעקרעטאַר האָט מער נישט געטאָרט אַליין אַנטשיידן וועגן יאָ, אָדער נישט אָננעמען אַ געוויסע פּעטיציע, נאָר האָט געדאַרפט אויף יעדן פאַל אינפאָרמירן דעם אָנקלאָגער ביי וועלכע באַדינגונגען זיין פּעטיציע וועט זיין אָננעמבאַר. דער קאָמיטעט פון דריי האָט געמוזט אינפאָרמירן דעם ראַט וועגן די רעזולטאַטן פון זיינע אונטערזוכונגען, אָן דער נויטווענדיקייט פון אַ לאַנגער פאַרוויקלטער פּראָצעדור, ווי די וועלכע מיר האָבן דערמאָנט אויבן.

כאָטש די פּראָצעדור איז דורך דעם פאַרבעסערט געוואָרן האָבן אָבער די מינדערהייטן־רעכט נאָך אַלץ געהאַט שוואַכע שאַנסן אויסגעפירט צו ווערן. שוין אויף דער זיצונג פון דעצעמבער 1925 האָט דער בריטישער אויסערן־מיניסטער סיר אָסטען טשעמבערלען דערקלערט, אַז „עס איז נישט געווען די כוונה פון די וואָס האָבן געשאַפן די שיטה... צו באַשאַפן אינמיטן פון אַ בונד פון מלוכות אַ מין נייעם סאָציאַלן קערפּער, וואָס זאָל בלייבן אויף תמיד אָפּגעפרעמדט פונעם נאַציאָנאַלן (שטאַטלעכן) לעבן. דער ציל פון די מינדערהייטן־רעכט און פונעם ראַט איז געווען נישט מער ווי אַ טייל פון די רעכט פאַר זעלבסט־באַשטימונג״. דאָס האָט געהייסן אויף מאַמע לשון, אַז די מינדערהייטן זענען קודם־כל בירגער פון דער מלוכה און טאָרן נישט נעמען קיין אומאָפּהענגיקע שריט קעגן איר(53). פאַרשטייט זיך אַז די יידישע מינאָריטעט איז געווען נאָך מער באַגרענעצט.

— ב —

אַן אַנדערע קאָנסעקווענץ פון נישט אַנערקענען די יידן ווי אַ פּאָלי־טישע קערפּערשאַפט איז געווען דער מאַנגל פון אַ יידישער וואַל־קוריע. די מערב־יידן האָבן זיכער נישט געחלומט, אַז זייער אָפּאָזיציע צו אַ יידישן סעפּאַראַטן וואַל־קאַטאַסטער, וועט צונישט מאַכן די אַזוי גערופענע ציווילע גלייכבאַרעכטיקונג. אַ שונא, זאָגט מען יאַקבי, האָט גרויסע אויגן, ער זעט אַמאָל ווייטער פון אַ פריינד. סטאַניסלאַוו מאַצקעוויטש אין זיין פריער ציטירטן בוך: „פּוילישע געשיכטע" באַשרייבט טרעפלעך די שיטה פון די פּוילישע וואַלן: „די וואַל־אָרדינאַציע פון דעם פּוילישן פּרעמיער מאַראַטשעווסקי" — און דאָס זענען געווען נאָך אין די האָניג־חדשים פון די „זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט" — „האָט פאַרטיילט דעם שטח פון פּוילן אויף גרויסע טעריטאָריאַלע וואַל־קרייזן. מען האָט גע־שטימט אויף ליסטעס וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ פּאָר, אָדער אַ פּאָר צענדליק נעמען, און די מאַנדאַטן זענען געווען פאַרטיילט לויטן סיסטעם פון אַ מסחר׳. אַזאַ אָרדינאַציע האָט דערטרונקען די פּוילישע יידן, וועלכע זע־נען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, און פאַרזונקען אין אַ ים פון פּרעמד־נאַציאָנאַלע עלעמענטן און טאַקע צוליב דעם האָבן זיי אין זייער ווייניק פּלעצער געקאָנט דורכדרינגען ביי די וואַלן צום סיים. זיי — זייערע דעפּוטאַטן — זענען געווען נישט מער ווי צען".

דאָס נעמלעכע קען מען זאָגן בנוגע יידישע שולן.

דער אָפּמאַך האָט אַרויפגעלייגט אַ חוב אויף דער רעגירונג, אַז זי זאָל שטיצן די יידישע שולן מיט אַ טייל פון איר שול־בודזשעט, וואָס האָט געדאַרפט פאַרטיילט ווערן לויט דעם פּראָפּאָרציאָנעלן באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג. דער מאַנגל פון קלאָרקייט און אַן אַ גענויער דע־פיניציע וועגן דער יידישער קערפּערשאַפט, וואָס דאַרף איבערנעמען די אַדמיניסטראַציע פון אירע שולן, ביי דער נישט פאַרענטפערטקייט פון דער פראַגע צי זענען יידן אַ רעליגיעזע אָדער גאָר אַן אַנדערש ספּעציפי־שע קערפּערשאַפט, איז אַנטשטאַנען אַן אמתער בלבול־המוחות און גע־בּרענגט צום צוזאַמענבּרוך פונעם יידישן שול־סיסטעם אויף מלוכהשע קאָסטן.

און צום שלוס קומען מיר צו דער הויפּט־מניעה דורך וועלכער דער גאַנצער מינדערהייטן־שוץ איז געשטרויכלט געוואָרן. דאָס איז געווען זיין באַגרענעצטקייט און באַשרענקונג נאָר אויף געוויסע לענדער און דאָס וואָס ער האָט נישט אַרומגענומען אַלע מלוכות. די תרעומות פון די קליינע מלוכות פאַרוואָס גראָד זיי זענען באַגליקט געוואָרן מיט ספּעציעלע התחייבותן לגבי די מינדערהייטן און אַנדערע אומות נישט, האָט געקרענקט דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון די באַטרעפנדיקע מלוכות. עפּעס וואָס איז גוט פאַר איינעם און נישט פאַר אַן אַנדערן — איז אָדער אַ פּריווילעגיע, אָדער אַ דיסקרי־מינאַציע, און קיין פּריווילעגיע איז דאָס זיכער נישט געווען. אַט פאַר־וואָס קיינער פון די וואָס האָבן זוכה געווען צו קריגן דעם טראַקטאַט צו דער חתימה האָט דעם מינדערהייטן־טראַקטאַט נישט באַטראַכט ווי אַ כשרע מציאה, נאָר להיפוך ווי אַ פּחיתת הכבוד און באַשרענקונג פון זיין סוווערעניטעט. דאָס האָט שוין ממילא גורם געווען, אַז אַלע האָט אַרומגע־כאַפּט אַ פאַרביטערונג און אַ פּראָטעסט־שטימונג, וואָס האָט להבא קיין גוטס נישט פאָרויסגעזאָגט. דער ענטפער אַז דאָס איז געווען אַ מין אָפּ־צאָל פאַר צוריקקריגן אַ פאַרלוירענע מלוכהשאַפט, אָדער אַן אָפּצאָל פאַר געווינען נייע טעריטאָריעס, איז נישט געווען קיין ריכטיקער אַרגומענט אין זייערע אויגן, ווייל ראשית, איז לויט זייער מיינונג, זיי דאָס שוין פון לאַנג אָן געקומען, און שנית, איז זייער אַפּעטיט תמיד געווען גרעסער פון־נעם ביסן וואָס זיי האָבן געהאַט אין מויל. זיי האָבן געהאַט תרעומות אויף די שלום־מלאכים, וואָס האָבן זיי נישט געגעבן מער. ווייל באמת האָבן זיי געברומט ווי הונגעריקע בערן: „וואָס וואָלט זיי דען געשאַדט, די רשעים, ווען זיי געבן אונדז נאָך אַ שטיקל לאַנד? ס'איז דען זייערס? און איצט קומען זיי, די גרויסע מלוכות, און באַזאָטלען די קליינע קאַרלי־קעס מיט אַזאַ שווערער „לאַסט", ווי דער מינדערהייטן־טראַקטאַט, וואָס פאַרענגט נאָך מער די סוווערעניטעט אפילו אויף דעם „קליינעם" שטח, וואָס מען האָט זיי צוגעטיילט! איי, איר זאָגט דאָס איז נישט לאָגיש, איז דאָס אַ שאלה אויף אַ קשיא, ווייל ווער גלויבט עס עפּעס אַז פּאָלי־טיק איז באַזירט אויף לאָגיק?

פונדעסטוועגן איז עס אַ טרויעריקער פאַקט, אַז נישט די מערב־יידן, און שוין גאָר נישט די מערב־מלוכות, האָבן נישט געהאַט די פּאָלי־

טישע רייפקייט צו פאַרשטיין, אַז נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלער געזעץ קאָן זיין אינטערנאַציאָנאַל, און אַ זאַך וואָס טויג נישט פאַר אַלעמען, טויג ממילא פאַר קיינעם נישט. אינטערנאַציאָנאַל מוז זיין אוניווערסאַל. אַלע אַנדערע פאָרמולעס האָבן דעם טעם פון סגולות פאַר יענעמס וועגן און קיינער האָט נישט ליב צו נעמען אַ רפואה פאַר יענעמס אַ מכה.

אַז דאָס איז נישט געווען קיין טעאָרעטישע מורא, באַווייזן די שטאַ־כעטן און פּלויטן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די פּאַשע־פעלדער, כדי די פערד זאָלן נישט אַנטלויפן. די מינדערהייטן־רעכט זענען געשטעלט גע־וואָרן אונטער דער השגחה פון דער ליגע און אַ גאַנצע ריי פון פּראָצע־דורן האָט באַדאַרפט פאַרהיטן, אַז פון איין זייט זאָלן זיך נישט אַרייג־כאַפּן קיין לייכטזיניקע „פּעטענטן״ אָדער געזעצלעכע בעטלערס, און פון דער אַנדערער זייט זאָלן די, וואָס האָבן באמת געליטן אַ שאָדן האָבן אַ לעגאַלן יסוד אויף וועלכן זיי זאָלן קענען שטיצן זיך.

איינע פון די שרעקן איז געווען, אַז טאָמער וועט די רעגירונג נעמען נקמה אָן דער מינדערהייט, אַ יחיד אָדער אַ כלל, וואָס וועט זיך דערוועגן צו ברענגען אַן אָנקלאָג פאַרן פאָרום פון דער ליגע. און ווער ס׳קען די מאַכט פון אַ רעגירונג ווייס ממילא ווי שווער עס איז צו באַשיצן עמיצן, וואָס טרעט אָן אויף אירע פּאָליטישע הינער־אויגן. אגב איז גאָר נישט געווען אַזאַ מלוכה אין מזרח אייראָפּע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פּאָ־ליטישע הינער־אויגן, אי גרויסע, אי חולאתדיקע. און אין ערגעץ איז נישט געווען אַזאַ סענסיטיווע, האַנאָראָוואַטע מלוכה ווי אין פּוילן, בפרט ווען עפּעס האָט אָנגערירט איר אייגענע הויט, וואָס איז אגב געווען אַזוי העלפאַנט־הויטיק בנוגע די רעכט פון אַנדערע. און כדי צו פאַרהיטן די מעגלעכקייט אַז די רעגירונג זאָל נישט צווינגען די מינדערהייטן גופא זיך אָפּצוזאָגן פון זייער מינדערהייטן־רעכט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז נישט נאָר האָט די מלוכה נישט געקאָנט בטל מאַכן דאָס געזעץ, נאָר אפילו די מינדערהייטן אַליין האָבן אויך נישט געקאָנט אָפּזאָגן זיך פון דער מינדערהייטס־שוץ. אַזוי, למשל, איז געשען, אַז די יידן פון טערקיי, האָבן אונטערן דרוק פון זייער רעגירונג געלאָזט זיך איבעררייד, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון די מינדערהייטן־רעכט, וואָס זיי האָבן געקריגן אין

שלום־אָפּמאַך פון לאָזאַן*. האָט די פעלקער־ליגע דערקלערט די גאַנצע זאַך אַלס אַ פּוסטן מאַנעווער, מחמת דער מינדערהייטן־שוץ איז געווען אַ בעל־כרחו געזעץ, וואָס איז געווען חל אויף ביידע צדדים, אי די באַשיצער און אי די באַשיצטע.

דאָס נעמלעכע איז געשען ווען די אונגאַרישע קהילה — און די יידן דאָרט זענען תמיד געווען מער מאַדיאַריש ווי די מאַדיאַרן אַליין — האָבן פּראָטעסטירט קעגן די „פרעמדע" פּעטיציעס בנוגע דעם „נומערוס קלאַוזוס" אין די העכערע שולן. דער באַריכט־געבער פון דער ליגע, וועלכער האָט באַדאַרפט באַריכטן וועגן דער פּעטיציע, האָט דערקלערט פאַרן ראָט פון דער ליגע: „איך וויל אָנווייזן... אַז דער צענטראַל־אָמט פון די „איז־ראַעליטישע אויטאָנאָמישע קאָנפעסיאָן פון אונגאַרן", אין אַ בריוו פון 29סטן נאָוועמבער, 1925, אַדרעסירט צום סעקרעטאַריאַט, האָט אויסגע־דריקט זיין פּראָטעסט קעגן דער אַקציע וואָס עס האָט אָנגעפירט דער „דזשאָינט פאָרעין קאָמיטעט". דאָס האָט נישט געשטערט דעם ראָט גאָר אינגאַנצן צו איגנאָרירן דעם פּראָטעסט און אָנצוהאַלטן דעם אָנקלאָג פון „דזשאָינט פאָרעין קאָמיטעט", אָן וועלכער ס'איז באַוואָרעניש.

אָבער דאָס אַלץ איז נישט געווען מער ווי אַ „סיג לתורה" און וואָס נוצט אַ סיג אָן דער תורה? די מינדערהייטן־רעכט, ווי אַלע אַנדערע רעכט פון אַ סאָציאַל־פּאָליטישער נאַטור, האָבן געדאַרפט זיך שטיצן אויף דער תורה שבלב און נישט נאָר אויף אַ תורה שבעל־פה. און דאָס האַרץ פון

* אין אויגוסט 1926, האָט „די יידיש־נאַציאָנאַלע אסיפה" פון דער טערקישער רעפּובליק, וועלכע „רעדט אין נאָמען פון יידישן ישוב אין טערקיי", פרייוויליק זיך אָפּגעזאָגט פון די רעכט און פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן געקריגן דורכן מינדער־הייטן־אָפּמאַך פונעם לאָזאַן־טראַקטאַט. דער באַשלוס איז איינשטימיק אָנגענומען גע־וואָרן פון דער אסיפה, וואָס איז באַשטאַנען פון 70 יידישע נאָטאַבלען אונטער דער לייטונג פון זשאַק־בעי נאַכמיאַס. די טערקישע רעגירונג האָט אויך געצוווּנגען אַנדערע מינדערהייטן אירע, אַז זיי זאָלן „פרייוויליק" זיך אָפּזאָגן פון מינדערהייטן־רעכט, מיט דער דראָונג, אַז זיי וועלן אויסגעשלאָסן ווערן פון נייעם ציווילן רעכט־געזעץ, אַלס פרעמדע איינוווינער.

די פעלקער איז נישט געווען דערצו*. דאָס איז געשען צוליב פאַרשיידענע סיבות, אָבער טאַקע דער עיקר, צוליב די דיסקרימינאַטאָרישע פאָרם, וואָס די מינדערהייטן־רעכט האָבן אָנגענומען, זייענדיק חל נאָר אויף געוויסע שטאַטן, און נישט האָבנדיק קיין אוניווערסאַלן אונטערשלאַג.

ווי שוין פריער באַמערקט איז דאָס געווען איינע פון די גרעסטע שטיינער אויפן וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם מינדערהייטן־טראַקטאַט. מען קאָן נישט פאַרטרייבן דיסקרימינאַציע מיט דיסקרימינאַציע.

אויף דער זיצונג פונעם פאָליטישן קאָמיטעט פון דער ליגע אין אָקטאָבער 1933, האָט זיך געהערט אַ דרינגלעכער פאַרלאַנג פון די פוילישע, רומענישע און גריכישע דעלעגאַטן, מיטן שטילן הסכם פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אַז עס זאָל באַשאַפן ווערן אַ מינדערהייטן־שוץ־געזעץ, וואָס זאָל זיין חל אויף אַלע פעלקער פון דער ליגע. אין דער באַציאונג איז פוילן געגאַנגען ווייטער פון אַלע. אַ יאָר שפּעטער, דעם 13טן סעפּטעמבער 1934, האָט דער פּוילישער אויסערן מיניסטער פּולקאָווניק יוזעף בעק, געוואָרפן אַן אומחן אויפן גאַנצן סיסטעם פון מינדערהייטן־רעכט. ער האָט דערקלערט אין זיין רעדע, אַז די גאַנצע פּראָצעדור, אין דער איצטיקער פאָרם, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ לא יצלח, וואָס טויג פאַר קיינעם נישט, אפילו נישט פאַר די מינדערהייטן גופא. ער האָט זיך באַקלאָגט אַז דער טראַקטאַט פון מינדערהייטן־רעכט ווערט אָפט אינטערפּרעטירט אין אַ באַליידיקנדיקער פאָרם — אין אַ גייסט וואָס איז געווען פרעמד צו די אמתע כוונות פונעם אָפּמאַך, און האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ

---

* אַזוי למשל האָט די פּוילישע קאָנסטיטוציע פון 1922, פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פאַרשריפטן פאַר מינדערהייטן־שולן, וואָס זענען געווען פאַרצייכנט אין מינדערהייטן־פּאַקט, נישט מער געהאַט אין זיך ווי דאָס רעכט פאַר קולטיווירונג פון נאַציאָנאַלע שפּראַכן. אין עסטאָניע, ליטע, און אין אַ פּאָר אַנדערע שטאַטן, איז דער באַנוץ פון אַנדערע לשונות, אויסער דער מלוכה־שפּראַך, אַלץ מער פאַרענגט געוואָרן. דאָס נעמלעכע איז געשען בנוגע די אַנדערע פּונקטן פונעם טראַקטאַט. בירגער וואָס האָבן זיך געווענדט מיט אַנקלאַגעס צום פעלקערבונד, זענען באַשטראָפט געוואָרן. ליטע האָט אַפילו געשטעלט פאַרן געריכט אַזאַ אַנקלאַגער.

מיטל צו פֿאַרשפּרייטן אַ בלבולימדיקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן די פֿעלקער וואָס שטייען אונטער דעם דרוק פֿון אַזאַ סטריקטן און איינזייטיקן מינ־דערהייטן־שוץ־סיסטעם, ווי אויך כדי אָנצוווענדן אַ פּאָליטישן דרוק דורך אַנדערע מלוכות, וועלכע, כאָטש זיי אַליין זענען פֿריי פֿון מינדערהייטן התחייבותן, באַנוצן זיי זיך פֿונדעסטוועגן מיט זייערע פּרעראָגאַטיוון כדי אַכטונג צו געבן אויף דער אויספֿירונג פֿונעם טראַקטאַט. אויפֿן גרונט פֿון אָט די אַרגומענטן איז ער, בעק, געקומען צו דעם פֿאָלגנדיקן באַשלוס אין זיין „געזעץ־פּראָיעקט פֿון פֿאַראַלגעמיינערונג": „ביז ס'וועט נישט אָנגע־נומען ווערן אַן אַלגעמיינע און איינהייטלעכע שיטה פֿון מינדערהייטן־שוץ, זעט זיך מיין רעגירונג געצוווּנגען, אָפּצוּוואַרפֿן פֿון היינט אָן, וועל־כע ס'איז קאָאָפּעראַציע מיט די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין דער פֿראַגע פֿון משגיחות איבער דעם, ווי אַזוי פּוילן פֿירט דורך דעם סיס־טעם פֿון מינדערהייטן־שוץ" (54).

דער טעקסט פֿון דעם פּוילישן פֿאָרשלאַג איז געלייענט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל פֿאַרן קאָמיטעט פֿון דער ליגע דעם 20סטן סעפּטעמבער 1934. דער פּוילישער פֿאָרשלאַג איז נישט געקומען צו דער אָפּשטימונג. ד"ר בענעש, וואָס האָט דעמאָלט געפֿירט דעם פֿאָרזיץ, האָט דערקלערט, אַז נישט דער קאָמיטעט און נישט די אַסעמבליי קאָנען אַנטשיידן אַ זאַך וואָס רירט אָן דעם עצם פֿונעם אָפּמאַך, און ס'איז דעריבער אויסער זיין קאָמפּעטענץ. מיט דער דעקלאַראַציע איז די דעבאַטע וועגן פּוילישן פֿאָר־שלאַג געשלאָסן געוואָרן און מיט דעם איז אויך דער מינדערהייטן־טראַק־טאַט, וואָס פּוילן האָט געחתמעט מיט 15 יאָר פֿריער אין ווערסיי, געבליבן אַ פּוסטער פּאַפּיר.

XVII

פונעם קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס ביז צום וועלט־קאָנגרעס

— א —

דער מאָר האָט געטאָן זיין אַרבעט און דער מאָר מעג גיין. אָט דאָס ווערטל האָבן די „יאַהודים“ געוואָלט אָנווענדן אויף די יידישע דעלעגאַציעס. נאָך דעם שלום מיט די דייטשן האָבן די יידישע דעלעגאַציעס זיך געדאַרפט אויפלייזן, אַזוי ווייניקסטנס האָבן געפסקנט די פירער פון די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן. מאַרשאַל האָט באַלד פאַרלאָזט פאַריז און אויף דעם געזעגענונגס־באַנקעט וועלכן מיר האָבן אים געמאַכט, האָט ער באַטאָנט אַז ער איז נישט קיין ציוניסט און אַז ער פאַרשטייט נישט, צו וואָס מען דאַרף איצט האָבן דעם קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס*.

---

* מאַרשאַל האָט פאַרלאָזט פאַריז דעם 13טן יוני, און דעם 11טן האָבן מיר אים געמאַכט אַן אינטימען באַנקעט. צווישן די רעדנער זענען געווען סאָקאָלאָוו, ראָזנבוים, אוסישקין, פּאַסמאַניק, מאָצקין, טהאָן, אידעלסאָן, סירקין און אַנדערע. מאַרשאַל האָט טיף גערירט געזאָגט, אַז ער וועט ביז צום סוף פון זיין לעבן נישט אויפהערן צו אַרבעטן פאַרן יידישן פאָלק. ער האָט געהאַלטן זיין צוזאָג! ער איז נפטר געוואָרן אין ציריך אַלס פירער פון די „נישט־ציוניסטן“, בעת די „יידישע אַגענץ“ האָט אָפּגעהאַלטן איר גרינדונגפאַרזאַמלונג פון דער געמישטער אַגענץ. ס'זענען דאָ ווייניק יידישע פירער וואָס האָבן אַזוי ערנסט און ערלעך גענומען זייער אַרבעט פאַר כלל־ישראל, ווי לואי מאַרשאַל, און נאָך ווייניקער גרויסע פירער האָבן געקריגן אַזוי ווייניק הזכרה נאָכן טויט. א חוץ אַ קורצע סקיצע פון אַרלערן פעלט ביז איצט אַ פולע ביאַ־

מאַרשאַל איז געווען דער פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמי־טעט און האָט גוט געקענט די סענטימענטן פון זיינע מיטגלידער, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געמיינט, אַז זיי קומט די גאַנצע שליטה איבער די יידישע ענינים. דאָס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן באַלד נאָכדעם ווי די אַמעריקאַ־נער דעלעגאַציע איז אַהיימגעקומען פון פּאַריז. מאַרשאַל האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט די אנדערע פּאַרטייען, אַז דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנ־גרעס וועט זיך אויפלייזן נאָכן צוריקקומען פון די דעלעגאַטן פון דער שלום־קאָנפערענץ. אָבער מאַרשאַל האָט איינס פאַרגעסן: יאָ אָפּמאַך, אָדער נישט אָפּמאַך — די רעדער פון דער געשיכטע לאָזן זיך נישט צו־ריקדרייען מיט פּאַפּירענע באַוואָרענישן. נישט די יידישע דעלעגאַציעס און נישט דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס זענען געווען גרייט צו קאַפּיטולירן אפילו ווען די גענעראַלן זענען זיך צעלאָפן יעדער אין זיין אייגענער אי־דעאָלאָגישער פעסטונג.

ערשטנס, בנוגע די יידישע דעלעגאַציעס, האָט יעדער געוווּסט, אַז דעם 28סטן מאַי 1919, האָט זיך די שלום־קאָנפערענץ נישט געענדיקט, אפילו נאָכדעם ווי די גרויסע העכט זענען זיך צעשוווּמען איבער די גרויסע וואַ־סערן. עס זענען געבליבן מוּטנע טייכן פול מיט קליינע פיש. דער טראַק־טאַט מיט עסטרייך איז נישט אונטערגעשריבן געוואָרן ביז דעם 10טן סעפּטעמבער, און פונעם טראַקטאַט אין סט. זשערמעין איז געווען אָפּ־העניגיק דער שלום־אָפּמאַך מיט טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע און אַנדערע מלוכות, נייע און אַלטע. דער אונגאַרישער שלום איז געשלאָסן געוואָרן דעם 4טן יוני 1920; דער אָפּמאַך פון סעווער מיט גריכנלאַנד איז גע־חתמעט געוואָרן דעם 10טן אויגוסט 1919; דער בולגאַרישער שלום אין נויע — דעם 27סטן נאָוועמבער 1921, און טערקיי האָט נישט אָקצעפּ־טירט די אליאירטע פאָדערונגען ביז דעם 24סטן יולי 1923. אין די אַלע לענדער האָבן געלעבט יידן און ס'זענען געווען מינדערהייטס־פּראָבלע־

גראַפיע פון דעם גרויסן „נישט־ציוניסט" — וואָס האָט פאַרטראַכטן אַ גאַנצע עפּאָכע אין יידישן לעבן, נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אין דער גאַנצער יידישער וועלט. ער האָט ערלעך פאַרדינט דעם נאָמען: דער גרויסער מאַרשאַל פון יידישער פאַרטיידיקונג.

מען. אין יוגאָסלאַוויע האָט זיך באַוויזן אַ פּאָרשלאַג לויט וועלכן אַלע קראָאַטן, סלאָוועגער און סערבן זאָלן אנערקענט ווערן אַלס גלייכע בירגער אין דעם טאָג, ווען דער שלום־אָפּמאַך וועט אונטערגעשריבן ווערן; און אַז אַלע אַנדערע עטנישע גרופּן מוזן באַווייזן, אַז זיי וווינען שויך 30 יאָר אין לאַנד און אין דעם פאַל וועט די אַנטשיידונג ליגן אין די הענט פון דעם מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים.

ווען נישט די באַמיאונגען פון די יידישע דעלעגאַציעס וואָלט דער שטאַרק פאַרוואָסערטער מינדערהייטן־אָפּמאַך, וואָס סערביע האָט ענדלעך געחתמעט גאָר אינגאַנצן געווען אַ מפּיל.

ווי שוין דערמאָנט זענען אויך אַנגעאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט ליטע, וועלכע האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די מינאָריטעטן התחייבות אין דער פאָרם פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך, נאָר ווי אַ מין אינערלעכע פאַרפליכטונג לגבי אירע מינאָריטעטן־גרופּעס, וואָס דאַרף קומען ווי אַ פּועל־יוצא פון דירעקטע פאַרהאַנדלונגען מיט זיי. בקיצור וואָס לענגער ס׳האָט געדויערט דער אינטערים־צושטאַנד פון נאָך נישט דערליידיקטע פאַרהאַנדלונגען, אַלץ בולטער איז אַרויסגעשוומען דער באַוווסטזיין, אַז די יידישע דעלעגאַציעס טאָרן בשום אופן נישט אויפלייזן זיך. בכלל האָט זיך געפילט, אַז אַזוי לאַנג ס׳איז דאָ אַ פעלקער־בונד, וואָס איז כלומרשט דער אַפּוטרופּוס אויף די מינדערהייטן־רעכט, אַזוי לאַנג באַדאַרף מען האָבן אַ געאייניקטע און פאַרייניקטע אינטערנאַציאָנאַלע יידישע קערפּערשאַפט. אָבער די פראַגע איז געווען: ווי קען מען זיך באַגיין אָן די יידן פון אַמעריקע, אַ יידנטום וואָס איז כמעט איבערנאַכט געוואָרן דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל איבער אַלע ישובים? בקיצור ס׳איז געווען קלאָר, אַז אָן דעם אַמעריקאַנער יידנטום, אָדער אָן דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס וועלן אַלע באַמיאונגען זיין פרוכטלאָז. די אויגן פון אייראָפּע זענען געווען געווענדט אויף אַמעריקע.

דעם 30סטן מאַי 1920 האָט זיך דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס פאַרזאַמלט „צום לעצטן מאָל" אין פילאַדעלפיע, כדי אויסצוהערן די באַריכטן פון דער אַמעריקאַנער שלום־דעלעגאַציע ערב דעם אויפלייזן זיך.

ווי אַ געוועזענער מיטגליד פון די יידישע דעלעגאַציעס און ווי אַ גאַסט, וואָס איז ערשט נאָר וואָס געקומען קיין אַמעריקע, בין איך פאַרבעטן געוואָרן צו באַגריסן די זיצונג פונעם קאָנגרעס.

דאָס איז געווען מיין ערשטן באַגעגניש מיט אַזאַ גרויסער אַמעריקאַנער אסיפה, וואָס איז פאָרגעקומען אַ קורצע צייט נאָך מיין אָנקום אין אַמעריקע. דער פאָרזיצער פון קאָנגרעס איז געווען דער באַקאַנטער נדבן נתן שטרויס. נאָך אַ ריי באַראַטונגען האָט זיך לויטן אָפּמאַך דער קאָנגרעס געשלאָסן(55). די פירער פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט, פון די בני־ברית און די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך צוריקגעצויגן, אָבער די ציוניסטן און די יידישע דעלעגאַטן זענען געבליבן אין זאַל; און ווי גדליה בובליק, וואָס איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט זיך אויסגעדריקט: „טויט איז דער מלך, לעבן זאָל דער (נייער) מלך!". אַ נייער פּראָוויזאָרישער קאָנגרעס־קאָמיטעט איז באַשאַפן געוואָרן אויפן אָרט פונעם אַלטן. ד״ר סטיפן ווייז האָט דערקלערט: „ס'איז איצט צו שפּעט צוריק זיך אומצוקערן צום אַמאָליקן סדר פון אומדעמאָקראַטישע, אומאַמעריקאַנישע און נישט־יידישע מעטאָדן. מען קאָן איצט נישט מער דיקטירן פון אויבן, ס'מאַכט נישט אויס, ווי גוט די כוונות, אָדער ווי ווייך די רייד זאָלן נישט זיין".

די קאָנפערענץ האָט אויך אויסגעוויילט אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון 71 מיטגלידער, מיט נתן שטרויס בראש, וועלכער האָט באַדאַרפט צונויפרופן אַ נייעם קאָנגרעס אין משך פון אַ יאָר צייט. אַזאַ קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין יוני 1922 אין פילאַדעלפיע, ווו ער האָט זיך קאָנסטיטואירט אַלס סטאַבילער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס.

דאָס האָט אויך צוגעגעבן בטחון און אמונה דעם קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אין פאַריז, ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט, כדי אויסצופורעמען אַ פערמאַנענטע יידישע וועלט־פאַרטרעטערשאַפט. אין יאָר 1920 האָט דער קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס באַשלאָסן צו גרינדן אַ מין ועד הארצות פון וועלט יידנטום. אין יאָר 1921 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ וועלט־הילפס־קאָנפערענץ אין קאַרלסבאַד. און כאָטש די קאָנפערענץ איז באַאיקאָטירט געוואָרן פון די „גבירהקראַטן", ווי ד״ר

יאָכעלמאַן האָט באַצייכנט די אַסימילאַטאָרישע געלט־זעק, איז פונדעסט־וועגן די קאָנפערענץ נישט געווען אַן אַ דערפאָלג. „ביי דער קאָנפערענץ״ — כדי ווייטער צו ציטירן יאָכעלמאַנס רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער יידישער וועלט־קאָנפערענץ דעם 14—17 אויגוסט, 1932 אין ציריך — „איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט עקזיס־טירט אייניקע יאָרן, געווונען אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט און געראַטעוועט טויזנטער יידן״*. דער הילפס־קאָמיטעט האָט געהאַט אַן אייגענעם פיר־שפּרעכער ביי דער פעלקער־ליגע אין דער פּערזאָן פון ד״ר צבי אַבערסאָן. דאָס האָבן די גביראָקראַטן נישט געקאָנט פאַרטראָגן. זיי האָבן אַזוי לאַנג אינטריגירט ביז עס איז זיי געלונגען צו צעשטערן ביידע, סיי דעם הילפס־קאָמיטעט און סיי איר יידישע (אומאָפיציעלע) פאַרטרעטערשאַפט ביים פעלקערבונד״...(56)

לאָמיר זיך אומקערן צו די יידישע דעלעגאַציעס. עס איז געוואָרן מיט יעדן טאָג קלאָרער, אַז אַזוי לאַנג ס׳עקזיסטירט אַ ליגע פון פעלקער, אַזוי לאַנג מוז אויך עקזיסטירן אַ „ליגע פון נאַציאָנאַלע יידן״. אויסער דער ליגע פון רעגירונגען האָבן עקזיסטירט איינפלוסרייכע, האַלב־אָפיציעלע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון די פעלקערבונד־באַראַטונגען און אויף דער עפנטלעכער מיינונג בכלל. אַזאַ קערפּערשאַפט איז געווען דער „אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן״, וואָס מאָצקין איז געווען זיין וויצע־פּרעזידענט און אַנדערע מיטגלידער פון די יידישע דעלעגאַציעס האָבן אין אים גע־שפּילט אַ וויכטיקע ראָל, ווי למשל, פּראָפ. מאַקס לאַזערזאָן, ד״ר עמיל מאַרגוליעס, ד״ר נוראָק און ד״ר יעקב ראַבינסאָן. יידישע פאַרטרעטער, ווי ראַבינער ד״ר צבי פּ. חיות, מאיר דיזענגאָף, נתן פיינבערג, ד״ר אָסקאַר קאַרבאַך, ד״ר איזידאָר מאַרגוליעס און בן־ציון מאָסינזאָן האָבן זיך באַ־טייליקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער „אוניאָן פון די פעלקערבונד געזעל־שאַפטן״.

---

* זען: די טעטיקייט פון דער יידישער וועלט־הילפס־קאָנפערענץ. באַריכט פון די יאָרן 1920 — 1923 (פּאַריז, 1924).

גלייכצייטיק זענען ווייטער אָנגעגאַנגען די באַמיאונגען צו פאַרוואַנד־לען דעם קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אין אַ גרעסערער, פאַר־אייניקטער אָרגאַניזאַציע פון וועלט־מאסשטאַב. ס׳איז דעריבער פאַרגעקו־מען דעם 3טן און 4טן אויגוסט 1926 אַ יידישע קאָנפערענץ אין לאָנדאָן וואָס האָט באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן די ראַם פון די יידישע דעלעגאַ־ציעס. ס׳איז אויך אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו פאַררופן אַ גרע־סערע רעפּרעזענטאַטיווע קאָנפערענץ אין ציריך. אַזאַ קאָנפערענץ אי״ז פאַרגעקומען אין ציריך, פון 17טן ביזן 19טן אויגוסט 1927, וואָס קען באַצייכנט ווערן ווי אַ „קאָנפערענץ פאַר יידישע מינדערהייטן־רעכט״. פון אַמעריקע זענען געקומען צו דער קאָנפערענץ, חוץ ד״ר סטיפן ווייז. דער באַרימטער אַדוואָקאַט מאַקס ד. שטייער, סאַל לאַמפּאַרט, לואי ליפּסקי, א. קאַראַלניק, יעקב פישמאַן, ראַבינער בארנעט בריקנער, מאַקס העלער און דער שרייבער פון די שורות. פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ איז געווען נחום סאָקאָלאָוו. דער באַרימטער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו האָט געהאַלטן אַ גלענצנדיקן רעפעראַט איבער דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע, וואָס איז געגאַנגען איבער דער אַסימילאַציע צו נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג — ווי די קולמי־נאַציע פון נאַציאָנאַלער פרייהייט. לעאָ מאָצקין האָט זיך באַקלאָגט אַז געוויסע רעגירונגען ווענדן אָן אַ דרוק אויף זייערע יידישע בירגער, אַז זיי זאָלן זיך נישט טרעפן, אָדער קאָאָפּערירן מיט די יידן פון די מערבדיקע לענדער. „אָט די איזאָלירונגס־פּאָליטיק, פון איין זייט, און די שווערי־קייטן פון אינעווייניק, מאַכן צו חוזק די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג און אָן אַפּעל צו דעם פעלקערבונד איז אונטער די אומשטענדן כמעט אומ־מעגלעך״.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוהאַלטן קאָנפערענצן אַלע צוויי יאָר און מען האָט אויסגעווײַלט „אַ ראַט פאַר די יידישע מינדערהייטס־רעכט״, מיט אַ ביוראָ אין גענף. דעם 14־17טן אויגוסט 1932, איז פאַרגעקומען אין גענף די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ, וועלכע האָט גע־דאַרפט צוגרייטן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, מיט 94 דעלעגאַטן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט 17 לענדער. דער שרייבער פון די שורות האָט זיך

באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ און געלייענט אַ רעפעראַט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער געפאַר פון היטלעריזם. כאָטש דאָס איז געווען ווייניקער ווי אַ האַלב יאָר איידער היטלער האָט איבערגענומען די רעגירונג אין דייטשלאַנד, זענען די דעלעגאַטן פון דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל באַטייליקט אין אַזאַ מין אינטערנאַציאָנאַלער יידישער אסיפה געווען אָפּטימיסטיש בנוגע דער צוקונפט און קארעסקי האָט אפילו פאַרגעשלאָגן, אַז מען מוז זוכן אַ וועג, אַ „מאָדוס וויווענדי״ פון פאַרשטענדיקונג מיט „די בעסערע עלעמענטן״ פון די נאַציס.

געווען איז דאָס איינע פון די בעסטע פאַר־קאָנפערענצן וועלכע איך האָב בייגעוווינט. צווישן די באַטייליקטע — וואָס אַ סך פון זיי זענען שפּעטער געפאַלן ווי קרבנות פון היטלער רעזשים — זענען געווען: צבי אבערסאָן, מ. גאָלדשטיין (פאַריז), ד״ר מאיר עבנער (רומעניע), ד״ר וויקטאָר יאַקאָבסאָן, דער פּאָליטישער פאַרטרעטער פון דער יידישער אַגענץ, ישראל עפרויקין, ד״ר ע. יאָכעלמאַן (פון דער פעדעראַציע פון יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד), מ. קאהאן פון קאָוונע, געאָרג קארעסקי און ד״ר אַלפרעד קלעע (בערלין), ד״ר רפאל לאנדוי פון קראקע, ד״ר עמיל מארגוליעס פון לייטמעריץ, לעאָ מאָצקין, יצחק ניידיטש, ד״ר מ. נוראק, י. פערניקאָף פון פאַרבאַנד פון רוסישע יידן אין בערלין, ד״ר ל. פלאשקעס פון ווין, ד״ר ראָזענפעלד (וועלט־פאַרבאַנד מכבי און ברית עברית, בערלין); נח פּרילוצקי, ד״ר ה. ראָזמאַרין, וו. ווישליצקי, הרב יצחק רובינשטיין, רפאל שערעשאָווסקי, ד״ר רודמאַן, ד״ר א. זילבערשטיין, ד״ר עמיל שמאָראַק, פון פּוילן; יוסף שפרינצאַק (ירושלים), ראָבערט שטריקער, (עסטרייך), וו. שפיגעל (לעמבערג), פראָפ. גווידאָ טעדעסקי (רוים), ישראל וואַלדמאַן (ייד. פעלקערבונד־ליגע אין עסטרייך), מ. ווישניאַק (פאַריז); ראַבינער ס. וואל, מאריס וויינבערג, ד״ר סטיפן ס. וויז, אב. גאָלדבערג, ברוך צוקערמאַן, בערנאַרד דייטש, זעליק טיגעל, און איך — פון אַמעריקע. ד״ר נחום גאָלדמאַן האָט דעמאָלט איבערגענומען אַ פירנדיקע ראָל אין דער צוגרייטונג פון קאָנגרעס און אין 1933* איז ער גע־

---

* לעאָ מאָצקין איז נפטר געוואָרן אין פאַריז דעם 6טן נאָוועמבער 1933 (י״ז

וואָרן פּרעזידענט פון דעם קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס און פאַר־זיצער פונעם קאָנגרעס־צוגרייטונגס־קאָמיטעט.

פון דער נעמען־רשימה קאָן מען זען דעם פאָרשריט, וואָס די אידעע פון אַ וועלט־קאָנפערענץ האָט געמאַכט זייט דעם ערשטן פּרווו אין די מיטל צוואַנציקער יאָרן.

ד י צ ו ו י י ט ע ו ו ע ל ט ־ ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ איז פאָרגעקו־מען דעם 5־8 סעפּטעמבער 1923 אין גענף*, און די ד ר י ט ע —

חשון תרצ״ד). ער האָט נאָך אַקטיוו באַטייליקט זיך אין דער צווייטער וועלט־קאָנפע־רענץ אין גענף.

* אויף דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ האָט מאַרק טורקאָוו, וועלכער האָט אַנטיילגענומען אין דער קאָנפערענץ אַלס דעלעגאַט פונעם פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אין פּוילן, שטאַרק באַטאָנט די געפאַר פון היטלעריזם פאַרן גאַנצן יידנטום, און די נאָך גרעסערע סכנה (ער האָט עס באַטראַכט פאַר אַ גרויסער טראַגעדיע), וואָס ס׳הערשט אַ טענדענץ צו מינימיזירן די היטלערישע אכזריותן. ער האָט געוואָרנט, אַז ס׳זענען דאָ באַצאָלטע דייטשע אַגענטן, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו פאַרטושן דעם אמת, און אַז ס׳איז אונדזער חוב צו זאָרגן אַז דער אמתער פּרצוף פון די דייטשע באַרבאַרישע מעשים זאָל אויפגעדעקט ווערן. ער האָט באַטאָנט די וויכטיקייט פון אָנהויבן אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט אין דער וועלט. אין דער זעלבער צייט האָט ער געזאָגט, אַז „בעת מיר אין פּוילן פרעגן קיינעם נישט וועגן זיין פּאַספּאָרט, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן הילפס־אַרבעט, גייט אָן אין דער מערב־וועלט אַ געוואַלדיקע דיסקרימינאַציע קעגן פּוילישע, רוסישע, ליטווישע, לאַטווישע און אַנדערע מזרח־יידן, וואָס ווילן זיך ראַטעווען פון דייטשלאַנד”. ער האָט אויך פאַר־לאַנגט אַז ס׳זאָל באַשאַפן ווערן אַ דעמאָקראַטישער וועלט־קאָנגרעס, מחמת „די דע־מאָקראַטיע איז דער פונדאַמענט פונעם אינערלעכן לעבן פון די פעלקער”.

די קאָנפערענץ, די ערשטע פון אַזאַ פאָרנעם, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ערשטן יאָר פונעם היטלער־רעזשים, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פּראָטעסטן קעגן די „העברה־פאָרהאַנדלונגען”, און מיט דער ערשטער באָיקאָט־דערקלערונג אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב.

צווישן די דעלעגאַטן פון פּוילן זענען געווען: מאַדאַם דיאַנאַ איינגער, ד״ר יהושע גאָטליב, ב. עקערמאַן, ע. מאַזור, ח. ראָסנער, ד״ר הענריק ראָזמאַרין, הרב י. רובינ־שטיין, סענאַטאָר ר. שערעשאָווסקי, רעדאַקטאָר נ. שוואַלבע, דעפּוטאַט וו. ווישליצקי און מאַרק טורקאָוו. צווישן די דעלעגאַטן פון דער צווייטער פאָרקאָנפערענץ אין גענף איז אויך געווען ד״ר לעאָן קובאָוויצקי פון בעלגיע. ער איז באַלד געוואָרן איינער

דעם 20סטן אויגוסט 1934 — אויך אין גענף. די צייט איז געווען רייף פאַר אַ גרויסן וועלט־קאָנגרעס, און דעם 8־15טן אויגוסט 1936, איז דער גרויסער היסטאָרישער מיילשטיין, די גרינדונג פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, דערגרייכט געוואָרן. ס׳איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט, אַז אויפן ערשטן וועלט־קאָנגרעס, האָב איך שוין נישט מער געהאַלטן קיין טעאָרעטישן רעפעראַט וועגן דער סכנה פון היטלעריזם ווי אַן אידעע, ווי איך האָב דאָס געטאָן אין 1932 אין גענף, נאָר איך האָב שוין געגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דער באָיקאָט־באַוועגונג און איר ווירקונג אויף דייטשלאַנד נאָך דריי מיט אַ האַלב יאָר פון היטלער־רעזשים. ווי אַ פירער פון דער באָיקאָט־באַוועגונג אין אַמעריקע און פאָרזיצער פון דער באָיקאָט־קאָמיסיע פון וועלט־קאָנגרעס האָב איך אַריינגעטראָגן די באָיקאָט רעזאָלוציע אויפן פלענום, וועלכע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. (די איטאַליענישע דעלעגאַציע איז צוליב פּאָליטישע טעמים אַרויסגעגאַנגען פון זאַל בעת מיין רעפעראַט און ביי דער אָפּשטימונג)(57).

אָט דאָס איז דער לאַנגער געשלענגלטער, שווערער וועג פון 1919, ווען די יידישע דעלעגאַציעס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פּאַריז מיט אַזוי פיל האָפענונג, ביז 1936, ווען די כמאַרעס פון היטלערס שוואַרצן רייך האָבן פאַרדעקט די האָריזאָנטן פון דער צוקונפט, און די דונערן און בליצן פון דעם דריטן רייך האָבן פאָרויסגעזאָגט אַ שרעקלעכן שטורעם — אַ שטורעם וואָס האָט שפּעטער אומגעבראַכט זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער און צעשטערט אַ טויזנט־יאָריקע ציוויליזאַציע פון פּוילישן יידנטום. און אויך איצט ווען די הימלען ווערן ווידער באַדעקט מיט נייע נעפּלען און כמאַרעס — מוז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס שטיין אויף דער וואַך. אויף אים קאָן מען זאָגן, אָדער בעסער געזאָגט האָפן: כי לא ינום ולא יישן שומר ישראל. דער חלום פון אַ פרייער מדינת ישראל איז מקוים געוואָרן; דער חלום פון אַ פרייען עם ישראל איז נאָך ווייט פון דער פולער רעאַליזירונג.

פון די פּאַקטישע פירער און זייל; פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. איצט איז ד״ר קובאָוויצקי (אריה לעאָן קובאָווי) דער אַמבאַסאַדאָר פון מדינת ישראל אין אַרגענטינע, וווּ ס׳האָט אויפגעבליט אַזאַ לעבעדיקער און וויכטיקער יידישער קולטור־צענטר.

הערות

1) וועגן יידיש־נאציאנאלע באוועגונגען און ארגאניזאציעס זען: J. Kreppel, **Juden und Judentum von Heute** (Wien 1925). Oscar J. Janowsky, **The Jews and The Minority Rights** (New York 1933).

דאס איז דאס בעסטע בוך ביז היינט וועגן מינאריטעטן־רעכט.

2) **Pro Causa Judaica** (Zürich-Lausanne 1917)

3) N. Goldmann, **Die Drei Forderungen des Juedischen Vilkes** (Berlin 1919)

4) וועגן דער טעארעטישער באגרינדונג פון יידישע מינאריטעטן־רעכט, זען: Max Rosenfeld, **Nationales Selbstbestimungsrecht der Jden in Polen (Wien 1918)**

5) L. Chasanovitsch and L. Motzkin, **Die Judenfrage der Gegenvart —** Documentensammlung (Stockholm 1919)

6) ספר מנצקין, ערוך בידי דר. א. ביין, ירושלים תרצ"ט. **Report of the Work of the Copenhagen Office of the Zionist Organization 1915-1919** (Copenhagen 1920)

7) דער יידישער נאציאנאל־ראט אין ליטע, קאוונע 1922.

8) Robert Weltsch, "Die Nationale Revolution in Oestrreichischen Judentum und die Jüdischen Nationalräte" (**Jüdischer Nationalkalender,** (Wien 1919-20)

9) James Bunyan, **The Bolschevik Revolution 1917-1918** (1934) Frank Alfred Golder, **Documents of Rusian History 1914-1917** (1927); A. Yanmolinsky, **The Jevs and Other Minor Nationalitees under the Soviet** (1928)

10) אפילו אין אירקוטסק האט זיך געפונען די צענטראלע פון א יידישן נאציאנאל־ראט פון אוראל און מערב־סיביר.

11) מ. זילבערפארב, „דאס יידישע מיניסטעריום און די יידישע אויטאנאמיע אין אוקראינע", קיעוו, 1918; A. D. Margolin, **The Jews in Eastern Europe** (1926)

די יידישע נאציאנאלע אויטאנאמיע און דער יידיש־נאציאנאלער סעקרעטאריאט, פון א יידישן סאציאל־דעמאקראט (ווין 1921).

12) אַ. טשעריקאָווער, אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אין אוקראַינע (בערלין 1923). S. Goldmann, **Juden und Ukrainer** (Wien 1921), **The Pogroms in the Ukraine under the Ukrainian Governments 1917-1920,** ed. Committee of Jewish Delegations (London 1927); N. Gergel, "Pogroms inthe Ukraine 1918-1929", Yivo Annual vol. VI, 1951

13) פּראָטאָקאָלן פונעם יידישן קאָנגרעס אָרגאַניזאַציע קאָמיטעט פון מאַרץ 21, 1915 — ביז מאַרץ 27, 1916; און פון דעצעמבער 1916 ביז דער זיצונגען פון קאָנגרעס; ד ע ר י י ד י ש ע ר ק אָ נ ג ר ע ס, נר. 7—6 (1915). אַ גוטע איבערזיכט אי־בער דער קאָנגרעס־באַוועגונג פון אָנהייב אָן איז צו געפינען אין אַרטיקל פון בערנאַרד ג. ריטשאַרדס: "The American Jewish Congress", **Jewish Communal Register 1917-1918** (New York 1918), p. 1429-49

וועגן דער אַמעריקאַנער־יידישער באַטייליקונג אין דער פּאַריזער שלום־קאָנפע־רענץ, זען אַרטיקל פון Lawson Kessler: **Aaron Halperin and Jack Diamond,** Yivo Annual 1947-1948

14) רעפּעראַט פון דער זיצונג פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און די פּרעלי־מינאַרע זיצונגען פון די פאַר־קאָנפערענצן און פון די קאָמיסיעס, זען: Bernard. G. Richards, The American Jewish Congress, 1918

15) דער פּראָטעסט וואָס מאָרגענטוי, אייזיק לאַנדמאַן האָבן אונטערגעשריבן האָט פאַרקלאָגט דעם קאָנגרעס פאַרן אַמעריקאַנער פּובליקום: „מיר הייבן אויף אונ־דזער שטים פון וואָרנונג און פּראָטעסט קעגן דעם פאַרלאַנג פון די ציוניסטן, אַז די יידן זאָלן רעאָרגאַניזירט ווערן אַלס אַ נאַציאָנאַלער קערפּער, פאַר וועלכן פּאַלעסטינע זאָל געגעבן ווערן, אָדער איצט אָדער שפּעטער, אַלס אַ סוווערן לאַנד... מיר באַדויערן די ציוניסטישע פּראָיעקטן פאַר אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק אין פּאַלעס־טינע... און מיר פאַרוואַרפן די טאָפּלטע לאָיאַליטעט פון אַזאַ דערקלערונג". מאָרגענ־טוי דערקלערט ווייטער: „איך בין באַפולמעכטיקט געוואָרן פאַרצולייגן די דעקלאַראַ־ציע פאַר דער קאָנפערענץ, און דער אָריגינאַל פון דעם טעקסט איז איבערגעגעבן גע־וואָרן דער אַמעריקאַנער קאָנפערענץ אין פּאַריז". זען: **All in Life Time** (1922), p. 289-92, 385-92, 385-94 (אַ שאָד וואָס מאָרגענטוי האָט נישט געלייענט דאָס בוך פון אַדם דע הענעדוס „פּאַטריאָטיזם אָדער שלום", אין וועלכן מיר געפינען די באַמערקונג: „דער ייד איז די איינציקע אינטערנאַציאָנאַלע מינאָריטעט. ס'איז טאַקע אַט־דאָס וואָס מאַכט אים פאַר אַ נאַציאָן".)

16) **Report of a Conversation betwee Messrs. Roman Dmowski and Louis Marshal,** American Jewish Committee library, New York

17) דאָרטן.

18) Stanislaw Mackiewicz (Cat), Historja Polski (London 1941)

19) ל. כאַזאַנאָוויטש, „דער יידישער חורבן אין אוקראַינע", בערלין 1922; אַ.

רעוווצקי, „אין די שווערע טעג אויף אוקראינע" (בערלין 1924); טשעריקאווער און אנדערע אויבן ציטירט.

20) וועגן ציריכער עפיזאד, זען: **Die Jüdische Pressezentralle** א וואכנבלאט אין ציריך אונטער דער לייטונג פון רעדאקטאר גרין.

21) בנוגע דעם אינערלעכן געראנגל קאן מען געפינען א באריכט אין די פראטאקאלן פון די זיצונגען פון די יידישע דעלעגאציעס. אבער נאך מער אפשר פון די בריוו און ראפארטן פון ד"ר רייך, רינגל און אויך מיינע אייגענע, וואס זענען רעגלמעסיק צוגעשיקט געווארן צו דער ווינער דעלעגאציע פונעם יידישן נאציאנאלראט אין מזרח־גאליציע. דער היסטאריקער ד"ר נ. מ. געלבער, וועלכער איז דעמאלט געווען סעקרעטאר פון דער ווינער דעלעגאציע, פארמאגט קאפיעס פון די בריוו און האט מיר דערלויבט זיי איבערזעצן אין יידיש. זיי האבן זיכער א היסטארישן ווערט. א פאר אויסצוגן פון זיי ווערן געדרוקט אין די הוספות פון דעם בוך.

22) די דיסקוסיעס ווערן דא איבערגעגעבן לויטן פראטאקאל פון די זיצונגען און לויט מיינע אייגענע פארצייכענונגען.

The Peace Conference. Ed. Committee of Jewish Delegations (23 (Paris 1919); **Report of the Delegation of the Jews of the British Empire** (London 1920); Alliance Israelite Universelle, **La Question Juive devant la Conference de la Paix** (Paris 1919); Lucien Wolf, **Notes on the Diplomatic History af the Jewish Question** (London 1919)

Dr. E. Dillon, **The Inside Story of the Peace Conference** (London (24 1920), p. 469

Edward Manley House and Charles Seymour, **ed. Wat Really** (25 **Happened at Paris- — The Story of the Peace Conference 1918-1919** (1921); C. H. Haskin and R. H. Lord, **Some Problems of the Peace Conference** (London, 1920)

H. W. Temperley, ed., **A History of the Peace Conference** (26 (London 1920) vol. I, p. 189, 439, **et seq.**

Cyrus Adler, **Diary** (American Jewish Committee Library) (27

28) אויך דער פארלאנג פאר מלחמה־פארגיטיקונג (רעפאראציעס) און מלוכהשע אנטשעדיקונג פון די פאגראם־קרבנות האט צעטיילט די דעלעגאציע.

29) די שפאלטונג איז געווען אזוי טיף, אז דאסמאל האט ריכטער מעק גערדאט פארלאזן די דעלעגאציעס אויב דער גאנצער פארשלאג, אדער דאס גאנצע נאציאנאלע שנירל פון פארשלאגן, זאל באמת אנגענומען ווערן (מיט דער מאיאריטעט, וועלכע מיר, נאציאנאלע יידן, האבן געהאט). צום סוף האבן מיר זיך געאייניקט אויף א פשרה. מיר האבן אויפגעגעבן דעם פארלאנג נאך א פראפארציאנעלער חלקה פון מלחמה־רעפאראציעס, און זיי האבן אנגענומען דעם פונקט וועגן א שטאטלעכער פאגראם־אנטשעדיקונג. אויך דער פארלאנג פון א יידישער וואלקוריע איז געבליבן אויפן

פראגראם. אנדערע פונקטן ווי דער פארלאנג פאר א ספעציעלן מלוכה־דעפארטאמענט פאר יידישע ענינים אין פוילן, נאציאנאלע אדמיניסטראציע און יידישן קאנטראל פון עמיגראציע, האט מען געלאזט פאלן. א סוב־קאמיסיע פון מארשאל, מעק, מאצקין, ד״ר ברוידע און פילדערמאן, איז באשטימט געווארן פאר דער רעדאקציע פון די געאייניק־טע אדער פשרהדיקע פונקטן פונעם פראגראם.

30) **La Question Juive en Pologne** (París 1919); Leon Reich, **Les Droits des Juifs en Europe Orientales** (Paris 1919), p. 36-42

31) אויך רינגלס און מיינע בריוו פון דער צייט זענען געווען פול מיט יאוש און פארביטערונג. אין מיין בריוו פון פאריז צו דער דעלעגאציע אין ווין, וו איך באשרייב דעם עמפפאנג ביי שטאט־סעקרעטאר לאנסינג און לאנסינגס טעמפן אומוויסן וואס אזוינס די יידן ווילן, האב איך מיך באקלאגט: „נאטירלעך ווייזט זיך ארויס, אז צוליב דעם מאנגל פון אריענטאציע אין אונדזערע אייגענע רייען, האבן מיר פאר־לוירן א סך טייערע צייט, און האבן פארפעלט איינפארמירן די וועלט וועגן אונדזערע פאדערונגען. ליידער זע איך נאך אלץ גאר ווייניק איילעניש אין דעם פרט. קיינער נישט, אויסער מיר אליין, וועט נישט טראגן די שולד אויב מיר וועלן דא גארנישט דערגרייכן. דער איצטיקער קאמיטעט פון יידישע דעלעגאציעס וועט מוזן עטאבלירן א ביורא מיט א פראגראם פון ארבעט פאר לאנגע יארן, ווייל, לויט מיין מיינונג, איז די פראגע בנוגע דער פארווירקלעכונג פון אונדזערע נאציאנאלע פאדערונגען נישט קיין פראבלעם וועלכן מיר קענען לייזן מיטאמאל, נאר ס׳וועט זיך נייטיקן א לאנגער פראצעס פון עוואלוציע, איידער מירן קענען דערגרייכן א רעוואלוציע פון אזא צוגאנג צו די יידישע ענינים, פאר וועלכע מיר האפן. די שלום־קאנפערענץ קען נישט מער ווי אויפשטעלן דעם אלגעמיינעם ראם. וואס איז נוגע דעם אינהאלט אויס־צופילן דעם ראם, קאן מען אים נישט באלד רעאליזירן, און מיר וועלן מוזן קעמפן שריט אויף שריט כדי צו געווינען דעם צוקונפטיקן פעלקער־בונד און די עפנטלעכע מיינונג, וועלכע זענען ביידע דערווייל גאר אינגאנצן קעגן אונדז. פשוט זיי הייבן נישט אן צו פארשטיין אונדזערע פראבלעמען.

32) וועגן ווילסאנס דעקלאראציעס און אודיענצן, זען באריכט אין דער פרעסע און אין די אמעריקאנער יידישע קאנגרעס־בולעטינען.

33) Stephen S. Wise, **Challenging Years** (1949), p. 196

34) פון מעקס ראפארט אין: "The Struggle for Jewish Rights", **Reform Advocate,** May 28, 1927; B. G. Richards, With the Jevish Delegations in Paris" **The Macabean,** September, 1919

35) Oscar J. Janowsky, **Nationalities and National Minorities** (1941) p. 313-16

36) די פונקטן וואס זענען ארויסגעקומען פון דער געמיינזאמער דיסקוסיע זע־נען איבערגעשיקט געווארן צום פירער־ראט, ווילכער, אדער ער האט זיי אינדאסירט מיט זיין אויטאריטעט, אדער, אויב ס׳זענען דארט געווען חלוקי־דעות, זענען זיי צו־

ריקגעשיקט געוואָרן צום קאָמיטעט פאַר רעוויזיע, מיט אַן עמפּעלונג פאַר די נייטיקע ענדערונגען, אָדער זיי גאָר אינגאַנצן אָפּפּטרן. צווישן די אַרטיקלען וואָס האָבן דווקא יאָ געקריבן די הסכמה פונעם פירער־ראַט איז געווען אַרטיקל 10, וועגן דערציאונג. זעט די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון קאָמיטעט פאַר נייע־שטאַטן, און מילערס: **My Diary,** vol. XII

37) דעם באַשלוס צו מאַכן פון די דעלעגאַציעס אַ פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט, מיטן זיץ אין דעם פּלאַץ וווּ ס'וועט זיך געפינען די פּערמאַנענטע ביוראָ פונעם פעלקער־בונד, איז פון אונדז אָנגענומען געוואָרן נאָך אין אַפּריל 28, 1919. לויט דעם באַשלוס האָט מען באַדאַרפט פאַרשיבן די אויספירונג פונעם פּראָיעקט ביז מען וועט קריגן די הסכמה פון די באַטייליקטע אָרגאַניזאַציעס. די זיצונג פון 2טן מאַי 1919, האָט אַפילו שוין דיסקוטירט וועגן פאַרופן אַ וועלט־קאָנגרעס. דער אמת איז, אַז וואָס ערגער ס'זענען געשטאַנען אונדזערע שאַנסן פאַר ממשותדיקע דערגרייכונגען, אַלץ בולטער איז געוואָרן אונדזער איבערצייגונג אַז מיר נייטיקן זיך אין אַ נייעם אינסטרומענט, וואָס זאָל זיין געבויט אויף אַ נאַציאָנאַלער, דעמאָקראַטישער קאָנצעפּציע פון אַ יידישער פאַרטרעטערשאַפט.

38) זעט סיירוס אדלערס בוך: **I Have Considered The Days** (1941), p. 313-16

39) **Papers Relating to the Foreign Relations of the United States in 1919 — The Paris Peace Conference,** vol. IV (Washington 1943, p. 150-170

די בענדער 3 ביז 10 אַנטהאַלטן די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פונעם פּלענום פון דער שלום־קאָנפערענץ און פון די זיצונגען פון פאַרשטייער פון מלוכות מיט ספּעציעלע אינטערעסן. באַנד 11 אַנטהאַלט באַריכטן פון די קאָמיסיעס פון דער קאָנפערענץ. זעט אויך מאַנלעי הודסאָנס עסיי אין: **What Really Happened in Paris, op. cit.**

40) Nathan Feinberg, **La Question des Minorités de la Paix de 1919-1920 et l'Action Juive en faveur de la Protection des Minorités** (Paris - Genève 1929)

41) קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס: „דער קאַמף פון אייראָפּעאישע יידן פאַר זייערר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט — באַריכטן און מאַטעריאַלן" (פּאַריז 1925); ד"ר יוסף טענענבוימס: **Peace for the Jews** (1945), p. 175; "Les droits nationaux des Juives en Europe Orientales", **Recuil d'etudes,** Paris 1919.

42) מאָרגענטויס בוך: **All in a Life Time**

43) Luigi Luzatto, **God in Freedom** (1930, p. 145; Addresses by Louis Marshall and Professor Manley O. Hudson" **Judean Addresses** vol. III (1927,

44) וועגן דעם עמפּפאַנג זען אַ ספּעציעלן באַריכט, פון ד"ר רינגל און מיר, אין דער הוספה־אַפּטיילונג.

45) פּראָפ. לאָרד איז אין יאָר 1920 איבערגעטרעטן צום קאַטוילישן גלויבן און שפּעטער אויפגעגעבן די קאַטעדרע אין האַרוואַרד־אוניווערזיטעט, און געוואָרן אַ גלח.

46) די פּאָליאַקן האָבן געהאַט שטאַרק פּאַראיבל אויף די ענגלענדער און האָבן באַטראַכט לאָיד דזשאָרדזש אַלס אַ יידישן אַגענט, וואָס האָט פיינט געהאַט פּוילן און האָט אויף זיי געבראַכט די מגפה פון די מינדערהייטן־רעכט. דער אמת איז (ציטירנדיק דעם פּראָטאָקאָל), אַז אויף אַ זיצונג פון ערשטן מאַי 1919 האָט ווילסאָן אַנגעשניטן די פראַגע פון יידישע רעכט, און לאָיד דזשאָרדזש האָט געפּרווט אַריינוואַרפן אַ שטיין אין גאָרטן: „די פּאָליאַקן, — האָט ער געזאָגט, און ער האָט זיך פאַרופן אויף פּאַדערעווסקי — באַקלאָגן זיך אַז די יידן בעת דער קריג האָבן געקעמפט אַלס פּאַרטיזאַנען ביי דער זייט פון מאָסקווע און פון דייטשלאַנד — ביידע פּוילנס שונאים — און נישט פאַר פּוילן." דאַרויף האָט ווילסאָן געענטפערט, אַז די יידן האָבן נישט קיין שום גרונט צו זיין פּאַטריאָטן דאָרט, וו מען פאַרפאָלגט זיי, און אַז, להיפוך, די יידן זענען צווישן די בעסטע בירגער אין אַמעריקע". קלעמענסאָ האָט צוגעגעבן אַז דאָס געמלעכע קען מען זאָגן וועגן פראַנצויזישע יידן. דאַרויף האָט דער פוקסיקער וועלשמאַן איבערגעדרייט דעם דישל און דערקלערט אַז ער קאָן דאָס זעלבע קאָנסטאַטירן בנוגע די לאָיאַליטעט פון די יידן אין ענגלאַנד.

47) „דער קאַמף פון די אייראָפּעאישע יידן פאַר זייערע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, באַריכטן און מאַטעריאַלן" (פּאַריז, 1925).

48) זען מאָרגענטוים בוך: **All in A Dife Time, op. cit.,** p. 326

49) מען קאָן און מען דאַרף אַ סך אָפּלערנען זיך פון דעם טרויעריקן עפּיזאָד. ליידער פאַרגעסט מען אָפט ביי אונדז, אַז אַנטיסעמיטיזם איז קיינמאָל נישט געווען אַ מאָנאָפּאָל פון איין לאַנד, און אויך נישט קיין „אינערלעכע פראַגע" פון דעם אָדער יענעם לאַנד. צוליב היטלערן זענען נישט נאָר אומגעקומען אַ קימאַ־לן פון אַ האַלבן מיליאָן דייטשע יידן, נאָר 5 מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן אויסער די דייטשע גרענעצן — און צווישן זיי דאָס גאַנצע, גרויסע, גלאַררייכע פּוילישע יידנטום.

50) פון ווייצמאַנס ראַפּאָרט, פאַרעפנטלעכט אין אַ ציוניסטישן זשורנאַל אין לאָנדאָן; אויך **Recuil des Documents Entrangers Nº 41** (Le dossier diplomatique sioniste)

51) **The Paris Peace Conference** U. S. Printing Office (1942) vol. IV, p. 159

52) דער טיטאָני־באַריכט פון 22סטן אָקטאָבער 1920, האָט געלייגט דעם ווינקלשטיין פאַר דער פּראָצעדור. דאָס הויפּט־פּראָבלעם איז באַשטאַנען אין דעם, ווער ס'זאָל זיין דער וואָרט־פירער פאַר די מענדערהייטן־אַנקלאָגעס. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פּעטיציעס און באַריכטן מעגן קומען פון דריי קוואַלן: 1) פון די מיטגלידער פונעם

ראַט פון פֿעלקער־בונד; 2) פון די מיטגלידער פון פעלקער־בונד, כאָטש זיי זענען נישט פאַרטראַטן אין ראַט; 3) פון די מיטגלידער פון די מינדערהייטן אַליין. דאָס האָט געעפֿנט די טיר פאַר די מינדערהייטן צו האָבן אַ רעכט צו אַפּעלירן אין זייערע אייגענע זאַכן. אַ פּאָר אַנדערע ענדערונגען אין דער פּראָצעדור זענען שפּעטער אַדאָפּטירט געוואָרן.

(53 Jacob Robinson, **et al., Were the Minorities Treaties afailure?** (1943)

(54 Robinson, **op. citt.,** p. 178

(55 .Minutes of Adjurned Session of American Jewish Congress

(56 זען פּראָטאָקאָלן פון יידישע וועלט־קאָנפערענצן אין 1932, 1933 און 1934.

(57 ערשטער יידישער וועלט־קאָנגרעס אין זשענעווע, אויגוסט 8—15, 1936.

הוספות

I

אַלבערט איינשטיינס אַרטיקל אין באַטאָ און אַבעלעס ייִדישער אַלמאַנאַך ווין, 1922־1921 (דייטש)

איך בין אַ נאַציאָנאַלער ייִד אין דעם זין, וואָס איך בין פאַרן קיום פון דער ייִדישער, אַזוי גוט ווי פון יעדער אַנדערער נאַציאָנאַליטעט, ווי אַ זעלבסטצוועק. איך באַטראַכט די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט ווי אַ פאַקט, וואָס דאַרף האָבן געוויסע פאָלגן. איך באַטראַכט די שטאַרקונג פונעם ייִדישן זעלבסטבאַוווסטזיין ווי עפּעס, וואָס ליגט אויך אין די אינטערעסן פון אַ נאַטירלעכן צוזאַמענלעבן מיט די ניט־ייִדן. פאַר מיר איז דער ציוניזם נישט נאָר אַ קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג אין פאַלעסטינע. די ייִדישע נאַציע איז אַ לעבעדיקער פאַקט אין פאַלעסטינע, אַזוי גוט ווי אין גלות און דער ייִדישער נאַציאָנאַלער גייסט מוז געבראַכט ווערן צו דער פולער אַנטוויקלונג אין פאַלעסטינע, אַזוי גוט ווי אין אַלע איצטיקע ווינלענדער.

Traduction

Legitimation

pour Msr. le Dr. Josef Tennenbaum comme délégué de conseil national de juifs de Galicie d'est pour la conférence continuelle (College d'experts) de toûts le conseils national de juifs de l'Europe et la Suisse

Lwow, 24. I 1919

Pour la presidium de C.N.J.

Isaak Ehr...

Dr. ... présidant

Dr. Hermann ...
secr.

לעגיטימאַציע

פאַר ה' דר יוסף טענענבוים אין לעמבערג אַלס דעלעגאַט פון דעם אָסטגאַליציאַנישען נאַציאָנאַלראַט צו דער שטענדיגער קאָנפערענץ (עקספּערטען קאָלעגיום) פון אַלע יודישע נאַציאָנאַלרעטען פון אייראָפּאַ און דער שווייץ

לעמבערג דעם 24 יאַנואַר 1919

פאַר דעם פּרעזידיום פון דעם י.נ.ר.

יצחק ערהאַרד
פּרעזידענט

ד״ר. ...
סעקרעטער

...

II

פון די בריוו־באַריכטן פון די דריי דעלעגאַטן פון מזרח־גאַליציע

(ראשי־תבות און אויסצוגן)

— א —

פּאַריז, 23טער מערץ 1919.

...נאָכדעם ווי עס זענען אַהערגעקומען אויטענטישע באַריכטן וועגן די אוקראַינישע פּאָגראָמען — די באַריכטן שטאַמען פון דעלעגאַטן וואָס זענען לעצטנס געקומען קיין פּאַריז — האָט אונדזער קאָמיטעט (פון די יידישע דעלעגאַציעס) דיסקוטירט דעם פּראָבלעם. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם צי מען זאָל יאָ פאַרעפנטלעכן די באַריכטן אָדער נישט. איך בין געווען קעגן דעם אַז מיר אַליין זאָלן די באַריכטן פאַרעפנטלעכן... וואָס מען וועט יאָ טאָן, איז צושטעלן דעם מאַטעריאַל דער ענגלישער און אַמעריקאַנער פּרעסע אָן דער דירעקטער באַטייליקונג פון קאָמיטעט. מען האָט אויך באַשלאָסן אַרויסצושיקן דעלעגאַטן, ענגלענדער און אַמעריקאַנער, כדי זיי זאָלן אין נאָמען פון אונדזער קאָמיטעט אויספאָרשן די יידישע לאַגע און אוקראַינע...

רינגל.

— ב —

פּאַריז, 4טער אַפּריל.

...אַ דעלעגאַציע פון מאַרשאַל, מעק, בראַנדעס, ווינטשעווסקי, סירקין, רבי לעווענטאַל און ריטשאַרדס זענען אויפגענומען געוואָרן פון לאַנ־

סינג, גענעראַל בליס, און עקס־אַמבאַסאַדאָר ווייט... לאַנסינג האָט גע־פרעגט צי ס'וואָלט נישט געווען שעדלעך פאַר די יידן, אויב זיי זאָלן זיך דערקלערן ווי אַ פּאָליטישע (נאַציאָנאַלע) פּאַרטיי. ער האָט בכלל אַרויס־געוויזן ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער זאַך; אָבער שפּעטער, נאָך ווייטערדיקע אויפקלערונגען... האָט לאַנסינג מסכים געווען, אַז דאָס שטעלט די יידישע פראַגע אין גאָר אַן אַנדער ליכט. ער האָט געוואָרנט, אַז אויב די יידן ווילן באמת, אַז זייער פאַרשלאַג וועגן באַשטימען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר יידישע ענינים זאָל אָנגענומען ווערן, וואָלט געווען כדאי אַז זיי זאָלן אינטערווענירן ביי אַנדערע דעלעגאַטן וואָס געפינען זיך אויף דער שלום־קאָנפערענץ און געבן זיי די נייטיקע אינפאָרמאַציעס... וועגן דער לאַגע: בעת מיר פאַרלאַנגען, אַז די יידן זאָלן באַלאַנגען צום פעלקערבונד ווי איינע פון די אומות, זענען די אַמעריקאַנער יידן גאָר אין גאַנצן קעגן דעם... זייערע אַרגומענטן: די ליגע איז אַ בונד פון מלוכות און נישט פון פעלקער... אויסער דעם דראָט זיי אין זייערע היימען אַ חשד פון אַ טאָפּלטער בירגערשאַפט און אַ פאַרוואורף אַז זיי זענען חלילה „האַלבע אַמעריקאַנער" (אַמעריקאַנער מיט אַ פּאַסיקל)... פון די ציוניסטן איז דאָ אַ פאַרשלאַג, אַז די נאַציאָנאַלע פאַרטרעטערשאַפט פון ארץ־ישראל זאָל איבערנעמען די השגחה איבער די יידישע גלות־רעכט, אָבער איך האָב פאָרגעשלאָגן, אַז די צוויי באַזונדערע ספערן: גלות און פּאַלעסטינע, זאָלן זיין אָפּגעטיילט אין דער רעכטלעכער באַציאונג ווייניקסטנס און אַז מיר זאָלן באַשטיין אויף אונדזער אייגענער רעפּרעזענטאַנץ אין דער ליגע, וואָס זאָל אויסגעווײלט ווערן פון אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס. אַזאַ קאָנגרעס־פאַרטרעטערשאַפט דאַרף זיין ממונה איבער די יידישע גלות־ענינים, בירגערלעכע אַזוי גוט ווי נאַציאָנאַלע...

טענענבוים.

— ג —

פּאַריז, 15טער אַפּריל.

די פּאַלעסטינע־ליגע — אַ צווייג פון דער אַלגעמיינער ליגע פאַר מענטשנרעכט האָט איינגעאָרדנט אַ פאַרזאַמלונג לכבוד דער פּאַלעסטי־

נער דעלעגאַציע. ס׳זענען געווען אַנוועזנד אַ פּראָטעסטאַנטישער בישאָף, דער באַרימטער עקאָנאָמיסט פּראָפעסאָר (זשאַן פּאָל גוויאָם) זשיד, אַ פּאָר פראַנצויזישע דעפּוטאַטן, אַ געוועזענער מיניסטער פון פראַנצויזישן פּלאַט א״אַנד. חוץ די פראַנצויזן האָבן גערעדט, פון אונדזערע דעלעגאַטן, דוד יעלין, דיזנגאָף און ד״ר רייך. יעלין האָט גערעדט העברעאיש, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם... נעכטן איז געפּראַוועט געוואָרן אַ פּסח־דיקער סדר, פאַר די יידישע סאָלדאַטן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, וואָס איז אָרגאַנזשירט געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער „וועלפייר באָרד״, אונ־טער דער לייטונג פון אונדזער דעלעגאַט קאָלאָנעל קאַטלער. דער אָוונט האָט אָנגענומען אַ הויכן פּאָליטישן כאַראַקטער... אַביסל האָט אונדז ציור־ניסטן געקרענקט וואָס ס׳איז געווען אַזויפיל אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם און אַזוי ווייניק ציוניזם...

רינגל.

— ד —

פּאַריז, 4טער מאַי.

אַ גרויסע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, אָרגאַנזשירט פון דער „לי־גע פאַר מענטשנרעכט״. דער פירער פון דער ליגע פערדינאַנד ביסאָן, וועלכער איז באַקאַנט נאָך פון דער דרייפוס־אַפערע, איז געווען פאָרזי־צער. נאָך מיר האָט מאָצקין גערעדט אין יידיש... מען האָט באַשלאָסן (אין קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס) זאַמלען מאַטעריאַלן בנוגע אַ יידישן קאָנגרעס... מיר האָבן אויך אַביסל מורא פאַר דער צווישן־מלוכה־שער קאָמיסיע, וואָס דאַרף אָפּפאָרן קיין פּאַלעסטינע. ביי דער היינטיקער זיצונג האָט מען דיסקוטירט צי מען זאָל גלייכצייטיק נישט שיקן ווייצ־מאַנען קיין פּאַלעסטינע. קיין פּאָזיטיוון באַשלוס האָבן מיר נישט אָנגע־נומען, מחמת ס׳איז דאָ אַ חשד, אַז די פּאַלעסטינע־פראַגע וועט אפשר אַנטשיידט ווערן, נאָך איידער די קאָמיסיע וועט צוריקקומען און צוליב דעם וואָלט מען דאַרפן ווייצמאַנען האָבן אין פּאַריז. צווישן די דעלעגאַטן הערשט אַ גרויסע אויפרעגונג קעגן דער לייטונג צוליב איר אַפּאַטיע

בנוגע עמיגראַציע, קאָלאָניזאַציע אאַז״וו. טהאָן, ברוידע, לעוויטע, וועלכע האָבן געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט די פּאָליאַקן, האָבן געמוזט דערוויל איבעררייסן די פאַרהאַנדלונגען, מחמת גראַבסקי איז אַוועקגעפאָרן פון פּאַריז און קיינער קען אים נישט פאַרטרעטן.

רייך.

— ה —

פּאַריז, 5טער מאַי.

...דער צווייטער וויכטיקער עטאַפּ אויף אונדזער וועג שטעלן מיט זיך פאָר די פאַרהאַנדלונגען פון די יידישע דעלעגאַטן פון פּוילן (סאָקאָלאָוו, טהאָן, ברוידע, לעוויטע) מיט דער פּוילישער מיסיע אין וועלכער ס׳האָבן אָנטיילגענומען וולאַדיסלאַוו גראַבסקי, לעאָן וואַשילעווסקי און ד״ר דלוסקי. די יידישע פאַרטרעטער האָבן פאַרגעלייגט דעם פּוילישן מעמאָראַנדום (זען ווייטער), און די „ענדעקעס״ (נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן) האָבן דערקלערט זייער גרייטקייט צו אָנערקענען די יידישע נאַציאָנאַליטעט. די פּ. פּ. ס (פּוילישע סאָציאַליסטן) און די פּוילישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זענען אַבסאָלוט קעגן אַזאַ אָנערקענונג. ווען ס׳איז געקומען צו די פּרטים (יידישע קהילה, דער שפּראַכן־ענין, נאַציאָנאַלער קאַטאַסטער אאַז״וו) האָט זיך באַוויזן דער גרויסער תהום צווישן אונדז און זיי. דעם ענין „נאַציאָנאַלער קאַטאַסטער״ האָבן זיי אין פלוג אָפּגעוואָרפן. אין דער פראַגע פון לשון זענען די פּ. פּ. ס. געווען פאַר יידיש און די „ענדעקעס״ פאַר העברעאיש. אויף ביידע לשונות האָט קיינער נישט געוואָלט מסכים זיין... די פּאָליאַקן פאַרלאַנגען, אַז די יידן זאָלן זיך אַנטשיידן, אָדער פאַר אַ נאַציאָנאַלן, אָדער פאַר אַ רעליגיעזן קהילה־סיסטעם. די כוונה איז אויפצושטעלן אַ מחיצה צווישן רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע יידן... די פראַגע פון קריג־שאָדן־ערזאַץ, וואָס אונדזער דעלעגאַציע האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ קאָמיסיע האָט זיך איבערהויפּט נישט גערירט פון אָרט... איך האָב צוגעגרייט אַ מעמאָראַנדום צו דער שלום־קאָנפערענץ וואָס איז ענלעך צום תוכן פון מיין אַרטיקל: „דאָס גאַליצישע יידנטום״

וואָס איז דערשינען אין „בולעטין פון קאָפּענהאַגענער ביוראָ" פון 17טן אַפּריל 1919 און וואָס אַנטהאַלט מאַטעריאַל וועגן קריגס־אַנטשעדיקונ־גען פאַר די מזרח־יידן — אָבער דערוויייל האָט זיך די זאַך פאַרהאַקט...

טענענבוים.

— ו —

פאַריז, 27סטער מאַי.

...מעק איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און מאַרשאַל האָט איבערגענו־מען זיין אַמט. אָבער אַזוי לייכט איז דאָס נישט אָנגעקומען. איידער דאָס איז געשען האָט דער קאָמיטעט אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן — אייבעם וועגן דער נויטווענדיקייט פון ביורא להבא... אַלע די באַשלוסן זענען אָנ־גענומען געוואָרן אין מאַרשאַלס אָפּוועזנהייט. אַזוי ווי מאַרשאַל האָט גאָרנישט געוואָלט הערן וועגן אַזאַ זאַך ווי אַ פּערמאַנענץ פון דעם קאָ־מיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס, האָט ער באַטראַכט דאָס ווי אַ באַליידי־קונג, וואָס איז געצילט קעגן אים פּערזענלעך און האָט נישט געוואָלט אָננעמען די פּרעזידענטשאַפט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען פון וועלכע מאַרשאַל איז אַרויס דער זיגער און אונטער די תנאים וועט ער בלייבן פּרעזידענט... וועגן די פּאָגראָמען האָט מען אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע אונטער מאַרשאַלס פירערשאַפט. מען האָט אויך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אינאיינעם מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן אַ רוף צו דער גאַנצער מענטשהייט. צווישן אַנדערע האָט אויך אַנאַטאָל פראַנס צוגעזאָגט צו געבן זיין אונטערשריפט...

רייך.

— ז —

פאַריז, 28סטער מאַי.

...איך וויל נאָך מיטטיילן, אַז אונדזער קאָמיטעט פון די יידישע דע־לעגאַציעס האָט אויסגעוויילט אַ ספּעציעלע „פּאָגראָם־קאָמיסיע", און חוץ

דעם וועט איצט געגרינדעט ווערן אַ „קאָמיטעט פאַר פאַרטיידיקונג" (קאָ־מיטע דע דעפאנס), וואָס וועט באַשטיין פון באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, יידישע און ניט יידישע, מיטן ציל צו באַשיצן די יידן פון פּאָגראָמען. מען האָט אויך פאָרגעשלאָגן צו גרינדן אַ „רויטן מגן־דוד" וואָס זאָל אַריינגיין אין אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, מיט אַלע רעכט און פּריווי־לעגיעס פון דער גענפער קאָנפערענץ. דער רויטער מגן־דוד זאָל באַשטימט ווערן ווי אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע אין די פּאָגראָם־געגנטן, פּונקט ווי דער רויטער קרייץ טוט עס אויפן שלאַכטפעלד.

רינגל.

— ח —

פּאַריז, 5טער יוני.

...איך בין שוין געווען געפּאַקט אַרויסצופאָרן אָבער מען האָט מיך דאָ איבערצייגט, אַז איך דאַרף נאָך בלייבן און דאָס הויפּזעכלעך צוליב די פּאָגראָמען. די פּאָליאַקן לאָזן נאָך אַלץ דעם לעמבערגער פּאָגראָם נישט צורו און פאַרשיטן די וועלט מיט בראָשורן און מעמאָריאַלן פול מיט ליגן. סילווײן לעווי האָט אונדז פאָרגעלייגט פון פראַנצויזישן אויסערן־מיניס־טעריום קאָפּיעס פון די פּוילישע ליגנערישע נייעסן און געבעטן אונדז צו געבן אים מאַטעריאַל, וואָס זאָל אַלץ דאָס אָפּלייקענען... מיר ווילן דאָ אַרויסגעבן אין פראַנצויזיש אַ בוך מיט די אמתע פאַקטן וועגן לעמבער־גער פּאָגראָם, וועלכע זאָלן אָפּגעבן אַ זאַכלעכן באַריכט איבער דעם אמתן צושטאַנד אין די פּאָגראָם־לענדער... אַזוי ווי איר ווייסט שוין קומט באַלד דער ענין מזרח־גאַליציע אַרויף אויפן טיש פון דער ספּעציעלער שלום־סובקאָמיסיע... דער פירער־ראַט דאַרף אויך, אין אַ פּאָר טעג, אויפנעמען די פראַגן פון די כסדרדיקע פּאָגראָם־כוואַליעס...

טענענבוים.

— ט —

פאַריז, 12טער יוני

...וועגן א. ב. ק אַ ה אַ ן, וועלכער איז אָפּגעפאָרן אויף אַ רייזע איבער אייראָפּע: קאָנפידענציעל וויל איך אייך, אויפן ווונטש פון מאַרשאַל און אַדלער, וואָרענען, אַז איר זאָלט אייך היטן פון צופיל קאָנטאַקט מיט אים. לויט זייער מיינונג קאָן דאָס אַלע ברענגען שאָדן. זיי האַלטן, אַז דער „פאָרווערטס" טראָגט נישט נאָר אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, נייערט (זיין ראַדיקאַליזם) דערגרייכט ביז צו באָלשעוויזם. חוץ דעם — און וועגן דעם קאָן איך אויך עדות זאָגן — ווערט ער (דער „פאָרווערטס") באַטראַכט אַלס אַ צייטונג פון די צענטראַל־מאַכטן (דייטשלאַנד און עסטרייך) Caveant consules (היט אייך פירער!). איך ווייס פון צוטרוילעכע קוואַלן, אַז נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעלייענט אייער בריוו פאַר מיס לאַענשטיין (סעקרעטאַרין פון „דזשאָינט") איז אַוועק אַ דעפּעשע קיין ווין, מיט אַ וואָרנונג פון „דזשאָינט" קעגן קאַהאַנען*.

וועגן (רעקאָנסטרוקציע), האָבן מיר אויסגעוויילט אַ קאָמיסיע פון אַדוואָקאַטן: מאַרשאַל און ווינאוער — וועלכער איז לעצטנס געווען אויסערן־מיניסטער אין קרים — און איך... מיר זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יעדן לאַנד ווו ס'זענען פאָרגעקומען פּאָגראָמען קעגן יידן און אויך בנוגע די יידישע קריג־שאָדנס און רעפּאַראַציעס מצד דייטשלאַנד. ס'איז מעגלעך, אַז ס'וועט אונדז געלינגען אויסצואַרבעטן אַן אַנטשפּרעכנדיקן געזעץ־פּראָיעקט, וועלכן מיר וועלן לאַנסירן און מאַכן אָנשטרענגונגען כדי ער זאָל אָנגענומען ווערן. קאָלטשאַק (די רעגירונג זיינע) האָט געקריגן אָפיציעלע אָנערקענונג. דאָס איז דער אָנהייב פון רוסלאַנדס רעסטאַווראַציע. מיט דעם פאַלט אויך אַוועק דער פּראָיעקט פון אַ זעלבסטשטענדיקע אוקראַינע...

ריינגל.

---

* מיר ציטירן דאָס ווי אַ היסטאָרישע קוריאָזיטעט. אפשר האָט עס געהאָט צו טאָן מיט די אַמאָליקע צענטראַל־מאַכט־סימפּאַטיעס, וואָס זענען ממילא אין יענע צייטן פאַררעכנט געווען ווי אַ גרויסער חטא ביי די אַליאירטע מלוכות.

— י —

פאריז, 16טער יוני.

...דער ענין פּאָגראָמען אָבסאָרבירט אונדז אַלעמען. רינגל און איך זע־נען באַשטימט געוואָרן ווי מיטגלידער פון דער פּאָגראָם־קאָמיסיע, וועל־כע וועט איצט אָננעמען אַ גאַנצע ריי שריט קעגן די אכזריותדיקע פּאָ־גראָם־כוואַליעס. סאָקאָלאָוו האָט נישט לאַנג צוריק אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון פּוילן, וועלכע שילדערט אין שוואַרצע קאָלירן וואָס פאַר אַ גיהנום עס הערשט איצט אין פּוילן. אַנטקעגן דעם איז דאָ נאָר איין ענטפער: די ברייטסטע פּובלי־ציטעט. מיר בעטן אייך שיקט אונדז אָפטע, אָבער נישט איבערגעטריבע־נע באַריכטן... דער סאָציאַליסטישער פירער הערמאַן ליבערמאַן האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „הומאַניטע״ אַן אַרטיקל אין וועלכן ער לייקנט, אַז די איצטיקע פּאָגראָמען זענען עכטע אַנטיסעמיטישע עקסצעסן. די וואָס קומען יאָ פאָר זענען, לויט זיין אַרטיקל, אַ פּועל־יוצא פון דער אויפרעגונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג קעגן די (יידישע) נאַציאָנאַ־ליסטן. אַזוי זוכט ער מיט אַלע מיטלען צו פאַרמינערן אין די אויגן פון דער וועלט די רציחות און די אומאויפהערלעכע פּאָגראָמען... אויך די אַסימילאַנטן ד״ר לעווענשטיין און נאַטאַנזאָן זענען אַהער געקומען ראַטע־ווען דעם פּוילישן האָנאָר אין דער וועלט־שטאָט פּאַריז... מיר זענען גע־ווען ביי מעסיע מייערסאָן, דירעקטאָר פון דער „איקא״, וועלכער האָט אונדז צוגעזאָגט צו געבן הילף פאַר פּוילן. וועגן אָפּמאַך מיטן „דזשאָינט״ האָב איך אייך שוין געשריבן... דאָ איז איצט אָנגעקומען מאַרגאָלין פון אָדעס, וועלכער נעמט זיך צו דער זאַך (וועגן אוקראַינע) מיט געניטקייט. דאָס שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין דער פראַנצויזישער פּרעסע...

טענענבוים.

— יא —

פאריז, 29סטער יוני.

...ס'איז מעגלעך אַז מיר „פּאָליטיקירן" אַביסל צו פיל, און ס'איז אפשר גערעכט סעקרעטאַר וועקסלער (פון דער ווינער דעלעגאַציע) אַז מיר וואָלטן באַדאַרפט „אַריינפּאַלן צו ווילסאָנען" און צו אים רעדן „פּראָסטע זאַמאָסטע"... די פּאָליאַקן פילן זיך שטאַרק גערייצט פון דער שטימונג וואָס הערשט דאָ צוליב די פּאָגראָמען... זיי פאַרשפּרייטן נאָ־טיצן און גיבן אַרויס קאָמוניקאַטן אַז די פּאָגראָם־נייעסן זענען ניט מער ווי אַן אינספּירירטע דייטשע קאַלומניע. פּראָפעסאָר ניטש פון קראָקעווער אוניווערזיטעט האָט אויפן גרונט פון „אייגענע דערפאַרונגען" געשריבן אַ דין־וחשבון פאַר די אַליאירטע, אין וועלכן ער באַווייזט אַז, ראשית, זענען איבערהויפּט נישט געווען קיין פּאָגראָמען אין פּוילן און שנית, אַז דער ציוניסטישער שליח, ישראל קאָהען (פון לאָנדאָן), וואָס האָט באַ־זוכט פּוילן, האָט נישט אויסגעקענט זיך אין לאַנד און די יידן האָבן שטאַרק איבערגעטריבן מיט זייערע גוזמאות... נאָך דעם אונטערשריפט פון דייטשן שלום־טראַקטאַט האָט פּוילן אונטערגעשריבן דעם מינדער־הייטן־אָפּמאַך... עס הערשט ביי אונדז אַ יום־טובדיקע שטימונג און ס'זע־נען שוין דאָ פאַרשלאָגן אַז מיר זאָלן אויף אַ שטיקל צייט אָפּלייגן אונ־דזער געפּלאַנטן פּראָטעסט־מיטינג (קעגן די פּאָגראָמען). פּ אַ ס מ אַ־נ י ק איז נאָרוואָס געקומען צופאָרן און האָט געבראַכט שרעקלעכע ידיעות פון רוסלאַנד... לואי בראַנדייס האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן אַ טאָג אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע. ביי דער געלעגנהייט איז אַרויפגעשוואומען אויף דעם אויבערפלאַך אַ סיכסוך וואָס הערשט צווישן די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן, פון איין זייט, און אוסישקין און סאָקאָלאָוו, פון דער אַנדע־רער... בראַנדייס האָט זיך געזעגנט מיט באַלפורן און מיט אַנדערע דיפּלאָ־מאַטישע פּערזענלעכקייטן און געקריגן גוטע הבטחות פון זיי. אָבער וועגן דעם טאָר מען נישט שרייבן. סאָקאָלאָוו איז איינגעלאַדן געוואָרן צום פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטער פּישאָן וועגן געוויסע אויפקלערונגען.

אויך דאָס איז פאַרטרוילעך. די באַדינגונגען, וואָס עקזיסטירן אין ארץ־ישראל זענען נישט קיין גוטע. די ענגלישע באַאַמטע שיקאַנירן די יידן...

רייך.

— יב —

פאַריז, 30סטער יוני.

...אין דער פּאָגראָם־פראַגע — איז איצט דאָ אַ הערשנדיקע מיינונג אין קאָמיטעט, אַז מען זאָל אָפּוואַרטן די אַנטוויקלונג אין פּוילן און נישט אויפהייבן קיין צו שטאַרקן ליאַרם, ביז פּוילן וועט האָבן אַ מעגלעכקייט צו ווייזן צי איצט, נאָך דער אונטערשריפט פונעם טראַקטאַט, וועלן די פּאָגראָמען פון זיך אַליין נישט אויפהערן. דאָס איז נישט מיין אייגענע מיינונג, אָבער מען מוז זיך בייגן פאַר דער מאַיאָריטעט... צוליב אָט דעם באַשלוס האָב איך געמוזט מיט גרויס האַרץ־קלעמעניש אָפּרופן אַן איב־טערפּעלאַציע אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, וועלכע מיר האָבן מיט דער הילף פון ראַזענטאַל (דעם פראַנצויזישן פּערל־קעניג), מיט אַזוי פיל מי ענדלעך דערגרייכט. ראַזענטאַל האָט פאַראינטערעסירט אַ פּאָר פון די איינפלוסרייכסטע דעפּוטאַטן אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט און האָט אַפילו געהאַט אַ צוזאָג פונעם אויסערן־מיניסטעריום, אַז דער ענטפער פון דער מיניסטער־באַנק אויף דער אינטערפּעלאַציע, וועט זיין גאָר אַ גינס־טיקער פאַר יידן... דעם טראַקטאַט (מינדערהייטן־רעכט) גופא דאַרף מען באַטראַכטן ווי אַ גרויס געווינס, טראָץ דעם וואָס ער דערפילט נישט אַלע אונדזערע האָפענונגען... דעם דערפאָלג דאַרף מען פאַרדאַנקען, אין ער־שטער ריי, דעם ענערגישן אויפטריט פון מאַרשאַל, וועלכער וועט מיט דעם גרויסן אויפטו זיינעם בלי ספק אַריין אין דער געשיכטע אַלס איינער פון די גרעסטע יידן פון אונדזער תקופה...

טענענבוים.

— יג —

פאריז, 9—21 אויגוסט.

...בראַנדייס איז אויף זיין צוריקרייזע פון פּאַלעסטינע געווען צוויי טעג אין פּאַריז און חוץ דער אויפנאַמע אין ציוניסטישן ביוראָ איז ער אויך געווען ביי אונדז, ביי די יידישע דעלעגאַציעס, און האָט אָנטיילגענומען אין אונדזערער אַ זיצונג. דאָס איז געווען דעם 4טן פון דעם חודש. מאָרגן פאָרט ער קיין לאָנדאָן ווו ס'וועט וואַרשיינלעך פאָרקומען אַ זיצונג פונעם אַקציאָנס־קאָמיטעט...

אין דער ר ו מ ע נ י ש ע ר זאַך אַרבעטן איצט פלייסיק אונדזערע בייע דעלעגאַטן: ד״ר ק ר ע מ ע ר, ד״ר ד י א מ א נ ט ווי אויך הער ל א ב י ן, וועלכער איז דאָ זייט אַ פּאָר וואָכן... דער טשעכאָסלאָוואַקישער ענין איז אַ היפּש ביסל קאַליע געוואָרן, צוליב דער נאַכלעסיקייט פון אונדזערע אייגענע מענטשן. איצט איז שווער עפּעס צו פאַריכטן... די הערן ז י נ ג ע ר און א ו נ ג א ר (פון טשעכאָסלאָוואַקיע) וואָס זענען דאָ ערשט אייניקע טעג, דאַרפן זיך זען מיט בענעשן, אין דער באַגלייטונג פון סאָקאָלאָוון.

וועגן יוגאָסלאַוויע האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז די רעגירונג האָט פאָרגעלייגט אַ פּראָיעקט לויט וועלכן אַלע קראָאַטן, סלאָווענער און סערבן זאָלן אויטאָמאַטיש ווערן בירגער פון יוגאָסלאַוויע — אַלע אַנדערע — נאָר דעמאָלט אויב זיי ווינען דאָרט נישט ווייניקער ווי 30 יאָר...

וועגן ל י ט ע זענען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען צווישן אונדזער פאָרטרעטער ד״ר ראָזענבוים (דער געוועזענער וויצע־מיניסטער) מיט דער ליטווישער דעלעגאַציע, ווי אַ רעזולטאַט פון די פאַרהאַנדלונגען איז די ליטווישע רעגירונג גרייט צו געבן אונדז אַלע נאַציאָנאַלע רעכט וואָס מיר פאַרלאַנגען, בתנאי אַז מיר זאָלן נישט שטעלן קיין אייגענע פאָדערונגען צו דער שלום־קאָנפערענץ בנוגע ליטע...

רייך.

— יד —

פאריז, 9טער אקטאבער 1919.

...טענענבוימס ביכער וועגן „לעמבערגער פאגראם״ זענען דא אנגעקו־מען. מר. באגען (פון „דזשאינט״) האט נישט געהייסן שיקן דאס בוך (דער לעמבערגער יידן־פאגראם) קיין אמעריקע, מחמת דאס קאן בא־טראכט ווערן ווי דייטשע פראפאגאנדע.

רינגל.

— טו —

פאריז, 17טער מערץ 1920.

...די דעלעגאציעס ווערן פאוואליע איבערגעביטן אויף אן ארבעט־קא־מיטעט, מיט פארשידענע סעפאראטע אפטיילונגען (רעסארטן). זיי טוען איצט דאס וואס מיר האבן שוין פון לאנג אן פארלאנגט. דער פרעסע־רעסארט אונטער דער לייטונג פון דניאל פאסמאניק און מ. אליינקאף, טוט גוטע ארבעט... ס׳זענען דא פארשלאגן וועגן בילדן א ועד־הארצות.

סאקאלאוו איז מיט דריי טעג צוריק געקומען פון לאנדאן און האט אפגעגעבן א דין־וחשבון פון וועלכן איך ציטיר דא א פאר פונקטן:

„די עקסצעסן אין מתולה האבן געמאכט אויפן אקציאנס־קאמיטעט א דערשלאגנדיקן איינדרוק. צווישן די קרבנות זענען אויך דא צוויי מייד־לעך. סאקאלאוו האט אינטערווענירט ביי לארד קורזן און אויך אין „פאר־עין אפיס״ און דארט האט (מען) אים רעקאמענדירט, אז ער זאל ארויס־שיקן אן אפיציעלן בריוו צו דער ענגלישער רעגירונג, וואס ער האט אויך געטאן. כאטש דאס איז פארגעקומען אין דער ספערע פון דער פראנצוי־זישער אקופאציע, האט די ענגלישע רעגירונג צוגעזאגט ענערגיש זיך אנ־צונעמען די יידישע קריוודע. מען האט אפגערופן די דעמאביליזירונג פון מיליטער, כדי אזעלכע עקסצעסן זאלן נישט פארקומען אויך אין דער ענגליש־אקופירטער זאנע פון פאלעסטינע. מען דערווארט מיליטערישע

הילף אין דער פאָרם פון אַ גרעסערן קאָנטינגענט סאָלדאַטן, אָבער אפשר וועט געלינגען דורכצוזעצן ביי דער ענגלישער מלוכה, אַז זיי זאָלן באַוואָפענען די יידישע מיליץ. סאָקאָלאָוו האָט זיך געקלאָגט, אַז דאָס אַלצדינג האָט טאָקע געקענט געשען צוליב דעם, וואָס מיר זענען אַזוי ווייניק אין צאָל אין פּאַלעסטינע. אַן אַנדערער פאַקטאָר איז געווען דאָס, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אויסגעליידיקט פּאַלעסטינע פון מיליטער און קאָנצענטרירט איר גאַנצע מיליטערישע מאַכט אין סיציליע פאַר דער פאַר־טיידיקונג פון די אַרמענער."

„אַן אַנדער איבעראַשונג — האָט וויטער סאָקאָלאָוו געזאָגט — איז געווען די מלכות־פּראָקלאַמאַציע פון פייזאַל. דאָס אַליין איז אפשר נישט געווען אינגאַנצן קיין איבעראַשונג. פייזאַל האָט זיך אָנגעברוגזט, ווייל מען האָט אים נישט איינגעלאַדן ער זאָל אָנטיילנעמען אין פראַנצויזיש־ענגלישע פאַרהאַנדלונגען וועגן דער צעטיילונג פון די מאַנדאַטן־ספערן אין סיריע. זיין רוגז איז געווען געווענדט מער קעגן פראַנקרייך איידער קעגן ענגלאַנד. ער האָט אַפילו געדראָט מיט אַ רעוואָלט. אָבער אין פּאַריז האָט מען אים באַרואיקט און מען האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט אים, לויט וועלכן פייזאַל האָט אנערקענט די וויכטיקייט פון די ענגלישע און פראַנצויזישע מאַנדאַטן. ער האָט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך מיט דעם וויסן, אַז ער דאַרף ראַטיפיצירט ווערן פון זיין קעניגלעכן פאָטער און פון זיין פאָלק. ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער אָנגעטראָפן אַ גאַנץ גע־ענדערטע לאַגע און איז געפאַלן אונטערן איינפלוס פון דער שאָוויניס־טישער אַראַבישער פּאַרטיי. די ענגלישע רעגירונג האָט דאָס אויפגענומען מיט דער געוויינלעכער פלעגמאַטישקייט אירער און באַטראַכט דאָס אַלץ ווי אַ מין אַוואַנטורע, וואָס קאָן קיינעם נישט שאַטן — ווי נאָר אים אַליין. זיי אַליין שרייבן נישט צו דער זאַך קיין איבעריקע באַדייטונג."

אין אַלגעמיין האָט אונדזער אייגענע פּאַלעסטינע־פראַגע, זייט דער קאָנפערענץ, גאָרנישט פאַרבעסערט זיך. לאָרד קורזן, וועלכער איז אין אָנהויב נישט געווען זייער פריינדלעך צו אונדז איז איצט געוואָרן אַ הייסער חסיד פון אונדזער זאַך און האָט פאַרטיידיקט זי אויף דער קאָנ־פערענץ זייער וואַרעם. דער ענין וועגן מאַנדאַט איז אַנטשידן געוואָרן. דער שטרייט גייט איצט אָן וועגן די צפונדיקע גרענעצן. די פראַנצויזן

פארטיידיקן זייער שטאנדפונקט, אז זיי ווילן אויך העלפן דעם ציוניזם אין דעם טייל פון פאלעסטינע, וועלכן זיי ווילן פאר זיך. די זאך איז דער־וויל אפגעלייגט געווארן — אבער די ענגלענדער וועלן אונדזער זאך פאר־טיידיקן אויף יעדן פאל.

דער ענין מיטן טערקישן טראקטאט פארציט זיך. ווי דעם לעצטן טערמין האט מען אנגעגעבן סוף חודש, אבער צי דאס איז באמת דער לעצ־טער טערמין ווייסט מען נאך אלץ נישט.

אויף דער זיצונג פונעם 15טן האב איך באריהרט דעם ענין פון די אונגארישע יידן און איך האב אפגעגעבן א דין־וחשבון לויט די אינפאר־מאציעס וואס איך האב באקומען פון אבער־ראבינער ד"ר חיות. אומעטום האט מען געפילט, אז דער אנקום פון א דעלעגאט פון אונגארן וואלט גע־ווען פון גרויסן נוצן, אבער אזוי ווי אזא זאך איז איצט נישט ווארשיינ־לעך האט מען באשלאסן:

1) זיך זען מיט דער אונגארישער שלום־דעלעגאציע.

2) אינטערוועניר‌ן ביי די פארטרעטער פון די מלוכות ביי דער שלום־קאנפערענץ.

3) ענדלעך פארט די טעג אפ א קאמיסיע קיין אונגארן וועגן פאלי־טיש־עקאנאמישע ענינים אין דער שפיץ פון וועלכער ס'שטייט א מענטש וואס איז פאר אונדזער זאך גוט געשטימט. די קאמיסיע וועט אויך אויס־פארשן דעם ענין פון יידישע פארפאלגונגען און וועט ברענגען א ראפארט פאר די היגע פאליטישע ספערן. (זייער פארטרוילעך!!!) איך האב אים געגעבן דעם אדרעס פון דעם אזוי גערופענעם „הילפס־פאראיין" אין בור־דאפעשט, לויט די אינסטרוקציעס פון אבער־ראבינער חיות, צו וועלכן די מיסיע וועט זיך אויך ווענדן נאך אינפארמאציעס.

ליידער האבן זיך איצט אנגעהויבן יום־טובדיקע וואקאציעס אין דער דעלעגאציע. מאצקין פארט די טעג ארויס פון פאריז און סאקאלאוו פארט קיין לאנדאן און איך האב מורא, אז מען וועט נישט אויספירן די זאך ווי ס'דארף צו זיין. איך וועל היינט נאכאמאל דערמאנען זיי וועגן אונדזערע באשלוסן און זען אז זיי זאלן אונטערנעמען די נויטיקע שריט...

טענענבוים.

III

דער פּראָיעקט פון אַ קאָנסטיטוציע פאַר דער יידישער מינאָריטעט אין פוילן

דאָס קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט

דער שטאַט באַטראַכט די יידישע באַפעלקערונג, וואָס לעבט אויף זיין שטח ווי אַ נאַציאָנאַלן קיבוץ מיט פולער אנערקענונג פאַר זייערע רעכט אַלס אַ מינדערהייט.

די פּרינציפּן פון אנערקענונג

א) די קאָנסטיטוציע פון דער פּוילישער מלוכה וועט אַנטהאַלטן אַ ספּעציעלן פּאַראַגראַף וועגן דעם פאַקט, אַז דער צוגעהער צו דער יידישער נאַציאָנאַליטעט אַדער גלויבן שטעלט נישט פאַר מיט זיך קיין שום מניעה, נישט פאַר דעם גענים פון אַלע ציווילע און פּאָליטישע רעכט און זי וועט נישט זיין קיין שום שטערונג ביים צוגעלאָזט ווערן צו עפנטלעכע אַמטן אדער געניסן פון די מלוכה־אַנשטאַלטן.

ב) עס וועט דורכגעפירט ווערן אַ נאַציאָנאַלע רעגיסטראַציע פון אַלע יידן וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט אַלס יידן פון אַ ציווילן סטאַטוס און וואָס שטאַמען פון פוילן.

ג) אויפן יסוד פון דער רעגיסטראַציע וועט באַשאַפן ווערן אַ יידישע וואַל־קערפּערשאַפט, וועלכע וועט קריגן צוגעטיילט אַ צאָל מאַנדאַטן פאַר אַלע לעגיסלאַטיווע אַמטן און לאָקאַלע אויטאָנאָמע אָרגאַנען. די צאָל פון די מאַנדאַטן זאָל זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל פון די יידן לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג.

ד) איז מאָמענט ווען דער פּוילישער שטאַט וועט זיך האָבן קאָנסטיטואירט — זאָלן די פאָלגנדיקע ווערן בירגער פון דעם שטאַט:

1) אַלע יידן וואָס זענען געבוירן געוואָרן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע.

2) די יידן וואָס האָבן ביים אויסברוך פון קריג געהאַט געוווינט פינף יאָר דורכאַנאַנד אויף דער פּוילישער ערד, אויב זיי וואַטירן פאַרן פּוילישן שטאַט אין משך פון צוויי יאָר זייט די קאָנסטיטוציע איז אין קראַפט.

די יידן וועלן האָבן דאָס רעכט פון פרייען געברויך פון העברעאיש און יידיש,

ספּעציעל אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע, אַז ווען ס'איז שאַדן פאַרן פּוילישן לשון, ווי די אָפיציעלע שפּראַך פון דער מדינה. אַלע דאָקומענטן, געשריבן אין וועלכער ס'זאָל נישט זיין פון די צוויי שפּראַכן, זאָלן האָבן די זעלבע גילטיקייט, ווי די דאָקומענטן וואָס ווערן געשריבן אין דער פּוילישער שפּראַך. די יידן וואָס פאַרמאָגן נישט גענוג קענטעניש אין דער פּוילישער שפּראַך, זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו באַנוצן העברעאיש אָדער יידיש ביי די געריכט־טריבונאַלן און אין די אַמטן פאַר עפנטלעכער פאַרוואַלטונג; אין דעם פאַל זאָל מען זיי באַזאָרגן מיט אַן איבערזעצער.

ה) שבת־רו און די יידישע יום־טובים זאָלן רעספּעקטירט ווערן סיי אין דער עפנטלעכער פאַרוואַלטונג און סיי אין די געריכטלעכע פּראָצעדורן; די שבת־רו אַאז"וו באַפרייט פון די אָבליגאַטאָרישע רו־טעג אין לאַנד (זונטיק־רו און חגאות).

— 2 —

די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג

א) די יסודותדיקע קערפּערשאַפט (פון דער יידישער אויטאָנאָמיע) איז די לאָקאַלע קהילה. דער אַדמיניסטראַטיווער ראַט פון דער געמיינדע ווערט דערוויילט דורך אַלגעמיינע וואַלן.

ב) אין דער ווירקונג־ראַם פונעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט גייען אריין: 1) קאָנפעסיאָנעלע אָנגעלעגנהייטן; 2) חינוך; 3) סאָציאַלע הילף; קאָאָפּעראַטיוון, שפּאַרקאַסעס, אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקן קרעדיט אאַז"וו; 4) די רעגולירונג פון עמיגראַציע און באַזעצונג פון יידן אין ארץ־ישראל; 5) רעפּרעזענטאַציע און פאַרטיידיקונג פון יידישע רעכט לגבי די לאָקאַלע אינסטאַנצן.

ג) די יידישע באַפעלקערונג פון דער (פּוילישער) מלוכה וויילט אויס אַ גענעראַלע פאַרטרעטערשאַפט (דעפּוטאַטן) דורך אַלגעמיינע (דעמאָקראַטישע) וואַלן. די פאַרטרעטערשאַפט (דעפּוטאַטן) פאַרזאַמלט זיך אין דער הויפּטשטאָט פון דער מלוכה איין מאָל אַ יאָר אויף אַ דריי חדשימדיקער זיצונג (סעסיע). אין דער קאָמפּעטענץ פונעם „יידישן סיים" ליגט די אַלגעמיינע רעגולירונג פון די פּראָיעקטן, וואָס ווערן דערמאָנט אין פריערדיקן פאַראַגראַף (פּונקט ב/2), איינשליסלעך די באַוויליקונג פון אַ בודזשעט און די באַשטימונג פון שטייערן לטובת די פאַרשידענע יידישע אָרגאַנען. איינע פון אירע וויכטיקע אויפגאַבן איז די וואַל פון אַ העכסטן אָרגאַן, פון אַן אויבער־ראַט, וואָס זאָל פונקציאָנירן ווי די העכסטע רעפּרעזענטאַנץ פונעם יידישן קאָלעקטיוו אין פּוילן.

ד) דער אויבער־ראַט איז דער העכסטער עקזעקוטיוו־אָרגאַן און די קאָנטראָלירנדיקע אינסטאַנץ פון ישוב אין דער ראַם פון די גרעניצן פונעם שטאַט־געזעץ און לויט

די באַשטימונגען פון די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער יידישער אסיפה (סיים). ער רעפּרעזענטירט דעם יידישן ישוב כלפּי חוץ.

ה) כּדי אויפצוהאַלטן די יידישע אינסטיטוציעס וועלכע פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די פּאַראַלעלע אויסגעהאַלטענע מוסדות דורך שטאַט און אויטאָנאָמע געמיינדעס, פאַרטיילט דער שטאַט, אָדער די געמיינדע, אַ סובווענץ צום יידישן בודזשעט, לויט אַ קוואָטע וואָס אַנטשפּרעכט די צאָל פון יידן, וואָס ציען נוצן פון די באַטרעפנדע מוסדות. אַנדערע קאָסטן פון דער יידישער אויטאָנאָמיע וועלן געדעקט ווערן פון דירעקטע און אומדירעקטע אָפּצאָלן, וועלכע ווערן אַרויפגעלייגט אויף די יידן דורך זייערע אַנטשפּרעכנדע אָרגאַנען און דורך אַנדערע שטייערן לויט דעם ווי זיי וועלן באַשטימט ווערן פון די איינצלנע יידישע געמיינדעס.

— 3 —

די שול־דערציאונג

א) די יידישע שול־דערציאונג נעמט אַרום די נאָרמאַלע פאָלקסשולן און די סעגונדאַרע שולן, ווי אויך פּראָפעסיאָנעלע שולן פון יעדן מין.

ב) דער אונטעריכט זאָל פאַרוואַלטעט ווערן דורכן יידישן שול־ראַט וועלכן דער אויבערשטער ראַט וועט איינשטעלן. דער פּרעזידענט פונעם יידישן שול־ראַט דאַרף נאָמעגירט ווערן פונעם מלוכה־שעף אויפן גרונט פון אַ רשימה פון דריי קאַנדידאַטן, וועלכע דער אויבערשטער ראַט וועט פאָרשלאָגן.

ג) דער שול־אונטעריכט וועט שטיין אונטער דער אויפזיכט פון דעם העכערן שול־אינספּעקטאָראַט פון דער מלוכה.

ד) די לערן־שפּראַך פון די (יידישע) שולן וועט געפירט ווערן אין דעם לשון וועלכן דער אַדמיניסטראַטיווער ראַט פון דער געגעבענער קהילה וועט אויסקלייבן. אויבעריקנס וועלן די אַדמיניסטראַטיווע ראַטן פון די קהילות רעכענען זיך מיט די ווינטשן פון אַ געוויסער צאָל עלטערן, אין פאַל אויב זיי וועלן פאַרלאַנגען דעם אויסוואַל פון אַן אַנדערער לערן־שפּראַך (ווי יידיש אָדער העברעאיש). פאַר די קינדער פון די מינאָריטעטן וועלן געעפנט ווערן סעפּאַראַטע שולן מיט דער לערנשפּראַך פון זייער אויסוואַל. אויף יעדן פאַל אָבער, וועט אין די מינאָריטעטן־שולן באַשטימט ווערן אַ מינימום פון צייט פאַר אַן אָבליגאַטאָרישן אונטעריכט אין דער העברעאישער שפּראַך און אין אַנדערע יודאַיסטישע לימודים.

ה) די פּוילישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע וועלן איינגעשלאָסן (ווערן)

אין דעם קוריקולום (לערן־פראגראם) פון די יידישע שולן אין דער זעלבער מאס ווי אין די מלוכה־שולן פון דעם זעלבן גראד.

— 4 —

יידישער סעקרעטאַריאַט

די קאנסטיטוציע פון דער פוילישער מלוכה וועט עפענען א שטאַטס־סעקרעטאַריאַט פאַר יידישע ענינים; דער שעף פון דעם סעקרעטאַריאַט וועט אויסגעקליבן ווערן פונעם מלוכה־שעף פון א ליסטע פון דריי קאנדידאטן וועלכע דער שעף פונעם העכסטן יידישן ראַט וועט באַשטימען.

IV

דאָקומענט נר. 822, וועלכן מאַרשאַל און מעק האָבן פאָרגע־שלאָגן דעם 20סטן אַפּריל, ווי אַ באַזיס פון מינאָריטעטן־רעכט.

— I —

1) בירגערשאַפט:

די פאָלגנדיקע קריגן פולע בירגערשאַפט אן וועלכער ס'איז ווייטערדיקער געזעצ־לעכער פּראָצעדור: א) אַלע די וואָס וווינען אין לאַנד, חוץ די וואָס האָבן שוין פריער אנגענומען בירגערשאַפט אין אַן אַנדער לאַנד און די וואָס זענען נישט געווען אין לאַנד מער ווי 5 יאָר פאַרן 14טן יולי 1914.

ב) די וואָס אין דעם דערמאָנטן טאָג האָבן זיי געוווינט אין דעם לאַנד...

2) אַלע בירגער, אָן אונטערשייד פון ראַסע, נאַציאָנאַליטעט אדער רעליגיע, זאָלן האָבן גלייכע בירגערלעכע, רעליגיעזע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט. קיין איינע פון די רעכט זאָלן נישט אָנגערירט ווערן, אדער אונטערליגן וועלכער ס'איז דיסקרי־מינאַציע, רעכטלאָזיקייט אדער פאַרמינערונג צוליב ראַסע, נאַציאָנאַליטעט אדער גלויבן, און קיינער זאָל נישט געשטעלט ווערן מחוץ דעם שוץ פונעם געזעץ. מיט דעם ווערן אַלע עקזיסטירנדיקע אַנטקעגנגעזעצטע געזעצן און אָרדינאַנסן דערקלערט ווי בטל.

3) איעדע נאַציאָנאַלע מינאָריטעט, וואָס באַשטייט פון, ווייניקסטנס, 1 פּראָצענט פון דער הויפּט־באַפעלקערונג, זאָל באַטראַכט ווערן אַלס אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע אויף דער באַזע פון גלייכקייט און מיטן רעכט צו אָרגאַניזירן און פאַרוואַלטן אירע אייגענע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע דערציאונג און צדקה־אַנשטאַלטן. די איינצלנע נאַציאָ־נאַלע מינאָריטעטן זאָלן האָבן דאָס רעכט אויף אַזאַ פּראָפּאָרץ פון דער צאָל פון פאָר־טרעטער אין אַלע מלוכהשע דעפּאַרטאַמענטן און אין די שטאָטישע און אַנדערע גע־

וויילטע עפנטלעכע קערפערשאפטן, וואס זאל אנטשפרעכן דער צאל פון די באטרעפנדע מינאריטעטן, אין פארגלייך מיט דער צאל פון דער גאנצער באפעלקערונג. די (מינאריטעטן) פארטרעטער דארפן געוויילט ווערן דורך אן אומאפהענגיקער וויילער־קאלעגיום, אדער אנדערע גלייכבאדייטנדיקע מעטאדן, וועלכע וועלן פארזיכערן די מינאריטעטן א גלייכע פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט. אזעלכע נאציאנאלע מינאריטעטן זאלן האבן דאס רעכט צו קריגן א פראפארציאנעלן טייל פון די עפנטלעכע פאנדן, די הוצאות פאר די פריער דערמאנטע אקטיוויטעטן, וועלכע גייען אריין אין קאמפּלעקס פון שטאטלעכע פונקציעס.

יעדער יחיד קאן זיך אפזאגן פון דעם רעכט צו זיין א מיטגליד פון אזא מינאריטעט קערפערשאפט.

די כוונה פון דעם ארטיקל איז, אז די יידן זאלן באטראכט ווערן פאר א נאציאנאלער מינאריטעט מיט אלע רעכט ווי זיי זענען דא ספּעציפיש אויסגערעכנט געווארן.

4) דאס רעכט פון יעדער פערזאן צו באנוצן די שפראך פון די נאציאנאלע גרופירונגען און פון וועלכער ס'זאל נישט זיין נאציאנאלער מינאריטעט צו באנוצן איר לשון אין עפנטלעכע אסיפות, אין דער פרעסע און אין די שולן, זאל אויף קיין שום אופן נישט באשרענקט ווערן; נישט וויינינקער זאל די עכטקייט פון וועלכן ס'איז משאומתן אדער דאקומענט ווערן געשטעלט אין ספק, צוליב וועלכער ס'איז שפראך אין וועלכער זיי זענען געשריבן געווארן. אלע שפראך־באשרענקונגען ווערן אנולירט.

5) די יעניקע וואס היטן אפּ זייערע שבתים און וועלכע ס'איז אנדערע טעג פון דער וואך, חוץ זונטיק, זאלן נישט זיין געצוווּנגען דורכצופירן וועלכן ס'איז אקט (טאט) אין טאג פון זייער שבת אדער ימים־טובים, וואס זאלן שטיין אין ווידערשפרוך צו די הלכות אדער מנהגים פון זייער גלויבן; גלייכצייטיק טארן זיי אויך נישט געשטערט ווערן אין זייערע וואכעדיקע ארבעטן אין א זונטיק.

— II —

יעדער איינער פון די חותמים פון דעם אפמאך פון וועלכן דער ארטיקל איז א טייל, און יעדע פאלקס־גרופּע וואס וואלט זיך געפילט געקריוודעט פון דעם נישט־פאלגן אדער נישט־אויספירן פון עפעס א פארשריפט פון דעם ארטיקל, זאל זיין באַרעכטיקט צו געבן אן אנקלאג צום פעלקער־בונד, פאר א משפט, אדער צום טריבונאל וואס וועט באשאפן ווערן צו דעם צוועק, אין הסכם מיט די פארשריפטן וועלכע ער (־ער פעלקער־בונד) וועט פארשלאגן.

אין דאקומענט נר. 976 וועלכן מארשאל און מעק האבן אנגעגעבן דעם 15טן מאי, זענען געמאכט געווארן געוויסע קליינע ענדערונגען, אבער גלייכצייטיק איז אין ארטיקל 10 ווידער באטאנט געווארן, אז כדי דורכצופירן די איבעריקע פונקטן מוז צום ערשטן געגעבן (ווערן) די יידן אין פוילן די מעגלעכקייט, אז זיי זאלן ארגאניזירן

זיך אין אַ מינאָריטעט־גרופּע אויף די יסודות פון ראַסע, רעליגיע און שפּראַך, װעלכע זאָל זיי געבן דעם נעזעצלעכן סטאַטוס (לגבי דעם שטאַט)...

אין פּונקט (5) ווערט נאָכאַמאָל דרינגלעד אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט אַז די מינאָריטעטן זאָלן האָבן דאָס רעכט פון אַפּעלאַציע צום פעלקער־בונד, ווייל צו ד ע ם איז פאַקטיש נישטאָ קיין שוץ קעגן אַ פאַרלעצונג פון די מינאָריטעטן־רעכט.

V

אַ פּראָיעקט פאַר יידיש־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין מזרח־גאַליציע

(צונויפגעשטעלט פון דער יידישער שלום־דעלעגאַציע פון מזרח־גאַליציע)

1) די יסודותדיקע אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פאָלק איז די יידישע פאָלקס־געמיינדע, וואָס דאַרף איבערנעמען די פאַרוואַלטונג, די רעכטן און די פליכטן פון די ביז איצטיקע קולטוס־געמיינדעס.

2) די יידישע פאָלקס־געמיינדע איז אַן עפנטלעך־רעכטלעכע פאַראייניקונג פון אַלע יידן וואָס וווינען אין איינער אָדער מערערע מקומות.

3) דער היקף און דער ווירקונגס־קרייז פון דער פאָלקס־געמיינדע ווערט באַשטימט פון דער יידישער נאַציאָנאַל־קאַמער (פאַרלאַמענט).

4) די נאַציאָנאַל־קאַמער ווערט אויסגעוויילט דורך אַלגעמיינע, דירעקטע, גלייכע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן פון דער יידישער באַפעלקערונג, אָן אונטערשייד פון געשלעכט. אַלע געוויילטע יידישע דעפּוטאַטן אין לאַנד־פאַרלאַמענט האָבן שטים־רעכט אין דער יידישער נאַציאָנאַל־קאַמער.

5) די נאַציאָנאַל־קאַמער ווערט אַנערקענט ווי די אויסשליסלעכע רעפּרעזענטאַנץ פון די יידן אין לאַנד; זי פאַרטרעט די יידן אין פּאָליטישער הינזיכט און פאַרמאָגט דאָס רעכט פון טאַקסאַציע.

6) צו די קאָמפּעטענצן פון דער נאַציאָנאַל־קאַמער געהערט, ספּעציעל, די פאַר־וואַלטונג פון די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע, קאָנפעסיאָנעלע און קולטורעלע אָנגעלעגנהייטן, ווי אויך די באַזונדערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינטערעסן פון די יידן; אויך די באַשטימונג פון די עקזעקוטיוו־אָרגאַנען פאַר יידישע ענינים ליגט אין איר מאַכט־ספערע.

7) די רעגולירונג פון יידישן שולוועזן ווערט רעזערווירט פאַר אַ ספּעציעלן שול־

געזעץ: גלייכצייטיק ווערט פאר די יידן דער באנוץ פון אנדערש־נאציאנאלע שולן ־ע־זע־ווירט אויפן יסוד פון רעציפּראציטעט (קעגנזייטיקייט).

8) דער אויספיר־ארגאן פון דער נאציאנאל־קאמער איז דער נאציאנאל־ראט (נא־ציאנאלער ועד), פון וועלכן עס ווערן דעסיגנירט א פארטרעטער (מיניסטער) פאר שוץ פון יידישע אינטערעסן מיטן זיץ און שטים־רעכט אין דער שטאט־רעגירונג.

9) די וואלן אין אלע, מיט אנדערע נאציאנאל־ראטן בשותפותדיקע קערפערשאפטן, ווערן רעגולירט אויפן יסוד פון א נאציאנאלן קאטאסטער.

10) די פון דער נאציאנאל־קאמער באשטימטע נאציאנאלע שפראך פון די יידן ווערט דערהויבן צום ראנג פון א לאנד־שפראך. ביז צו דער צייט פון קאמער־באשלוס ווערט די יידישע שפראך באטראכט ווי אזא לאנד־שפראך. אלע געזעצלעכע באגרעני־צונגען בנוגע העברעאיש און יידיש אין ווארט און שריפט ווערן באזייטיקט.

11) אין אלע אמטן און אינסטיטוציעס דארפן יידישע באאמטע אנגעשטעלט ווערן לויט דער פּראפּארציאנעלער צאל און פּאזיציע פון די יידן.

12) די באשטעטיקונג פון די פריערדיקע יסודות איז רעזערווירט פאר דער יידי־דישער קאנסטיטואנטע (קאנסטיטואירנדיקע פארזאמלונג), וואס דארף (אינגיכן) צו־נויפגערופן ווערן.

דער יידישער נאציאנאל־ראט פון מזרח־גאליציע דארף זיך באמיען, אז אפּליקא־ציעס צו אלע עפנטלעכע אמטן, וואס ווערן געמאכט אין יידיש זאלן אין דער זעלבי־קער שפראך געענטפערט ווערן.

שולוועזן

ביים יידישן נאציאנאל־ראט פאר מזרח־גאליציע וועט זיין א שול־ראט, וועלכער וועט ווי צום גיכסטן צוגרייטן און רופן א קאנפערענץ פון אלע שול־לערער.

די קאנפערענץ פון די יידישע שול־לערערס וועט, אין הסכם מיטן יידישן נאציא־נאל־ראט, פעסטשטעלן די פארם פון דער יידישער שול.

פארן שול־יאר 1918—1919 דארף דער יידישער נאציאנאל־ראט נעמען אין אכט פאלגנדיקע ריכטליניעס: אין מקומות וווּ עס עקזיסטירן נאר פוילישע און (אדער) אוקראאינישע שולן, זאל פאר יעדן קלאס וואס ציילט איבער דרייסיק יידישע קינדער, געעפנט ווערן א פאראלעלער קלאס פאר די יידישע שילער.

אין דער יידישער פאלק־שול זאל די העברעאישע שפראך פארנעמען דאס פלאץ פון אן אבליגאטארישן לימוד. אין מקומות ווו אזא פאלק־שול איז נישט פאראן און עס זענען דארט דא איבער הונדערט שול־פליכטיקע קינדער — זאל א יידישע שול תיכף־ומיד געעפנט ווערן. דארט וו' עס זענען דא ווייניקער ווי הונדערט שול־פליכטיקע קינדער, זאל נאר א פריוואטע שול געעפנט ווערן פארן העברעאישן לימוד. פון דעם 2טן—6טן קלאס זאל געלערנט ווערן אוקראאיניש און פויליש אין דער ראם פון ביז

איצטיקן פלאן, מיט העברעאיש ווי אן אבליגאטארישער קעגנשטאנד. אין אלע קלאסן פון דער יידישער פאלק־שול זאל, לויטן באדארף, די יידישע שפראך באנוצט ווערן ווי באהעלף־שפראך.

אין די מיטלשולן איז דער לימוד פון העברעאיש אבליגאטאריש פאר אלע יידישע ש־לער.

אין די גרעסערע שטעט זאלן געעפנט ווערן העברעאישע סעמינארן פאר לערער.

ווירטשאפטלעכע פאָדערונגען

אלע האנדל־באגרעניצונגען פון דעם מלחמה־פעריאד זאלן אפגעשאפן ווערן.

בנוגע די היימישע ערד־פראדוקטן דארף דאס דורכגעפירט ווערן ערשט נאך דעם שניט. מזרח־גאליציע דארף ווערן באטראכט ווי א געשלאסענער ווירטשאפט־ראיאן. אלע אריינפאר און ארויספאר־פארבאטן צווישן די איינצלנע דיסטריקטן פון לאנד זאלן אפגעשאפט ווערן.

עס זאל ווייטער דורכגעפירט ווערן די אפשאפונג פון אלע געזעצן, וואס האבן פאר זייער ציל די באגרעניצונג פון מלאכה און אינדוסטריע.

די אינדוסטריאליזירונג פון מזרח־גאליציע איז אויך א יידישער פארלאנג; בפרט איז נייטיק, אז די מלוכה זאל זיך באטייליקן אין דעם איבערפיר (איבערשיכטונג) אין מער פראדוקטיווע באשעפטיקונגען פון דעם טייל פון די יידישע מאסן, וואס לעבן פון מעקלעריי (פארמיטלער), אדער האבן איבערגעפולט די פרייע בארופן; די מלוכה זאל אויך קרעפטיק אונטערשטיצן די באמיאונגען וואס ווערן געמאכט פון יידישן פאלק צו דערגרייכן א העכערע שטופע פון פראדוקטיוויטעט.

אלציינס אויף וואסער אופן די שלום־קאנפערענץ וועט דערלייזיקן דעם ענין פון מלחמה־רעפאראציעס, דארף די מלוכה דורכפירן דעם ווידעראויפבוי פון מזרח־גאליציע.

דער יידישער נאציאנאל־ראט דארף אויף זיין זיץ־ארט עפענען א סטאטיסטישע ביי־רא און א ווידעראויפבוי־אמט.

VI

די יידישע שפראך אויף דער שלום־קאנפערענץ

א דעבאטע וועגן יידיש ביים העכסטן ראט*

אנגעהויבן האט זיך די דעבאטע אויף דער זיצונג פון העכסטן ראט, מאנטיק דעם 23סטן יוני 1919, בעת דער דיסקוסיע איבער דעם יידישן שול־סיסטעם אין פוילן.

* **Papers, etc., Paris Peace Conference** (U. S. Printing Office, vol. VI (Washington, 1946), p. 624-29.

דאוויד לאיד דזשארדזש David Lloyd George האט געפרעגט, אויב מ׳וואלט נישט געדארפט מאכן קלאר, אז יידיש זאל נישט געלערנט ווערן אין די שולן. (פון זיין זייט) איז נישטא קיין שום טענה קעגן העברעאיש, וואס איז אן אנערקענטע שפראך, אבער ער האלט נישט, אז יידיש זאל האבן די זעלביקע רעכט.

ווילסאן האט געענטפערט, אז יידיש איז אן אומגאנג-שפראך אין פיל טיילן פון דער וועלט, אייגנשליסלעך די פאראייניקטע שטאטן. די פוילישע רעגירונג דארף נישט געשטעלט ווערן אין אן אנדערער לאגע ווי אנדערע שטאטן.

הערדלאם-מארלעי האט געזאגט אז די קאמיסיע פאר נייע שטאטן איז אינפארמירט געווארן אז וואס נוגע קליינע קינדער, קענען זיי נישט קיין שום אנדערע שפראך ווי נאר יידיש. זיי רעדן יידיש אין זייערע היימען, און ווען זיי קומען דאס ערשטע מאל אין שול קענען זיי נישט קיין שום אנדערע שפראך. מען דארף אבער די יידישע שפראך נישט באנוצן, ווען ס׳האנדלט זיך וועגן עלטערע קינדער.

לאיד דזשארדזש האט געשטעלט א פראגע ווי מען האט זיך נוהג געווען אין ניו-יארק אין דעם פאל. ווילסאן האט געענטפערט, אז מ׳האט אנגעשטעלט לערער, וואס פארשטייען יידיש און זיי האבן געלערנט אין יידיש.

לאיד דזשארדזש האט דאן באמערקט, אז ס׳איז פאראן אן אונטערשיד צווישן לערנען יידיש און יידיש ווי א לערן-שפראך. מען דארף מאכן אלע אנשטרענגונגען, כדי צו אינטעגרירן די יידן פון פוילן מיט דער פוילישער נאציאנאליטעט, פונקט ווי די יידן אין ענגלאנד, אדער פראנקרייך זענען געווארן פארשמאלצן מיט דער ענגלי-שער אדער פראנצויזישער נאציאנאליטעט. ער איז אינפארמירט געווארן, אז ס׳איז דא אן אקטיווע באוועגונג צו באהאנדלען די יידן נישט נאר ווי א ספעציעלע רעליגיע, נאר אויך ווי א סעפאראטע ראסע.

פרעזידענט ווילסאן האט אפאנירט, אז אין דעם פאל האבן מיר נישט צו טאן מיט גרויס-בריטאניע אדער פראנקרייך, אדער די פאראייניקטע שטאטן, וו די יידישע באַ-פעלקערונג האט גוט געוווסט, אז זי ווערט רעגירט לויט די זעלבע פרינציפן ווי אנ-דערע בירגער פון שטאט. אויב די פאליאקן וואלטן אנגעווענדט די זעלבע פרינציפן, וואלט דאס א סך געהאלפן.

הערדלאם-מארלעי האט צוגעגעבן, אז אין פוילן איז פאראנען אן עקסטרעם-אגרע-סיווע נאציאנאלע באוועגונג.

לאיד דזשארדזש האט דאן געלייענט די פאלגנדיקע רעזאלוציע, וועלכע איי אנ-גענומען געווארן שבת אין דעם „קאמיטעט פאר נייע שטאטן". די קאמיסיע (קאמיטע) איז אויך געווען באפולמעכטיקט צו באטראכטן דעם ענין פון די ענדערונגען וועלכע זענען נייטיק אין דעם אפמאך-פראיעקט מיט פוילן, כדי צו פארזיכערן אז אין אלע, חוץ אין די עלעמענטארע (פאלקס) שולן, זאלן די קינדער לערנען אויך פויליש... ער האט דעם געפיל אז ס׳וואלט געגאנגען צו ווייט, אויב מען זאל, ווי ס׳איז פארגעשלאגן געווארן, לערנען די קינדער אין די עלעמענטארע שולן אין יידיש.

פרעזידענט ווילסאן האט דאן פארגעלייענט דעם פאלגנדיקן אויסצוג פון ארטיקל 9 פונעם פראיעקטירטן אפמאך מיט פוילן: „פוילן וועט זארגן דערפאר, אז אין די עפנטלעכע דערציאונגס־אנשטאלטן אין די שטעט און אין די דיסטריקטן, אין וועלכע ס'וווינט א גענוג גרויסע פראפארץ פון פוילישע בירגער פון נישט־פוילישן לשון, זאלן באשאפן ווערן מעגלעכקייטן, וואס זאלן געבן די זיכערקייט, אז דער לימוד פאר די קינדער פון אזעלכע בירגער וועט געגעבן ווערן אין זייער אייגענער שפראך". ער האט פארגעשלאגן איבערצובייטן דאס ווארט „עפנטלעכע" מיטן ווארט „עלעמענטאר־שולן".

מר. העדלאם־מארלעי האט מורא געהאט אז דאס וואלט אויך מעגלעך געמאכט פאר די דייטשן (פון פוילן) צו קריגן אונטעריכט אין דער דייטשער שפראך. די מערהייט פונעם קאמיטעט (פאר נייע שטאטן) האט ער געזאגט, האבן געהאט דאס געפיל, אז דער באשלוס פון שבת האט זיך באצויגן נאר אויף די יידישע קינדער. די דייטשן אין די אפגעטרעטענע דיסטריקטן, קענען קריגן אונטעריכט אין דער דייטשער שפראך, אבער זיי וועלן נישט האבן קיין אייגענעם קאמיטעט ווי די יידן וואלט געהאט (א יידישער דערציאונג־קאמיטעט). אין דעם יידישן פאל, וואלט יידיש געקאנט באנוצט ווערן ווי אן אונטעריכט־שפראך אין די עלעמענטאר־שולן, אבער נישט אין סעקונדארע שולן. ער האט אינפארמירט אז די מינאריטעט פון קאמיטעט האלט, אז ס'וואלט נישט געווען געדעכט צו פארלאנגען פון פוילן, אז זי זאל צושטעלן געלט־מיטלען פארן העכערן (סעקונדארן) אונטעריכט אין דער יידישער שפראך. אבער די אמעריקאנער פארטרעטער (אין דעם קאמיטעט) האבן נישט מסכים געווען מיט דעם שטאנדפונקט (וועגן באגרעניצן דעם אונטעריכט אין יידיש).

פרעזידענט ווילסאן האט דאן געלייענט אן אויסצוג פון א מעמאראנדום אין וועלכן דער שטאנדפונקט פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע איז קלאר ארויסגעבראכט געווארן: „אין איינקלאנג מיט זיין שבתדיקער אנרעגונג צום העכסטן ראט האט מר. העדלאם־מארלעי געוואלט צוטשעפען צום ארטיקל 10, בנוגע דעם יידישן קאנטראל איבער זייערע אייגענע שולן די פאלגנדיקע דעקלאראציע: „גארנישט וואס שטייט אין דעם ארטיקל (10) קאן נישט פארווערן די פוילישע רעגירונג צו מאכן די פוילישע שפראך אלס די פארפליכטנדיקע אונטעריכט־שפראך אין די העכערע שולן". אט דער צוגאב גייט ווייט איבער זיין אנרעגונג אין דער דיסקוסיע (פארן ראט) דעם שבת. דאס ווערט שטארק באקעמפט פון די אמעריקאנער יידן, און איך (ווילסאן) בין געווען דאקעגן — צוליב די פאלגנדיקע טעמים:

א) ס'וועט דערמוטיקן די פאליאקן צו פארבאטן דעם יידישן לימוד אין די העכערע שולן און דאס וועט שטארק פארמינערן דעם ווערט פון ארטיקל 10.

ב) היות ווי די יידישע שולן דארפן „געשטעלט ווערן אונטער דעם אלגעמיינעם קאנטראל פון דער מלוכה", שטייט במילא גארנישט אין וועג פאר דער פוילישער מלוכה מצד דעם ארטיקל (10), צו רעגולירן די שפראך וועלכע זיי (די יידישע שולן) דארפן באנוצן.

ג) די פארשריפטן ווי זיי זענען פארמולירט געווארן לאזן במילא איבער פאר דער פוילישער רעגירונג די פרייהייט (דאס רעכט) צו פארלאנגען, אז אין אלע העכערע שולן און אוניווערזיטעטן זאל דער אונטעריכט געגעבן ווערן אין דער פוילישער שפראך.

ד) די איינציקייט אין דער פוילישער מדינה אין באצוג אויף שפראכן ווערט ממילא געגוג באשיצט דורך דער פאראָרדענונג, אז דאס לערנען פויליש קאן געמאכט ווערן פאר א מוז. ס'איז נישט קיין פראגע, האט ווייטער ווילסאן דערקלערט, צי די קינדער זאלן לערנען פויליש, עס האנדלט זיך וועגן דעם צי פויליש זאל זיין די איינציקע אונטעריכט־שפראך אין אלע עלעמענטאר־שולן.

הערלאם־מארלעי האט געענטפערט אז ס'איז געווען די מיינונג פון דער מערהייט פון דער קאמיסיע, אז היות די קינדער שטאמען פון היימען וו יידיש איז די אומגאנג־שפראך, מוז יידיש אויך זיין די לערן־שפראך אין די עלעמענטאר־שולן.

סאנינא האט געפרעגט א קשיא, פארוואס לערנען יידיש זאל בכלל זיין פארבאטן?

מר. הערלאם־מארלעי האט געענטפערט, אז אזא פארבאט עקזיסטירט איבערהויפט נישט. די איינציקע פראגע איז געווען, ווי ווייט די פוילישע רעגירונג דארף אונטערליגן דעם צוואנג צוצושטעלן די מעגלעכקייט פאר א יידישן לימוד אין די שולן.

לאיד דזשארדזש האט (ווידער אמאל) באטאנט, אז ער איז קעגן איעדן פרוו ארויפצולייגן אויף דער פוילישער מלוכה אן אינטערנאציאנאלע התחייבות פאר א יידישן לימוד. ער וועט נאר געבן זיין הסכמה פארן באנוץ פון יידיש אין די עלעמענטאר־שולן.

סאנינא האט ווידער געפרעגט, אז אויב פוילן זאל פארווערן לערנען יידיש, צי וואלט דאס נישט געווען א צוואנג וועלכן מיר ווילן פארמיידן? די יידן וואלטן דאן נישט געהאט קיין אנדער אויסוועג ווי, אדער לערנען יידיש אין דער היים, אדער שאפן אייגענע שולן פאר דעם צוועק.

הערלאם־מארלעיס תשובה איז געווען, אז די יידישע באוועגונג אין פוילן האט נישט דעם צוועק צו גרינדן א רעליגיעזע באוועגונג, נאר א סעפאראטן יידישן נאציאנאליזם. א יידישער פריינד זיינער, וואס איז נאר־וואס צוריקגעקומען פון פוילן, האט אים געזאגט, אז מען הערט אלץ מער יידיש אין די גאסן.

נאך די דיסקוסיעס האט מען זיך געאייניקט:

1) בנוגע דעם שפראכן־באנוץ, א חוץ פויליש, ווערט דער פוילישער רעגירונג געגעבן א פרייע האנט אין אלע שולן א חוץ אין די עלעמענטאר־שולן. עס איז נייטיק אבער אין דעם פאל, וו ס'איז דא א גרעסערע מינאריטעט, אזוי ווי ס'איז געווען פארגעזען אין ארטיקל 9 און 10 פון דעם פראיעקטירטן אפמאך מיט פוילן, אז פאר די קינדער פון פוילישע בירגער, וואס רעדן א נישט־פוילישן לשון — דארפן געפונען ווערן מעגלעכקייטן צו קריגן אונטעריכט אין די עלעמענטאר־שולן אין זייער אייגענעם לשון. די קאמיסיע פאר נייע שטאטן ווערט אויטאריזירט איינאיינעם מיט

דעם רעדאקציע־קאמיטעט צו מאכן די נייטיקע ענדערונגען אין אפמאך־פראיעקט מיט פוילן (לויט דעם דאזיקן נוסח)...

2) מר. באלפור האט דאן פארלאנגט, אז אנשטאט דעם ווארט „יידן" אין אפמאך מיט פוילן זאל מען בעסער באנוצן „פערזאנען פון יידישן גלויבן". סאנינא האט דאקעגן אפאנירט אז אין דעם פאל, אויב א ייד וואלט ווערן א קריסט, וואלט ער מער נישט גענאסן קיין שפראכן־שוץ.

די זיצונג האבן בייגעוווינט:

די גרויסע פיר (פינף):

פרעזידענט ווילסאן (אמעריקע)		סעקרעטארן:
ד. לאיד דזשארדזש	ענגלאנד	סיר מארים האנקעי
א. י. באלפור	ענגלאנד	גראף אלדראוואנדי
סאנינא (איטאליע)		אינטערפרעטירער:
באראן מאקינא (יאפאן)		פראפ. פ. י. מאנטו

דעם 27סטן יוני איז פאדערעווסקי געקומען פארן העכסטן ראט בעטן, אז דער פאראגראף פון יידישן טראקטאט בנוגע יידיש זאל מאדיפיצירט ווערן אין דעם זין, אז שולן פאר יידן זאלן פינאנצירט ווערן פון דער מלוכה, און וועלכע די הצטרכותן פון יידישן גלויבן זאלן רעספעקטירט ווערן, און אין וועלכע די יידישע פאלקס־שפראך זאל באטראכט ווערן ווי א באהעלפנדיקע שפראך auxiliary language. פאדערעווסקי האט דערקלערט, אז דאס איז פארגעשלאגן געווארן פון אן איינפלוסרייכן יידישן צד. לארד דזשארדזש האט גלייך זיך אנגעכאפט, אז דאס גייט ווייטער אפילו פון דעם וואס דער איצטיקער אפמאך איז אויסן געווען. און ווילסאן האט איינגעשטימט, אז די כוונה פונעם אפמאך איז געווען, אז יידיש זאל נאר באנוצט ווערן ווי אן אונטעריכט־שפראך און קיינער האט ניט געהאט בדעה, אז מען זאל זי לערנען ווי א סעפאראטע שפראך.

VII

פאלעסטינע־דעבאטע ביי דער שלום־קאנפערענץ*

זיצונג פון צענער־ראט, 27 פעברואר 1919, אין קיי־ד׳ארסיי פאלאץ, 3 אזייגער נאכמיטאג.

---

* **The Paris Peace Conference** — Papers Relating to Foreign Relations of the United Etates in 1919, col IV (1943), p. 159-70.

א נ װ ע ז נ ד י ק ע :

אמעריקע:

ראבערט לאנסינג
ה. ווייט
א. ה. פרעזיער } סעקרעטארן
ל. האריסאן

בריטישע אימפעריע:

א. י. באלפור
ווייקאנט מילנער
פ. א. האנקעי } סעקרעטארן
סיר פ. לאריין

פראנקרייך:

פישאן
טארדיע
דוטאסטא }
בערטעלא } סעקרעטארן
דע בערן }

איטאליע:

באראן סאנינא
מארקיז סאלוואגא ראגי
גראף אלדראוואנדי } סעקרעטארן
ס. בערטעל

יאפאן איז געװען פארטראטן פון באראן מאקינא און ע. מ. מאטסואי.

פונעם געמיינזאמען סעקרעטאריאט פון דער קאנפערענץ זענען געװען אנװעזנד: קאלאנעל יו. ס. גראנט, פון די פאראייניקטע שטאטן; מאיאר מ. קאצשינא, פון ענגלאנד; קאפיטאן פארטיער, פון פראנקרייך; זאנטשי, פון איטאליע; און זאבורי, פון יאפאן. דער אינטערפרעטירער איז געװען פראפעסאר פ. י. מאנטו. אויסער דעם זענען נאך געװען אין זאל דייוויד מאגי, פון אמעריקע; מאיאר וו. ארמסבי־גאר און וו. ה. גריבאן, פון ענגלאנד און גאלי און פיאצענטיני פון איטאליע.

די ציוניסטישע דעלעגאציע איז באשטאנען פון ד״ר חיים ווייצמאן, נחום סאקאלאוו, סילוויין לעווי, אנדרע ספיר און מנחם מ. אוסישקין.

פראטאקאל פון סעקרעטאריאט

די זיצונג האט זיך געעפנט 3 אזייגער נאכמיטיק. אזוי ווי קלעמאנסא איז געװען קראנק, האט פישאן באגריסט די ציוניסטישע דעלעגאטן און געגעבן דאס ווארט סאקאלאוון צו עפענען די זיצונג.

סאקאלאוו האט זיך פארגעשטעלט ווי א רעפרעזענטאנט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און פון דעם יידישן ישוב אין פאלעסטינע. ער האט מיטגעבראכט א געדרוקטן מעמאראנדום: „מעמאראנדום פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע בנוגע פאלעסטינע״ און געבעטן דערלויבעניש צו פארטיילן די קאפיעס צווישן די מיטגלידער פון דער קאנפערענץ. ווייטער האט ער געזאגט, אז די קאנפערענץ וועט פארשטיין

זיינע געפילן אין איצטיקן מאמענט, ווען די שעה אויף וועלכער דאס יידישע פאלק האט געווארט 18 יארהונדערטער, איז ענדלעך געקומען. די דעלעגאטן זענען געקומען פארלאנגען זייער היסטאריש רעכט אויף פאלעסטינע, דאס לאנד פון ישראל, ווו דאס יידישע פאלק האט פארצייטנס באשאפן א ציוויליזאציע וואס האט זייט דעמאלט געהאט אזא גרויסן איינפלוס אויף דער מענטשהייט. דארט האבן זיי גליקלעך געלעבט ביז זיי זענען פארטריבן געווארן און זייט דעמאלט האבן זיי געליטן שטענדיקע פיין. איצט האט דאס פאלק נישט קיין לאנד און נישט קיין נאציאנאלע מאכט. בלי־ספק לעבן גליקלעכע יידישע גרופן אין מערב־אייראפע און אין די פאראייניקטע שטאטן, אבער דאס זענען פארהעלטניסמעסיק קליינע גרופעס. די גרויסע מאיאריטעט פון יידישן פאלק לעבן נישט אין אט די לענדער און דאס פראבלעם פון די גרויסע מאסןווארט אויף א לייזונג. די יידן וועלן קיינמאל נישט פארגעסן, אז פראנקרייך איז געווען די ערשטע צו אנערקענען די מענטשלעכע רעכט און דאס רעכט פאר פערזענלעכער פרייהייט און אונטער איר השפעה האבן די יידן געקריגן בירגערלעכע רעכט אויך אין אנדערע לענדער. פון דער אנדערער זייט איז גרויס־בריטאניע געווען דאס ארט ווו די אלטע טראדיציעס פון ציוניזם האבן געשלאגןווארצלען. אין גרויס־בריטאניע און ספעציעל אין די בריטישע קאלאניעס האבן די יידן געקריגן די מעגלעכקייט צו גרינדן דערפאלגרייכע ישובים. אין איטאליע האבן די יידן גענומען א וויכטיקן אנטייל אין די באפרייאונג־מלחמות; דארט איז דאס יידישע פאלק געווען גליקלעך, גוט ארגאניזירט און פעאיק זיך משתתף צו זיין צו דער רעגירונג פון לאנד. אין די פאראייניקטע שטאטן געניסן די דריי מיליאן יידן די פולסטע בירגער־רעכט. אבער בלויז נאר רעכט פון בירגערשאפט זענען נישט גענוג, כדי צו דערפילן די אידעאלן פון די יידן וואס לעכצן נאך א נאציאנאלן קיום. דעריבער דארף פאר דער גרויסער ליידנדיקער מאיאריטעט פון די יידן, וואס וווינען אין מזרח־אייראפע, געפונען ווערן אן ארט וואס זיי זאלן קענען באטראכטן ווי זייער אייגענע היים. בעת דער שרעקלעכער מלחמה האבן די אליאירטע מלוכות צוגעזאגט צו העלפן די יידן גרינדן א נאציאנאלן צענטער דארט, ווו די אמתע היים פון יידישן פאלק איז פון תמיד אן געווען. דאס איז די איינציקע מעגלעכע לייזונג פון יידישן פראבלעם. געשטארקט מיט דעם צוזאג (פון די אליאירטע) איז פאר די יידן געווען מעגלעך זיך צו ארגאניזירן און צו העלפן די גרויסמאכטן דורך דער מאביליזאציע פון אן אנטאנט (בונד) פון אלע, יידישע פארטייען אין מיטן פון דעם בונד פון די גרויסע מלוכות. איצט, ווען דער זיג פון די גרויסע אידעאלן און פון גערעכטיקייט איז געווונען געווארן, איז אויך געקומען די שעה פאר דער באפרייאונג פון דעם אומגליקלעכן פאלק, בכדי די אלטע יידישע טראדיציעס זאלן ווידעראמאל אויפגעלעבט ווערן אין לאנד פון אונדזערע אבות, אין שותפות מיט די אידעאלן פון א נייער אייראפע, ברענגענדיק מיט זיך די רעקאנסטרוקציע פון א פאלק און די טראנספארמאציע פון א לאנד. דער מעמאריאל, וועלכן מיר האבן דא ציטירט גיט נישט מער ווי אן אויסדרוק פון די ציוניסטישע פלענער פאר דער רעאליזאציע פון די האפענונגען פון יידישן פאלק און מיט דער דער־

לויבעניש פון דער קאָנפערענץ וועט ער לייענען דעם פאָלגנדיקן ציטאַט (פון מעמאָריאַל).

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע לייגט פאָר מיט דרך־ארץ די פאָלגנדיקע רעזאָלוציעס פאַר דער שלום־קאָנפערענץ. (וועגן די פאָדערונגען זען זייט 248 און דעם איבערגעדרוקטן מעמאָראַנדום אין דער הוספה).

צום שלום האָט סאָקאָלאָוו באַמערקט, אַז ער וואָלט געווען גרייט צו ענטפערן אויף אַלע פראַגעס, וועלכע מען וואָלט אים שטעלן, אָבער ער וויל בעטן, אַז מען זאָל צום ערשט אויסהערן ד״ר חיים ווייצמאַן, פּרעזיצער פון דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין פּאַלעסטינע אין נאָמען פון דעם ציוניסטישן עקזעקוטיווקאָמיטעט און וועלכער וועט געבן די פּראַקטישע אינפאָרמאַציעס בנוגע דער רעאַליזירונג פונעם ציוניסטישן פּראָגראַם.

ווייצמאַן האָט דערקלערט אַז די מלחמה האָט איבערגעלאָזט דאָס יידישע פאָלק שוואַכער ווי וואָסער ס׳איז אַנדער פאָלק אין דער וועלט. פאַרן קריג זענען 6 ביז 7 מיליאָן יידן אין רוסלאַנד געווען סיסטעמאַטיש אונטערדריקט, אָבער די אונטערדריקונג האָט פאַרמאָגט אויך עפּעס אַ מין גראַנדיעזקייט פון אַ גרויסער טראַגעדיע, וואָס האָט געווירקט ווי אַ קוואַל פון אינספּיראַציע. איצט איז אויך די דערהויבנקייט פאַרשוווּנדן און דער ישוב ווערט ממש צעמאַלן דורך דער פּאָליטישער מאַשין, וואָס האָט זיך איצט איינגעשטעלט אין רוסלאַנד. עס איז אוממעגלעך איצט צו מאַכן וועלכן ס׳איז פּראָגנאָז וועגן דער צוקונפט, אָבער אַפילו די גרעסטע אָפּטימיסטן וועלן מוזן מסכים זיין, אַז די לענדער פון רוסלאַנד וועלן נאָך אַ סך יאָרן נישט באַרואיקן זיך. דערווייל וועלן די יידן, ווי דער שוואַכסטער עלעמענט, האָבן צו ליידן מער פון אַלע און אַלס פועל־יוצא פון דעם אַלעמען וועט די יידישע עמיגראַציע, וועלכע האָט פאַר דער מלחמה אויסגעמאַכט אַרום 250.000 אַ יאָר, וואַקסן שטאַרק אין צאָל, אין אַ צייט, ווען די אויפנאַמס־פעאיקייטן אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע און אַמעריקע ווערן אַלץ קלענער. די גרויסע שטאַטן וועלן לויט דער נאַטור פון דער זאַך גוט בודק זיין איעדן איינעם וואָס וועט וועלן אַריינקומען אין לאַנד אַריין און נישט ווייניקער, פאַרשטייט זיך, דעם ייד, וואָס וועט באַטראַכט ווערן אַלס אַ טיפּישער, פרעמדער וואַנדערער. ווי אַ רעזולטאַט דערפון וועלן די יידן געשטעלט ווערן אין אַ לאַגע ווען זיי וועלן זוכן אַז עיר־מקלט אין דער גאַנצער וועלט און אומעטום אָנשטויסן זיך אויף פאַרמאַכטע טויערן. אַט פאַרוואָס דאָס פּראָבלעם איז אַזוי ערנסט, אַז קיין שום שטאַטסמאַן קאָן עס נישט באַטראַכטן אָן צו האָבן דאָס געפיל, אַז ער איז ממש געצוווּנגען צו געפינען אַ גערעכטע לייזונג.

לויט זיין מיינונג איז די לייזונג, וועלכע די ציוניסטן האָבן פאָרגעשלאָגן די איינציקע, וואָס וואָלט געקענט ברענגען שלום און גלייכצייטיק פאַרוואַנדלען די יידישע ענערגיע אין אַ קאָנסטרוקטיווער קראַפט, אַנשטאָט זי צו לאָזן אויספּלייצן אין צעשטערנדיקע טענדענצן אָדער גאָר אין פאַרביטערונג. פּאַלעסטינע פאַרמאָגט גרויסע מעגלעכקייטן. דאָס לאַנד האָט נישט קיין געדיכטע באַפעלקערונג. ס׳זענען דאָרט דאָ

אַרום 600.000 ביז 700.000 מענטשן אויף אַ שטח פֿון 40.000 קוו. קילאָמעטער, וואָס מאַכט אויס נישט מער ווי 10—15 באַוווינער אויף אַ קוו. קילאָמעטער. פֿון דער אַנדערער זייט עקזיסטירט לבנון, וואָס האָט 160 באַוווינער אויף אַ קוו. קילאָמעטער. דערפֿון איז ממילא געדרונגען, אַז אין פּאַלעסטינע איז דאָ פּלאַץ פֿאַר 4—5 מיליאָן מענטשן, אַן וועלכן ס'איז שאַדן פֿאַר די לעגיטימע אינטערעסן פֿון די מענטשן, וואָס זענען שוין דאָרט דאָ. די ציוניסטן ווילן באַזעצן יידן אין אַט די ליידיקע שטחים פֿון פּאַלעסטינע, צוגרייטן די ישובים פֿאַר דער באַזעצונג. דאָס אַלץ פֿאַר זייער אייגן געלט און מיט דער הילף פֿון זייערע אייגענע כוחות. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פֿאַרלאַנגט אין נאָמען פֿון דעם פֿאָלק, וואָס האָט געליטן זייט 18 הונדערט יאָר, אַז אַזוי גיך ווי דער שלום וועט געשלאָסן ווערן, זאָל זיי האָבן די מעגלעכקייט זאָגן זייערע גלויבנס־ברידער אין אוקראַינע, אין פּוילן און אין אַנדערע טיילן פֿון מזרח־אייראָפּע, אַז זיי וועלן איבערגעפֿירט ווערן קיין פּאַלעסטינע, כדי דאָרט זיך צו באַזעצן אויפֿן לאַנד.

דאָס איז אַ קורצער איבערבליק וועגן דעם, וואָס די ציוניסטן פֿאַרלאַנגען. און מיט דעם ציל פֿאַר זייערע אויגן האָבן זיי זיך גענומען די דערלויבעניש פֿאַרצולייגן די פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע. די מאַנדאַטן־מאַכט זאָל צווישן אַנדערן זיך מתחייב זיין: א) פֿאַרלייכטערן די יידישע אימיגראַציע און אַ געדיכטן לאַנד־באַזעץ מיט דער גלייכצייטיקער אָפּהיטונג פֿון די עקזיסטירנדיקע רעכט פֿון דער נישט־יידישער באַפֿעלקערונג. ב) אַקצעפּטירן די מיטאַרבעט פֿון אַ ראָט וואָס זאָל זיין אַ רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפֿט פֿון די יידן אין פּאַלעסטינע און פֿון דער גאַנצער וועלט, אַ ראָט, וואָס דאַרף געשאַפֿן ווערן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון יידישן היימלאַנד אין פּאַלעסטינע, און איבערגעבן אין רשות פֿון אַזאַ ראָט (אַגענץ) די אָרגאַניזירונג פֿון דער יידישער דערציאונג. ג) זייענדיק איבערצייגט אַז די קאָנסטיטוציע פֿון אַזאַ ראָט שליסט אויס די מעגלעכקייט פֿון יעדן פּריוואַטן געווין, זאָל זי (די מאַנדאַטן־מאַכט) געבן דעם ראָט, ווי אַן ענין פֿון פּריאָריטעט, אַזעלכע קאָנצעסיעס פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון די נאַטור־אוצרות, וועלכע זי וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק צו באַווילינקן.

צום סוף וויל ער (ווייצמאַן) נאָך מוסיף זיין, אַז ער רעדט אין נאָמען פֿון אַ מיליאָן יידן, וועלכע וואַרטן מיטן וואַנדערשטאָק אין די הענט אויף אַ סיגנאַל כדי אָנהייבן זייער אייגוואַנדערונג. ס'וועט זיין דער חוב פֿון דער ציוניסטישער געזעלשאַפֿט צו אָרגאַניזירן דעם עמיגראַציע־שטראָם מיט הצלחה. אָבער די יידישע פֿירערס וואָלטן געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אַ פֿיל גרעסערער קאַטאַסטראָפֿע אויב זיי זאָלן זיך געפֿינען אין אַ לאַגע ווען זיי זאָלן אומפֿעאיק זיין צו זאָגן דעם פֿאָלק, אַז זיי זאָלן וואַרטן אויף אַזאַ סיגנאַל. כדי אויסצופֿירן זייערע פּלענער מוזן די יידישע געזעלשאַפֿטן האָבן די הילף פֿון די גרויסע מלוכות און מיטן פֿולן בטחון לאָזן זיי איבער זייער זאַך אין זייערע הענט.

א ו ס י ש ק י ן האָט געזאָגט, אַז ער קומט צו דער קאָנפֿערענץ ווי אַ מיטגליד פֿון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און ווי פּרעזידענט פֿון דער נאַציאָנאַלער

אסיפה (קאנגרעס) וואס רעפּרעזענטירט דריי מיליאן יידן אין דרום־רוסלאַנד, אַן אַסיפה וואס האט אין חודש נאוועמבער אנגענומען אַ רעזאלוציע, וועלכע האט פּראָקלאַמירט די היסטאָרישע רעכט פון יידישן פאָלק אויף פּאַלעסטינע. ס'איז זיין האַרציקער ווונטש אונטערצושטיצן די פאַרלאַנגען, וועלכע די צוויי פריערדיקע רעדנער האבן פאַרגעלייגט ווי די רעפּרעזענטאַנטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

א נ ד ר ע ס פּ י ר האט דערקלערט, אַז ער רעדט אין נאָמען פון די פראַנצייזישע ציוניסטן, וועלכע שטעלן מיט זיך, אמת, נישט פאַר קיין מאַיאָריטעט צווישן די יידן אין פראַנקרייך. ער פילט זיכער, אַז פראַנקרייך, וואס האט תמיד פאַרטיידיקט די רעכט פון די אונטערדריקטע פעלקער, וועט אויך אונטערשטיצן די פאַרלאַנגען. נאָך מער, ס'איז נאַטירלעך פאַר אַ פראַנצויזישן ייד אויסצודריקן אַזאַ מיינונג. ס'איז נאָר דאָ איין פּונקט וועלכער וואָלט אפשר יאָ געקענט באַאומרואיקן די פראַנצויזן, נעמלעך די פראַגע פון די אַלטע פּריווילעגיעס, וועלכע די פראַנצויזן האבן תמיד געהאַט אין פּאַלעסטינע. אין דעם פּרט האבן די פראַנצויזישע ציוניסטן בטחון צו דער גערעכטיקייט פון דער קאָנפערענץ, האָבנדיק דאָס געפיל, אַז דער מאַנדאַט וועט צוגעטיילט ווערן צו דעם לאַנד, וואס איז צום מערסטן קאָמפּעטענט צו רעגירן, נישט נאָר אין די אייגענע אינטערעסן, נאָר אויך אין די אינטערעסן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

ס י ל וו ייַ ן ל ע וו י האט דערקלערט, אַז זיין איינציקע לעגיטימאַציע אויפצוטרעטן דאָ, איז דער אומשטאַנד, וואס ער האט אויף דער איינלאַדונג פון דעם ציוניסטישן פאַרבאַנד און אויפן פאַרלאַנג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, באַגלייט דעם ציוניסטישן קאָמיטעט פאַר אויספאָרשונג אויפן וועג פון פראַנקרייך קיין פּאַלעסטינע, כדי צו ברענגען אַ באַריכט וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז געווען זייער דאַנקבאַר פאַרן כבוד, מחמת ער איז נישט קיין ציוניסט, נייערט אַ ייד פון סענטימענט און אַ פראַנצויז מער פון אַלעמען. ער האט אָפּגעגעבן אַ סך צייט פאַרן שטודיום פון דער פראַגע און צוליב דעם וויל ער ברענגען פאַר דער קאָנפערענץ געוויסע זייטן פון דעם פּראָבלעם. ס'וועט נייטיק זיין פאַר אים צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער קאָנפערענץ אויף דער לאַגע פון די יידן אין מזרח און אין צענטראַל־אייראָפּע. זיינע קאָלעגן האבן שוין געמאָלן אַ בילד פון דער אומבאַשרייבלעכער נויט וואס דאָס יידישע פאָלק ליידט. מיליאָנען יידן זענען נױט אין דער היים אין די ערטער וו זיי וווינען. זיי האבן נישט קיין מוטערלאַנד און זייער נאַציאָנאַל לעבן איז איינגעצוימט אין די גרעניצן פון די באַציאונגען, וועלכע זיי האלטן אַן צווישן זיך אַליין. פאַר זיי איז פּאַלעסטינע געווען „דאָס לאַנד פון זייערע אבות", דאָס לאַנד פון זייערע חלומות — אַ מין ערדישער גן־עדן, און (דער גלויבן) אַז נאָר דאָרט וואָלטן זיי געקענט אַנטוויקלען זייער נאַציאָנאַלע ענערגיע. דאָס געפיל איז אַזוי שטאַרק פאַרפלאָנצט אין דער נשמה פון יידישן פאָלק, אַז גאָרנישט וועט אים נישט קענען אויסוואָרצלען. די איינציקע פראַגע איז ווי אַזוי וואָלטן געקאָנט די נאַציאָנאַלע אידעאַלן פאַרווירקלעכט ווערן ווי צום בעסטן. די ציוניסטישע באַוועגונג אין פּאַלעסטינע האט נישט געהאַט די כוונה אָנהייבן עפּעס נייעס; אַן אָנהייב איז שוין געמאַכט גע־

ווארן פריער, וואס האט געבראכט אויסגעצייכנטע רעזולטאטן. ס'איז אומנייטיק, אז ער זאל אנווייזן אויף די אויסגעצייכנטע יידישע קאלאניעס, וועלכע זענען געגרינדעט געווארן אונטער דער השגחה פון באראן ראטשילד, די קאלאניעס וועלכע שטעלן מיט זיך פאר אמתע אאזיסן אין מיטן פון א מדבר. נאך מער, די אוניווערסאלע יידישע אליאנץ (אליאנס איזראעליט אוניווערזעל), וועלכע עקזיסטירט איבער פופציק יאר און האט געלייגט איר יסוד אויף די זעלביקע פרינציפן פון דער פראנצויזישער רע־וואלוציע, האט אנגעהויבן איר ארבעט מיט דער גרינדונג פון אן אגריקולטור־שולע אזוי פרי ווי אין 1876. שפעטער זענען אנדערע שולן געעפנט געווארן אין אנדערע פלעצער, ווי למשל אין ירושלים, יפו און אנדערע און יעדע פון זיי האט געגעבן דעם גרעסטן דינסט פארן פאלק. שפעטער איז אנטשטאנען די ציוניסטישע באוועגונג. כאטש ער אליין געהערט נישט צו איר, וויל ער פונדעסטוועגן אפצאלן א הויכן שטייער פון לויבגעזאנג לטובת דער ציוניסטישער באוועגונג. איר גרויסער פארדינסט ליגט אין דעם, וואס זי האט אויפגעהויבן די מאראל פון יידישן פאלק אין די לענדער פון מזרח־אייראפע, ווו זי איז שטארק געזונקען: מיט דעם, וואס זי האט אריינגעבראכט א נייע גייסטיקע נארונג און באשאפן אן אמת רעליגיעזן סענטימענט. ווי א רעזול־טאט פון די אזוי געפלעגטע סענטימענטן איז ארויסגעוואקסן א פארלאנג פאר פא־לעסטינע. דער ספעציעלער ציל וואס דער ציוניזם האט זיך געשטעלט, איז די לייטונג פון דער יידישער עמיגראציע, ספעציעל פון מזרח־אייראפע, אין דער ריכטונג קיין פאלעסטינע. דא ליגט דאס פראבלעם פאר וועלכן מען מוז איצט געפינען א לייזונג. ברשות פון דער קאנפערענץ וואלט ער געוואלט רעדן 'אפענע דיבורים פון א היסטא־ריקער, וועלכער איז געוווינט צוצוגיין צו א פראבלעם ערלעך און אויפריכטיק, אן וועלכער ס'איז כוונה צו באהאלטן די שוועריקייטן.

די ערשטע שוועריקייט ליגט אין דער גרויסער דיספראפארץ וואס עקזיסטירט צווישן דעם (קליינעם) שטח פון פאלעסטינע און די פיל מיליאנען מענטשן וואס וואלטן אפשר געוואלט קומען אהין. אויף דעם צווייטן פונקט (שטייט דער מכשול) פון דעם אייגנטלעכן צושטאנד פונעם לאנד, וואס קאן אין דער איצטיקער לאגע נישט אויסהאלטן מער ווי א קליינע באפעלקערונג, צוליב דעם קלימאט און אנדערע סיבות, וואס זענען א פועל־יוצא פון די שלעכטע מעשים פון מענטשן און פון דער שלעכטער רעגי־רונג פון פקידים. אין איצטיקן מאמענט וווינען אין לאנד ארום 600.000 ביז 700.000 אראבער, אבער ס'וואלט געווען אוממעגלעך, אז א גלייכע צאל יידן זאל זיך צופאסן צו די גלייכע לעבנס־באדינגונגען, מחמת זיי האבן אין אייראפע, און ספעציעל אין מערב־אייראפע, דערווארבן א געוויסן לעבנס־סטאנדארט פאר זיך, וועלכער וואלט ניט געקענט זיין צופרידנגעשטעלט אונטער די באדינגונגען, וועלכע קלעקן פאר די אראַ־בער. דער דריטער פונקט פון די מכשולים איז דאס, וואס די יידישע מאסן, וועלכע וואלטן געווען גענייגט צו קומען קיין פאלעסטינע, ווענן קומען פון לענדער, ווו זיי ווערן אונטערדריקט און שלעכט באהאנדלט און מען קאן לייכט זיך פארשטעלן די מא־ראליטעט וואס אזא מין רעזשים האט געקאנט ארויסרופן. אט דער סארט מענטשן

וואלטן מיטגעבראכט מיט זיך, קיין פאלעסטינע, זייערע העכסט עקספלאזיווע לייד־נשאפטן, וואס וואלטן געקענט פאראורזאכן טיפע אומרוען אין א לאנד וועלכן מ'וואלט געקאנט פארגלייכן צו א קאנצענטראציע־לאגער פאר פליטים. די שלום־קאנפערענץ, וועלכע האט באשאפן א פעלקער־בונד, קאן לייכט פארשטיין, אז פעלקער ווערן נישט באשאפן בלויז מיטן רצון און אז די רעאליזירונג פון געוויסע אספיראציעס זענען נישט גענוג, כדי צו באשאפן א נאציאנאלע עקזיסטענץ. דאס פראבלעם איז זייער א שווערס, מחמת אין דעם פאל האבן מיר צו טאן מיט א פאלק וואס קומט פון אזוי פיל לענדער, ווי למשל פון פוילן, פון קאווקאז, פון די באלקאנען, מאראקא, שפאניע אאז"וו. די פארשמעלצונג פון די אלע שטאמען וועט נעמען צייט און די צייט וועלכע וואלט געווען נייטיק פאר דעם וואלט געקאנט זיין גאר א לאנגע. אט די שוועריקייטן האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע איינגעזען אין דער פולער מאס און געזוכט א לייזונג. א לייזונג איז געפונען געווארן און א פארשלאג ווערט איצט געמאכט צו גרינדן אן אינטערנאציאנאלן יידישן ראט (קאונסיל), וועלכער וועט אויף אזא אופן, אדער אן אנדערן (וואס פאר אן אופן, איז ער נישט קלאר) דינען ווי אן אפיטרופוס און ווי א פאליטישע רעגירונג אין פאלעסטינע. דאס איז א כיטרע אידעע, אבער ווי א פראנצויז פון יידישער אפשטאמונג האט ער מורא פאר די רעזולטאטן (פון אזא מין זאך). ס'וואלט געווען גאר געפערלעך צו שאפן א פרעצעדענט לויט וועלכן געוויסע מענטשן וואס זענען בירגער פון איין לאנד, זאלן איצט אנהייבן א (נייע) רעגירונג און געניסן פון בירגערלעכע רעכט אין עפעס אן אנדער לאנד. מיט אנדערע ווערטער — ס'ווערט איצט געמאכט א פרווו אנצוווענדן דעם פרינציפ פון א געזעץ פון ד ע ל־ב ר י ק, מיטן באצוג צו יידן, וועלכע זענען ממילא שוין גענוג פארדעכטיק; און דאס, לויט זיין מיינונג, וואלט געווען א גאר טרויעריקער אנהייב פון איבערנעמען עפעס אזוינס פון א דייטשער ירושה. בזה האופן וואלט באשאפן געווארן א מין קאטעגאריע פון מענטשן וואס פארמאגן די רעכט פון א טאפלטער בירגערשאפט, וואס מאכט זיי מעגלעך, אז זיי זאלן האבן זייערע פריווילעגיעס (פון בירגערשאפט) אין דעם לאנד וו זיי וווינען און אויך אין פאלעסטינע, וו זיי האבן אייגנטלעך קיין שום רעכט נישט דאס צו טאן און וו אין אמתן וווינען זיי נישט. פונדעסטוועגן האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע זיך געשטיצט אין זייער בטחון אויף דעם מאנדאטן־סיסטעם, מיט דעם פראוויזא, אז די יידן וועלכע האבן באשלאסן באזעצן זיך אין פאלעסטינע, זאלן קענען פאמעלעך קריגן די רעכט פון זעלבסט־רעגירונג. די יידישע גרופן וואס האבן זיך שוין באזעצט אין פאלעסטינע האבן באוויזן אן שום ספק, ווי גיך זיי קענען איינגלידערן זיך אין דעם לעבן פון דער שטאט־פארוואלטונג און אויך לייזן די שווערסטע פראבלעמען: געוויסע פון די מוניציפאלע איינסן האבן אפילו געמאכט שותפות און געבילדעט כביכול, קליינטשינקע אויטאנאמע רעפובליקן, וועלכע זענען נישט מער ווי אביסל שיקאנירט געווארן פון די טערקישע פקידים. זייענדיק אויף א וויזיט אין לאנד האט ער געקענט איבערצייגן זיך באשיינפערלעך אז די מוניציפאלע אמטן וואלטן געקאנט ווערן נאציאנאלע, אזוי גיך ווי דאס לאנד וואלט באזעצט געווארן פון א גרעסערער יידישער מאיאריטעט.

ער (לעווי), האט פריער דערמאנט דעם גייסט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, וואס האט געפירט צו דער גרינדונג פון דער יידישער אוניווערסאלער אליאנס. ביי דעם גייסט האבן אלע אירע מיטגלידער זיך געהאלטן. א סך יארן האבן די יידן אין די לענדער וו זיי האבן געווינט, פארלאנגט גלייכבארעכטיקונג, כאטש די רעכט זענען נישט אומעטום געגעבן געווארן. אונטער די באדינגונגען איז פאר אים באזונדערס שאקירנדיק, אז גראד אין דעם מאמענט ווען זייערע תביעות פאר גלייכבארעכטיקונג שטייען אויפן שוועל פון רעאליזירונג אין אלע לענדער פון דער וועלט, זאלן זיי איצט קומען מיט נייע פארלאנגען פאר אויסנאם־פריווילעגיעס אין פאלעסטינע. פריווילעגיעס, וועלכע מען דערגרייכט בזה האופן האבן, בדרך כלל, נישט געבראכט קיין ריווח פאר דעם געבער און נישט פאר דעם נעמער. ער פארמאגט גענוג בטחון אין די מעשים פון די יידן אין מזרח־אייראפע, כדי צו גלויבן, אז זיי וועלן קיינמאל נישט פארלאזן די דערגרייכונג פון זייער ציל און אפילו ווען זייערע אספיראציעס זאלן מאמענטאל אפגעשוואכט ווערן, וועט קומען א צייט ווען גרויסע איבערקערענישן וועלן ווידער גורם זיין א נייעם שטראם פון עמיגראנטן אין דער ריכטונג פון פאלעסטינע, וועלכע וועט פריער אדער שפעטער ווערן א ריין־יידישע טעריטאריע*. ער איז נישט בכוח און האט אויך נישט דאס רעכט, צו געפינען א לייזונג, אבער אים ווייזט זיך אויס, אז ס'וואלט דווקא יא מעגלעך געווען צו שאפן א גרויסן יידישן קאמיטעט פון די גרופן פון אלע אינטערעסירטע צדדים, וועמענס פונקציע וואלט געווען צו האבן השגחה איבער דער עמיגראציע, ווירקן ווי א באנק, קויפן און פארטיילן באדן, ארגאניזירן עפנטלעכע ארבעט, אונטערנעמען סאניטארע מיטלען, און איבערנעמען די לייטונג פון דערציאונג אאז"וו אבער אן וועלכע ס'איז פאליטישע רעכט.

צום שלום וויל ער דערמאנען, פארן פראטאקאל, די וויכטיקע ראל וואס פראנקרייך האט געשפילט אין דער ארגאניזאציע פון די יידן אין פאלעסטינע. וואס פאר א לאנד עס זאל נישט קריגן דעם מאנדאט אויף פאלעסטינע, דריקט ער אויס דעם בטחון, אז פראנקרייך וועט דערלויבט זיין ווייטער צו פירן די וווילטעטיקע דערציאונגס־ארבעט אין אירע שולן, וואס האבן געבראכט אזוי פיל נוצן פאר די יידן אין פאלעסטינע. פראנקרייך און פאלעסטינע זענען ביידע מיטל־ימישע לענדער און ביידע האבן אין זייערע אייגענע צייטן געהאט א גרויסן איינפלוס אויף דער אנטוויקלונג פון ציוויליזאציע איבער דער גאנצער וועלט. ארויסלאזנדיק די ריין פאליטישע זייט פון דער פראגע, וויל ער דערמאנען די קאנפערענץ, אז ס'עקזיסטירט א זייער וויכטיקער פראבלעם וואס ווארט אויף א לייזונג. ס'איז נישט זיין כוונה צו איבערטרייבן אדער צו אונטערשעצן די טוגנטן פון דער, אדער יענער נאציאנאלער גרופע. אבער פונדעסטוועגן דארף מען אנערקענען, אז די יידישע ראסע האט באוויזן, אין דער צייט

* מערקווירדיקע נבואה וואס איז אגב, מקויים געווארן נאך דער היטלער־קאטאסטראפע.

פון איר מארטירערטום, א וואונדערבארע ווידערשטאנדס־קראפט און געוויזן א באשטענדיקע ליידנשאפט פאר ציוויליזאציע, פאר הויכער קולטור און וויסנשאפט. די יידן אין פאלעסטינע האבן פראקלאמירט די אידעאלן, וועלכע די וועלט זוכט נאך אלץ צו דערגרייכן. פאר די אידעאלן האבן די יידן געליטן פארפאלגונג און טויט און פונדעכטוועגן האבן זיי נישט פארלוירן דעם גלויבן, אז אויף די ברעגעס פון ים התיכון וועט קומען די רעאליזירונג פון זייערע האפענונגען. זיי האבן געגלויבט, אז אויב זיי זאלן ווערן צוריקגעבראכט אונטער די אומשטענדן וועלכע האבן געגעבן זייערע אבות די מעגלעכקייט צו זיין די פיאנערן פון א גרויסער עברים־ (היברו) באוועגונג, וואלטן זיי אויך געקענט צוריקברענגען די פארגאנגענע גלאריע און ביישטייערן זייער חלק צו דעם רענעסאנס פון מענטשן־געשלעכט.

מר. לאנסינג האט דאן זיך געווענדט צו ד״ר וויצמאן, אז ער זאל קלאר מאכן דעם בלבול־המוחות בנוגע א קארעקטער אינטערפרעטאציע פון די ווערטער: „א יידיש נאציאנאלע היים״. מיינט דאס אפשר אן אויטאנאמע יידישע רעגירונג?

ד״ר וויצמאן האט געענטפערט, אז ניין. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט נישט געוואלט קיין אויטאנאמע יידישע רעגירונג, נייערט זי באצוועקט צו שאפן אין פאלעסטינע, אונטער א מאנדאט־מאכט, אן אדמיניסטראציע — נישט דורכאויס קיין יידישע, וואס זאל מעגלעך מאכן צו ברענגען קיין פאלעסטינע 70.000—80.000 יידן א יאר. גלייכצייטיק באדארף זי (די ציוניסטישע ארגאניזאציע) קריגן די דערלויבעניש צו בויען יידישע שולן, אין וועלכע העברעאיש וועט געלערנט ווערן, און בזה האופן העלפן שטופנווייז אויפבויען א נאציאנאליטעט, וועלכע וועט זיין יידיש אויף דעם זעלבן נוסח ווי די פראנצויזישע נאציע איז פראנצויזיש און די בריטישע נאציע בריטיש. שפעטער ווען די יידן וועלן האבן עטאבלירט אין לאנד א גרויסע מאיאריטעט וועלן זיי זיין רייף צו שאפן אזא רעגירונג, וואס זאל זיין צוגעפאסט צום גראד פון דער אנטוויקלונג פונעם לאנד און (געפירט ווערן) לויט זייער אידעאל.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז זיך גוט באוווסט, בנוגע די שוועריקייטן פון דעם פראבלעם, און אין דער אמתן, וואלט דער פראבלעם געווען א לייכטער וואלט ער קיינמאל נישט געבראכט געווארן צו א קאנפערענץ פון די גרויסע מלוכות. פון דער אנדערער זייט אבער זענען די אלע שוועריקייטן פיל לייכטער ווי די וואס וואלטן געקומען ווי א רעזולטאט פון איבערלאזן די יידן אויף די מקומות ווו זיי געפינען זיך איצט — אין רוסלאנד. ס׳איז פארגעשלאגן געווארן די גרינדונג פון אן ארגאניזאציע וואס זאל ארומנעמען אלע שיכטן וואס זענען וויליק צו קאאפערירן אין דער לייזונג פון דעם פראבלעם. אט דער ראט וועט נישט האבן קיין פאליטישע רעכט, דערפון איז געדרינגען, אז די מורא פאר א חשד פון טאפלטער לאיאליטעט איז גרונטלאז. פון דער אנדערער זייט, מוזן די יידן אויסער פאלעסטינע צושטעלן געלט און מענטשן און דער ראט (אגענץ) וועט מוזן ארגאניזירט ווערן טאקע פאר דעם צוועק און נישט פאר קיין שום אנדערן. אן ענלעכער ראט עקזיסטירט שוין אין דעם געבוי

פון דער אליאנס איזראעליט ,וועלכע איז אן אינטערנאציאנאלע געזעלשאפט, באשאפן פאר דעם אויסדריקלעכן צוועק צו גרינדן שולן אין פאלעסטינע.

ווי א רוסישער ייד האט ער (ווייצמאן) דאס רעכט צו זאגן, אז די יידן אין רוסלאנד האבן געלעבט אין אן אטמאספער, וואס איז נישט געווען מסוגל צו קולטיווירן רואיקע מחשבות. פון דער אנדערער זייט, זענען די קאלאניעס אין פאלעסטינע, וועלכע פראפעסאר לעווי האט באשריבן מיט אזויפיל ליבעווערטער, געשאפן געווארן דווקא פון רוסישע יידן און זיי זענען עס געווען די וואס האבן פארוואנדלט מדבריות אין בליענדיקע גערטנער, אפילו אונטערן טערקישן רעזשים.

צום סוף וויל ער צוגעבן, אז אין דעם איצטיקן מאמענט קען פאלעסטינע נישט אויפנעמען קיין גרויסע צאל מענטשן.

די קאנפערענץ האט, בלי ספק, באמערקט די סתירה צווישן די צאלן וואס זענען געגעבן געווארן בנוגע דער מעגלעכער באפעלקערונג אין פאלעסטינע און דער אייגנטלעכער צאל פון צווישן 50.000 און 60.000 אימיגראנטן א יאר, א צאל וועלכע ער האט שפעטער פארגעשלאגן. די סתירה קומט צוליב דעם איצטיקן צושטאנד פון לאנד. אבער די געזעלשאפט (וואס ער האט דערמאנט) האט בדעה איבערבויען דאס לאנד אויף אזא אופן, אז ס'זאל האבן די פעאיקייט אויסצוהאלטן א פיל גרעסערע צאל איינוווינער, אזוי ווי ס'איז געשען אין קאליפארניע און אין טוניס. אין לעצט־דערמאנטן לאנד האבן עקזיסטירט אין יאר 1882, אין שכנות פון ספאקס, נישט מער ווי ארום 45.000 אויל־ביימער, בעת נאר אין איין יאר 1914, זענען שוין דארט געפלאנצט געווארן 8.000.000 ביימער. דאס וואס איז פארגעקומען אין טוניס דאס קאן מען דערגרייכן פיל לייכטער אין פאלעסטינע, וו דער קלימאט איז א בעסערער און די ערד פיל פרוכטבארער. מיט דער הילף פון די יידישע פאנדן איז געגרינדעט געווארן א געזעלשאפט אויסצופירן דעם פראגראם, און ער (דער פלאן) וועט בלי ספק מצליח זיין. די שוועריקייטן וואס וועלן אנטשטיין ביי דער לייזונג פון די פראבלעמען זענען במעט ווי גארנישט, ווען מען פארגלייכט זיי מיט די שוועריקייטן, וואס וועלן אנטשטיין אין מזרח־אייראפע, וו די דארטיקע יידישע באפעלקערונג מאכט אויס ניין פראצענט פון אלע יידן אין אייראפע.

מאכנדיק די דערקלערונג האט ער גערעדט אין נאמען פון 96 פראצענט פון די יידן פון דער גארער וועלט, וועלכע טיילן די אנשויאונגען, וועלכע ער האט געפרווט אויסדריקן.

(נאך ווייצמאנס דערקלערונג האבן די ציוניסטישע דעלעגאטן און די עקספערטן פארלאזט די זיצונג).

נעמען־רעגיסטער

— א —

אַבעלע: 221.
אַבערסאָן, צבי ד״ר: 208, 210.
אַדאַטשי: 127, 144.
אַדלער, סײרוס ד״ר: 35, 65, 70, 72, 75, 79, 85, 90, 123, 124, 137, 139 — 143, 151, 186, 192, 193, 204, 215, 217, 229.
אונגאַר: 93, 233.
אוסישקין, מנחם מ.: 29, 64, 70, 74, 77, 79, 91, 93, 98, 186, 187, 204, 231, 249, 252.
אידעלסאָן, אַ.: 93, 204.
אײגער, דיאַנאַ: 211.
אײזענבערג, אהרן: 92.
אײנשטײן אַלבערט, פּראָפעסאָר: 221.
אַלדראָוואַנדי, גראַף: 248, 249.
אַלײניקאָוו, מ.: 26, 92, 93, 234.
אַנדראַשי, גראַף: 155.
אַפּענהײמער, פּראַנץ: 19.
אַקינקלאָס: 116.
אַראָנסאָן, נ.: 84.
אַרלאַנדאַ: 76, 106, 125, 126.
אַרמסי־גאר וו., מאַיאָר: 249.

— ב —

באַגען: 234.
באַלפור, אַ. י.: 37, 38, 46, 52, 84, 129, 183, 184 — 186, 231, 248.
באַראַכאָוו, בער: 14.
באַראַנדעס, יוסף: 32, 35, 223.
באַרוך, בערנאַרד: 123.
באַש, גווײאַם: 37.
בובליק, גדליה: 32, 207.
בוניאָן, דזשײמס: 213.
ביגאַרט: 72, 79, 81.
בײן, אַ. ד״ר: 213.
ביסאָן, פּערדינאַנד: 225.
ביסמאַרק, פּרינץ: 155.
בלאַנק: 71.
בליס, גענעראַל: 115, 224.
בענטוויטש, הערבערט: 69, 70, 72, 76, 93.
בענעדיקט, לעאָפּאָלד (ווינטשעווסקי): 35.
בענעש, ד״ר: 203, 233.
בעק יוזעף, פּולקאָווניק: 202, 203.
בערגמאַן, הוגאָ ד״ר: 92, 93.
בערגער, יוליוס: 50.
בערטעלא, פּיליפּ: 127, 130, 136, 144, 145, 158, 159, 249.
בערטעל, ס.: 249.
בערלין, אליהו: 92.
בערקאָוויץ, הענרי: 36.
בראָדסקי: 18.
בראַטיאַנו: 147 — 149, 151, 178, 179.
בראַנדײס, לואי: 32, 37, 38, 112, 231, 233.
בראַנדעס, געאָרג: 41.
ברוידע, מאַרקוס: 92, 95, 119, 216, 226.
ברוינשטײן, ע. מ.: 84.
בריקנער באַרנעט, ראַבינער: 209.

— ג —

גאַטליב, יהושע ד״ר: 211.
גאָלדבערג, אַב.: 210.
גאָלדמאַן, נחום ד״ר: 98, 210, 213, 214.
גאָלדער, אַלפרעד פּראַנק: 213.
גאָלדשטײן, מ.: 210.
גאַנס: 118.
גהיקא, גרעגאָר: 174.

גינצבורג דע, וולאַדימיר: 84.
גלאַמבינסקי: 172.
געלבער, נ. מ. ד״ר: 48, 215.
גערגעל, נ.: 214.
גראַבסקי, וולאַדיסלאַוו: 226.
גראַבסקי, סטאַניסלאַוו: 38.
גראַנטיר ס., קאָלאָנעל: 249.
גראָסמאַן, אַלעקסאַנדער: 93.
גריבאַן, וו. ה.: 249.
גרין (רעדאַקטאָר): 215.

— ד —

דובנאָוו, שמעון: 209.
דוטאַסטא: 106.
דזשאָרדזש דער פינפטער, קעניג: 52.
דיאַמאַנט, מאַקס ד״ר: 93, 233.
דיזענגאָף, מאיר: 208, 255.
דייאַמאָנד, זשאַק: 214.
דייטש, בערנאַרד: 210.
דילאָן, ע. י. ד״ר: 89, 215.
דימענשטיין, ס.: 25.
דלוסקי, ד״ר: 226.
דמאָוווסקי, ראָמאַן: 38 — 44, 95, 105, 160, 169, 171, 172, 214.
דע האַז יעקב, זע: האַז דע, דזשייקאָב.
דעלבריק: 255.
דע בערן: 249.
דעניקין: 29.
דרייפוס: 18.
דרייפוס (קאַפּיטאַן): 225.

— ה —

האָוס, עדוואַרד מאנלעי, קאָלאָנעל: 89, 109, 118, 120 — 123, 126, 128, 133, 134, 137, 151, 152, 194, 215.
האַז דע, דזשייקאָב: 35, 92.
האָלט, האַמילטאָן: 110.
האַלפּערין, אהרון: 214.
האַנד, לערנעד (ריכטער): 116.
האַנטקע, אַרטור ד״ר: 20.
האַנקעי מאָריס, סיר: 106, 130, 136, 144, 248.
האַסקין, ה. צ.: 215.
האַפקין, וואַלדעמאַר (מרדכי וואָלף): 84, 159, 185.
האַריסאָן, ל.: 249.
הודסאָן, מאַנלעי פּראָפעסאָר: 89, 118 — 120, 122, 134, 138, 144, 152, 169, 177, 193, 194, 217.
הוווער, הערבערט: 115, 137.
הורוויץ, דודל: 49.
היוסע, טשאַרלס: 141.
היטלער: 180, 181, 210, 212, 218, 256.
העדלאַם־מאָרלעי, זע: מאָרלעי־העדלאַם.
העי, דזשאָן: 176.
העלער, מאַקס: 209.
העניש, מאיר: 49.
הענעדוס דע, אדם: 214.
הענריקס, ה. ס.: 81.

— וו —

וואַדינגטאָן: 175.
וואַטסאָן, ד״ר: 117.
וואַידאַ־וואָיעוואָד אַלעקסאַנדער, גענעראַל: 179.
וואל, ס.: 210.
וואַלדמאַן, ישראל: 210.
וואַלדעמאַראַס אויגוסטינאַס, פּרעמיער: 182.
וואָלף, לוסיען: 39, 61, 72, 77, 79, 81, 85, 116, 131, 160, 215.
וואַרבורג אָטאָ, פּראָפעסאָר: 20.
וואַרבורג, פעליקס: 35.
וואַשילעווסקי, לעאָן: 226.
ווייז, סטיפען ס. ד״ר: 35, 38, 92, 112, 113, 185, 186, 207, 209, 210, 216.
ווייט, הענרי: 115, 122, 124, 186, 224, 249.
וויינבערג, מאָריס: 210.
ווייצמאַן חיים, ד״ר: 69, 113, 185 — 189,

218, 225, 249, 251, 252, 257, 258.
ווילהעלם, קייזער: 103.
ווילסאָן, פּרעזידענט: 38, 50, 92, 96, 97, 103, 105 — 109, 111 — 113, 118, 122, 124, 125, 127, 128, 130, 140, 141, 143, 145, 146, 148 — 153, 183, 185, 186, 194, 216, 218, 231, 245 — 248.
ווילקאָנסקי, יצחק: 92.
ווינאָוער: 229.
ווינטשעווסקי: 223.
ווישליצקי, וו.: 210, 211.
ווישניאַק, מ.: 210.
וועלטש, ראָבערט: 213.
וועניצעלאָס: 147, 148, 176.
וועקסלער: 231.

— ז —

זאָבורי, מ.: 249.
זאַלעסקי, גראַף: 53.
זאַלקינד, א. ב. ד״ר:
זאַנטשי, ל.: 249.
זולצבערגער, מאיר: 35.
זילבערפאַרב, משה: 27, 213.
זילבערשטיין, א. ד״ר: 210.
זינגער, לודוויק ד״ר: 93, 233.
זלאָטאָפּאָלסקי, הלל: 93.
זשיד זשאַן פאָלגוויאַם, פּראָפעסאָר: 225.
זשיטלאָווסקי, חיים ד״ר: 34.

— ח —

חיות צבי הרב, פּראָפעסאָר: 50, 208, 226.

— ט —

טאַרדיע, אַנדרע: 108, 135, 158, 159, 186, 188, 249.
טהאָן, יהושע ד״ר: 45, 69, 74, 77, 79, 92, 95, 204, 226.
טורקאָוו, מאַרק: 211.
טיגל, זעליק: 210.
טיטאָני: 218.
טעדעסקי גווידא, פּראָפעסאָר: 210.
טעמפּערלעי, וו. ה.: 89, 215.
טענענבוים, יוסף ד״ר: 57, 79, 93, 217, 222, 224, 227, 228, 230, 232, 234, 236.
טענענבלאַט, מ. א.: 49.
טרומביטש: 147, 149.
טשאַפּלין, טשאַרלי: 181.
טשלענאָוו, יחיאל ד״ר: 20, 21.
טשערמבערליין אָסטער, סיר: 197.
טשעמערינסקי: 25.
טשעריקאָווער, א.: 214, 215.
טשערנאָף י., פּראָפעסאָר: 78, 84.

— י —

יאָכעלמאַן, ד״ר: 208, 210.
יאַסטראָוו, מאָריס: 36, 42.
יאַנאָווסקי, אָסקאַר: 213, 216.
יאַנמאָלינסקי, א.: 213.
יאַקאָבסאָן, וויקטאָר (אביגדור): 20, 84, 210.
יעלין, דוד: 92, 225.

— כ —

כאַזאַנאָוויטש, לעאָ: 14, 213, 214.
כהן, גוסטאַוו: 19.

— ל —

לאַבאַן, סאַניעל: 93, 233.
לאָונעי דע, גראַף: 155.
לאָוענשטיין: 137, 229.
לאַזערסאָן מאַקס, פּראָפעסאָר: 208.
לאָיד דזשאָרזש, דאַוויד: 106, 107, 122, 129, 133, 137, 171, 183, 186, 218, 245, 247, 248.
לאַמפּאַרט, סאל: 209.
לאַנדוי, לייב ד״ר: 45.
לאַנדוי, רפאל ד״ר: 210.
לאַנדמאַן, אייזיק: 214.

לאַנדסמאַן, ראַבינער: 89.
לאַנסינג, ראָבערט: 107, 108, 115, 116, 183, 186, 188, 216, 224, 249, 527.
לאָקער, בערל: 14.
לאָרד, האַווארד ראָבערט, פּראָפעסאָר: 127, 170, 171, 215, 218.
לוצאַטאָ, לואידזשי: 217.
ליבער מ., ראַבינער: 84.
ליבערמאַן, הערמאַן: 230.
ליטוואַקאָוו: 25.
ליפּסקי, לואי: 209.
לעווי איזראַעל, אויבער־ראַבינער: 71, 81.
לעווי סילוויען, פּראָפעסאָר: 81, 186 — 190, 228, 249, 253, 256, 258.
לעוויטאַן: 25.
לעוויטע, לעאָן: 92, 226.
לעווין, שמריהו, ד״ר: 20.
לעווענשטיין, ד״ר: 230.
לעווענטאַל, רבי: 223.
לענין (וו. אוליאַנאָוו): 24. 25.

— מ —

מאַזור, ע.: 211.
מאָט, ד״ר: 117, 121.
מאַטסואי, ע. מ.: 249.
מאַיאָרעסקו: 176.
מייערסאָן: 230.
מאָנטי, פּ. י., פּראָפעסאָר: 248, 249.
מאָנטעפיאָרע, קלאָוד, סיר: 65, 66, 73, 81.
מאָני, דייוויד: 249.
מאָסינזאָן, בן־ציון: 208.
מאַפּאַן, שאַרל: 84.
מאָצקין, לעאָ (אריה לייב): 20, 21, 55, 62, 64, 74, 91 — 93, 119, 204, 208 — 210, 213, 216, 225, 236.
מאַצקעוויטש (קאַט): 44, 171, 198, 214.
„מאַקיאַוועלי״: 171.
מאַקינאָ, באַראָן: 109, 248, 249.
מאַראַטשעווסקי, פּרעמיער: 198.
מאַרגאָלין: א. ד.: 213, 230.
מאַרגוליעס, איזידאָר: 208.
מאַרגוליעס, עמיל ד״ר: 208, 210.
מאַרגענטוי, הענרי (פאַטער): 123, 168, 178, 185, 214, 217, 218.
מאַרטינאָ, די: 127, 128, 144.
מאַריע, פּרינצעסין: 178.
מאַרלעי־העדלאַם: 85, 127, 128, 131, 133, 137, 144, 145, 153, 245 — 247.
מאַרקיז, ד״ר: 129.
מאַרשאַל, לואי: 34, 35, 39 — 44, 64 — 73, 78, 79, 91, 92, 113, 115, 118, 120 — 123, 126 — 128, 131, 134 — 141, 151, 152, 160, 168 — 170, 186, 192, 194, 204, 205, 214, 216, 217, 223, 227, 229, 232, 240, 241.
מילער, הונטער דייוויד: 108, 116, 119 — 124, 126 — 128, 131, 133, 134, 136 — 138, 144, 152, 217.
מילער, לואי: 58.
מילנער: 186.
מעק וו. דזשוליאַן, ריכטער: 33, 34, 62, 63, 68 — 72, 77, 78, 91, 113, 115 — 118, 120, 121, 124, 134, 139, 168, 186, 192 — 194, 215, 216, 223, 227, 240, 241.
מערעזשין: 25.

— נ —

נאַטאַנזאָן: 230.
נאַכמיאַס זשאַק, בעי: 201.
נאַפּאָלעאָן: 75.
נוראָק, ד״ר: 208, 210.
ניטש, פּראָפעסאָר: 231.
ניידיטש, יצחק: 93, 210.
נעטער י. א., פּראָפעסאָר: 81.
נעמיראָווער, יעקב: 93.

— ס —

סאַליסבורי, לאָרד: 155.
סאַנינאַ, גראַף: 129, 186, 247 — 249.
סאָקאָלאָוו, נחום: 18, 20, 21, 51, 53, 55, 61 — 63, 69, 71, 73, 75, 79, 91, 92, 95 — 99, 129, 139, 140, 160, 169, 170, 185 — 187, 192, 204, 209, 226, 230, 231, 233, 234, 236, 249, 251.
סאָקאָלאָוו, צעלינא ד״ר: 96.
סווייטלינג, לאָרד: 81.
סטאַלין (יאָסיף דזשוגאַשווילי): 24, 25.
סטייווינסאָן, פּיטער: 31.
סיימור, טשאַרלס: 89, 215.
סיסל, ראָבערט לאָרד: 155.
סירקין, נחמן: 32, 35, 70, 78, 79, 91, 204, 223.
סמוטס, קריסטיאַן יאַן: 106.
סעידאַ, מאַריאַן: 38.
סעימאַר, מאַקס: 36.
סעמועל הערבערט, סיר: 122, 128, 133.
סעמועל מ. סטואַרט, סיר: 65, 76, 81.
סעע אויזשען: 61, 71, 72, 75, 81.
ספּיר, אַנדרע: 186, 187, 249, 253.
סקאָראָפּאַדסקי פּעטראָוויטש פּאַוועל, גענע־ראַל: 28, 29.

— ע —

עבנער, מאיר ד״ר: 210.
עהרע, יצחק: 222.
עליזאַבעט, פּרינצעסין: 178.
עפּרויקין, ישראל: 210.
עקערמאַן, ב.: 211.

— פּ —

פּאַדלישעווסקי, אברהם: 92.
פּאַדערעווסקי: 38, 39, 118, 129, 147, 150, 151, 154, 160, 169 — 171, 218, 248.
פּאַלק, לייאָן פראַנק: 183.
פּאַסמאַניק, דניאל ד״ר: 93, 204, 231, 234.
פּאַרטיע (קאַפּיטאַן): 249.
פּיאַצענטיני, מ. גאַלי: 249.
פּילסודסקי: 38.
פּעטליוראַ: 28, 29.
פּערניקאָף, י.: 210.
פּראַג, יוסף: 76, 81.
פּרילוצקי, נח: 18, 210.

— פ —

פאַרבשטיין, העשל: 92.
פיינבערג, נתן: 208, 217.
פילדערמאַן, ווילהעלם: 65, 93, 119, 216.
פיליפּסאָן, דוד ד״ר: 84.
פינק, ראובן: 113.
פישאָן: 37, 129, 186, 231, 249.
פישמאַן, יעקב: 209.
פלאַשקעס, ל.: 210.
פלעג, עדמאָנד: 167.
פעלמאַן, ס.: 84.
פראַנס, אַנאַטאָל: 227.
פראַנקפורטער, פעליקס: 56, 116 — 118.
פרעזיער א. ה.: 249.

— צ —

צוקערמאַן, ברוך: 32, 210.

— ק —

קאַהאַן, אייב: 57 — 59, 225.
קאַהאַן, מ.: 210.
קאַהן, יוליוס: 36, 84.
קאַהען, ישראל: 231.
קאַזשימיעזש „ווּיעלקי״, מלך: 54.
קאַטלער, הערי קאָלאָנעל: 35, 76, 91, 92, 225.
קאָלאָמבאַ, ס.: 70, 76, 93.
קאַלטשאַק: 229.
קאַפּלאַן, אליעזר: 92, 93.

קאַפּלאַנסקי, שלמה: 14.
קאצשינא מ., מאַיאָר: 249.
קאַראַלניק, א.: 209.
קאַרבאַך, אָסקאַר ד״ר: 208.
קאַרל, I: 175.
קאַרל אַנטאָן, פּרינץ: 175.
קאַרעסקי, געאָרג: 180. 210.
קובאָוויצקי, לעאָן (אַריה לייב קובאָווי) ד״ר: 211, 212.
קולידזש: 117, 118.
קורזן, לאָרד: 234, 235.
קליינמאַן, אַנסעלם ד״ר: 222.
קלעמאַנסאָ: 106 — 108, 129, 149, 151, 154, 155, 158, 159, 168, 180, 183, 194, 218, 249.
קלעע, אַלפרעד ד״ר: 210.
קעסלער, לאַווסאָן: 214.
קראָו, איירע סער: 183.
קראַמאַרזש: 147, 149.
קרימסקי, יוסף: 32.
קרעמער מאַרקוס, ד״ר: 93, 233.
קרעפּפּעל, י.: 172, 213.

— ר —

ראַבינסאָן, יעקב ד״ר: 208, 219.
ראַגי סאַלוואַגאַ, מאַרקיז: 249.
ראַזאָף, ישראל: 64, 91, 93.
ראַזמאַרין, הענריק ד״ר: 210, 211.
ראַזנבוים, שמשון ד״ר: 93, 204, 233.
ראָזנטאַל, לעאָנאַרד: 84, 158, 159, 232.
ראָזנפעלד, ד״ר: 210.
ראָזנפעלד, מאַקס: 213.
ראָזענשטיין, פּיליפּ: 93.
ראָטאַי: 172.
ראָטשילד דע, מאַיאָר: 65.
ראָטשילד, לאָרד: 81.
ראָטשילד עדמונד, באַראָן: 123, 124, 187, 254.
ראָסנער, ח.: 211.
ראַפּעס: 25.
רובינשטיין יצחק, הרב: 210, 211.
רודמאַן, ד״ר: 210.
ריטשאַרדס ג., בערנאַרד: 32, 35, 92, 113, 186, 214, 216, 223.
רייך, לעאָן ד״ר: 48, 55, 57, 63, 64, 76, 91 — 93, 96, 215, 216, 225 — 227, 232, 233.
ריינאַך, סאַלאָמאָן: 72, 81.
רינגל, מיכאַל ד״ר: 48, 55, 57, 63, 91, 93, 96, 215, 216, 218, 223, 225, 228 — 230, 234.
רצוווצקי, א.: 15.

— ש —

שוואַלבע, ג.: 211.
שטאַנד, אַדאָלף: 48.
שטייער ד., מאַקס: 209.
שטרויס ס., אָסקאַר: 35, 110, 123.
שטרויס, לואיס: 137.
שטרויס, נתן: 207.
שטריקער, ראָבערט: 19, 210.
שיף, יעקב: 35.
שמאַראַק, עמיל ד״ר: 210.
שערעשאָווסקי, רפאל סענאַטאָר: 210, 211.
שפּיגעל, וו.: 210.
שפּרינצאַק, יוסף: 210.
שראַגע, ל.: 93.
שרייבער, דוד ד״ר: 48, 53, 222.

ד״ר יוסף טענענבוימס ביז־איצט דערשינענע ביכער:

1) Unsere Friedensfrage (von einem Zionisten). Wien 1917.

2) Problemy gospodarcze Zydów w Galicyi. Moriah 1918.

3) Der Lemberger Judenpogrom. Brünn-Wien 1919.

4) La question Juive en Pologne. Paris 1919.

5) א י ן פ יי ע ר, דערציילונגען פונעם שלאַכטפעלד. ניו־יאָרק 1926.

6) The Riddle of Sex. New York-London 1929.

7) Mad Heroes — Skeletons and Sketches from the Eastern Front. New York 1931.

8) The Riddle of Woman — A Story in Social Psychology. New York-London 1936.

9) Races Nations and Jews. New York 1935.

10) American Investments and Busines in Germany. New Yok 1940.

11) The Road to Pan-Americanism. New York 1941.

12) Peace for the Jew. New York 1945.

13) In Search of a Lost People. New York 1948.

14) Undergroud — The Story of a People. New York 1952.

15) Race and Reich — The Story of an Epoch. New York 1955.

16) גאַליציע מיין אַלטע היים. בוענאָס־איירעס, 1952.
(באַנד 87 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום״).

17) צווישן מלחמה און שלום. בוענאָס־איירעס, 1956.
(באַנד 119 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום״)
און פיל קלענערע אַרבעטן.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָוושיאַני דערציילט... **(אויספאַרקויפט)**
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פרץ **(אויספאַרקויפט)**
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע **(אויספאַרקויפט)**
4) **פרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו **(אויספאַרקויפט)**
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש **(אויספאַרקויפט)**
6) **זרובבל** — באַרג חורבן **(אויספאַרקויפט)**
7) **אלחנן צייטלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב **(אויספאַרקויפט)**
8) **ד״ר ח. שאָשקעס** — פוילן — 1946 **(אויספאַרקויפט)**
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 **(אויספאַרקויפט)**
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן **(אויספאַרקויפט)**
11) **ד״ר מאיר באַלאַבאַן** — די ייִדן־שטאָט לובלין **(אויספאַרקויפט)**
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע ייִדן **(אויספאַרקויפט)**
13) **ד״ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר **(אויספאַרקויפט)**
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו **(אויספאַרקויפט)**
15) **ד״ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ **(אויספאַרקויפט)**
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע **(אויספאַרקויפט)**
17) **חיים גראַדע** — פליטים **(אויספאַרקויפט)**
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פאַרטיזאַנער גייען!... **(אויספאַרקויפט)**
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד **(אויספאַרקויפט)**
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט **(אויספאַרקויפט)**
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געברענטע טריט
23) **אברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הייף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג **(אויספאַרקויפט)**
26) **לעאָ פינקלשטיין** — מגילת פוילן **(אויספאַרקויפט)**
27) **יאָנאַס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... **(חורבן וואַרשע)**
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פאַט** — הענעך
30) **ד״ר י. קערמיש** — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (**אויספאַרקויפט**)
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער וואָך
82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג
89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (**אויספאַרקויפט**)
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין געריש פון מאַשינען (**ראָמאַן**)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (**קראָקע**)
95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן
(פּרעמירט דורכן צבי קעסטעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (**ראָמאַן**)
99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאַפּט־מאַגנאַטן
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פּ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (**ראָמאַן**)
105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט (**היסטאָרישער ראָמאַן**)
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (**זכרונות**)
114) **פּנחס שטיינוואַקס** — יידן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) **מאַקס וויינרייך** — פון ביידע זייטן פּלויט
117) **אליעזר וויזל** — ...און די וועלט האָט געשוויגן

118) **ש. בערלינסקי** — ירושה
119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל (**ראָמאַן**)
משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־איראָפּע

עס גרייט זיך צום דרוק:

אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...
שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
דוד פלינקער — יאַנקל באַלעגאָלעס צייטן (**ראָמאַן**)
פנחס וועלנער — דערציילונגען
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן

Dr. J. TENENBAUM

ENTRE LA GUERRA Y LA PAZ

(MEMORIAS)

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1956

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 119

Copyright by, Dr. J. Tenenbaum, New-York

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 25 de Enero de 1956, en los Tall. Gráf. Julio Kaufman, S. R. L. Corrientes 1976, Buenos Aires